STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10779

MENTSHN FUN MAYN LAND

I. Falikman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

608

י. פאליקמאן

מענטשן פון מײַן לאנד

דערציילונגען

Montreal
JEWISH PEOPLE'S

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1945

דער ארטיסט

דער נ־ער פּאָלק האָט פארנומענ פּאָזיציעס אינ דער באלקע סאטו. דעם גאנצנ טאָג איז דאָרט געווענ שטיל. ביידע צדאָדימ האָבנ בלויז עטלעכע מאָל זיכ א טויש געטאָנ מיט ארטילעריע־שאָסנ. פונ מאָל צו מאָל האָבנ אפּנ בערגל ארומ דער באלקע געשטעפּט קוילנוואָרפערס. אמאָל האָט דורכגעבליצט א טראסירנדיקע קויל, וועלכע א רויטאָר־מייער האָט ארויסגעלאָזט אינ א דײַטש, וואָס האָט פרעכ זיכ ארויסגערוקט פונעמ שוצגראָבנ. אָדער א דײַטשישער אווטאָמאט האָט א ביל געטאָנ אפּ אנ אונדזעריקנ, וואָס האָט זיכ ניט גאָר פאָרזיכטיק אָנגעבויגנ, דורכקלײַבנדיק זיכ איבער א טראנשיי. נאָר אינ אלגעמיינ איז דעמ דאָזיקנ טאָג שטיל געווענ אפּ די פּאָזיציעס פונעמ נ־ער פּאָלק. אונ אינ פּאָליטאָפּטייל פונ דיוויזיע האָט מענ געפונענ פאר מעגלעכ צושיקנ אהינ כאָטש איינ ארטיסט פונ דער גרופּע אקטיאָרנ, וועלכע זײַנענ פונ א גרויסער, ווײַטער סיבירער שטאָט געקומענ באדינענ די אָפּערירנדיקע טיילנ.

ארויסגעזאָגט א פארלאנג צו דערקלײַבנ זיכ נעענטער צו די פּאָדערשטע פּאָזיציעס האָבנ עטלעכע ארטיסטנ מיטאמאָל. דאָס האָבנ זיי, אייגנטלעכ, אופּגעגעבנ דעמ דאָזיקנ געדאנק אינ פּאָליטאָפּטייל. דער ערשטער האָט ארויסגעזאָגט א ווונטש צו פאָרנ אָדער צו גיינ אפּ דער פּאָדערשטער שוצליניע א פארדינסטפולער ארטיסט מיט אנ אָרדענ אפּ דער ברוסט, שוינ אנ עלטערער, פולבלעכער מענטש מיט באזילבערטע שלייפנ. באלד האָט פאר דער דאָזיקער אידיי זיכ אָנגעכאַפּט אויכ א יונגע זינגערנ, א דינינקע, ניט קיינ הויכע, א שלאנקע, מיט פריילעכע אויגנ, באשאָטנטע מיט לאנגע צוגעפּארבטע וויעס. זי האָט זיכ געלאָזט דאָס צו איינ טוער פונ פּאָליטאָפּטייל, דאָס צו א צווייטנ, מיט איר ווײַסער, דינער האנט אָנגענומענ יעדנ פארנ לאצ פונ שינעל אונ געוואָלט אלעמענ איבערצײַגנ, אז ס׳איז איר ניט שרעקלעכ, ניינ, ס׳איז איר זייער אינטערעסאנט, ס׳איז איר טרוימ פונ דער גאנצער נעסיע.

אָפּגעשטעלט האָט מענ זיכ אָבער אינ פּאָליטאָפּטייל דאפּקע אפּנ

25301

פֿאַרלעזער פֿון דער גרופּע. דאָס איז געווען אַ מאַנצבל פֿון אַ יאָר זיבן און דרײַסיק, העכער פֿון מיטעלן וווּקס, מיט אַ לענגלעכ, גוט-אויסגעגאָלט, פֿאַרקלערט געזיכט, מיט גרויע, טרויעריקע אויגן, וועלכע זײַנען געזעסן טיף אונטער העלע, געדיכטע ברעמען און איבער וועלכע זײַנען דינע, עטוואָס בלוילעכע אויגן-לעפּלעך האָבן זיך פֿון מאָל צו מאָל אַראָפּגעלאָזט, ווי בײַ אַ מענטשן, וואָס איז מיד, זייער מיד. אַ קאַלטלעכער, אַזוי ווי אַ זײַטיקער, איז ער געשטאַנען צוגע-שפּאַרט צו דער וואַנט פֿונעם ערד-שטיבל, וואָס איז געווען באַקלאַפּט מיט גראָבע ברעטער, און האָט מיטן אַקסל געפֿילט דעם שטילן, קוים-מערקבאַרן ציטער פֿון דער ערד בײַם די ווײַטע האַרמאַטן-שאָסן. אונטער דער פּאַכווע האָט ער געהאַלטן עפּעס אַ פּעקעלע, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט געשיידט. אָנגעטאָן איז דער דאָזיקער אַר-טיסט געווען אַ ביסל ניט געוויינלעך, — ער האָט געטראָגן אַ רויט-אַרמייִשן שינעל איבערן ציווילן, טונקל-גרויען אָנצוג, אַ בודיאָנאָווקע. זי איז געווען ניט באַקוועם אַראָפּגערוקט איבער די אויערן, נאָר אַזוי, אַז די העלע, גלאַטע האָר, פֿאַרקעמטע אַף אַרוף, האָבן זיך געזען איבער זײַן הויכן שטערן. אַף די פּיס האָט ער געטראָגן וואָ-ליקעס. געווען איז אין זײַן גאַנצן אויסזען אַן אויסדרוק פֿון גלײַכ-גילט, פֿון קאַלטער גרייטקייט און עפּעס אויך פֿון מידער אַנטשלאָסנ-קייט, און דאָך האָט ער, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן און אַפֿילע ווי ניט צוגעהערט זיך צום שטרײַט, ווער עס זאָל גיין אַף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס, מיטאַמאָל זיך אויסגעגלײַכט און געזאָגט:

— נו, איז וואָס זשע רעדט מען דאָ אַזויפֿיל? איך וואָלט גע-גאַנגען. כ׳בין גרייט צו גיין...

מע האָט אַף אים אַ קוק געטאָן אַ ביסעלע פֿאַרכידעשט, מע האָט אַפֿילע אים ניט געפֿונען וואָס צו ענטפֿערן — ווער וויל דען ניט גיין? — נאָר עפּעס איז געווען אין זײַן טאָן אַזוינס, אַז אַלע האָבן דערפֿילט: יאָ, ער איז דער סאַמע פּאַסיקער. דער שעף פֿון פּאָליטאָפּטייל, וואָס איז געזעסן באַם טישל אין עק פֿון ערד-שטיבל און געוואַ-רעמט די פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער אָן אַ בלעכן טעפּעלע טיי, האָט מיט-אַמאָל אָפּגערוקט אַ ביסל דאָס טעפּעלע און געזאָגט:

— איז אָט, וועט איר גיין... זאָל דער דאָזיקער כאַווער גיין. אויב ס׳וועט זײַן מעגלעך, וועט איר פֿאַרלייענען עפּעס, נאָר אַזוינס, וואָרעמס, ס׳זאָל פֿאַר דער נעשאָמע נעמען... די מענטשן אין די טראַנשייען האָבן זיך שוין פֿאַרבענקט נאָך דעם.

דער אַרטיסט האָט מיט אַ שאָקל פֿונעם קאָפּ און מיט אַ צע-מישטן, שמייכלענדיקן בליק זיך געזעגנט מיט אַלעמען, וואָס האָבן זיך געפֿונען אינעם ערד-שטיבל, און איז אַוועק, טראָגנדיק זײַן לענג-

לעכ פעקעלע אונטער דער פאכווע. א יונגער אווטאָמאַטלער האָט אים באגלייט אינ פאָלק.

אפנ וועג צו דער באלקע סאטו זײַנענ זיי פארבײַגעגאנגענ פיל אנדערע באלקעס, ווו ס׳זײַנענ געשטאנענ צונויפגעדריקט פורלעכ, פערד, ווו עס האָבנ כרידלעכ געריייכערט פעלד-קיכנ אונ קעכערס האָבנ געהאקט פארפרוירנ פלייש, פארבײַגעגאנגענ ערד-שטיבלעכ, וואָס האָבנ זיכ ווי נאָרעס פונ א מוילוואָרפ געצויגנ בא די בארג-שיפויענ, געמיטנ ארטילעריע- אונ מינענווארפער-באטארייעס. דער ארטיסט האָט, שווײַגנדיק, זיכ צוגעקוקט צו דעמ אלעמ, ווי צו עפעס געוווינטס. ס׳איז אפילע פארשווונדנ די פארזאָרגטקײַט פונ זײַנ געזיכט — אזא טיפע רויִקײַט אונ גרייטקײַט איז אפ דעמ געוועג, ווי בא דעמ געוויינלעכנ סאָלדאט, דעמ גרויענ אונ פראָסטנ, וואָס אז ער איז געשיקט עפעס טאָנ, גייט ער.

סנאריאדנ האָבנ א פאָר מאָל דורכגעפײַפט איבערנ קאָפּ, ערגעצ ניט ווײַט מיט א קרעכצ געריסנ זיכ. דער אווטאָמאטלער האָט זיכ ניט אָפּגעשטעלט, ניט געווענדט קיינ אופמערקזאמקײַט דערופ, אונ דער ארטיסט האָט זיכ אויכ ניט אומגעקוקט. ער האָט בלויז איינ מאָל אריבערגענומענ דאָס ווײַסע, לענגלעכע פעקעלע אינ דער צווייטער האנט, שטארקער צוגעדריקט עס מיטנ עלנבויגנ, געמאכט א פאָר שנעלערע שפאנ, נאָר באלד זיכ צוריקגעכאפט אונ שוינ מער זיכ ניט געײַלט, ווענ א פײַפ פונ א סנאריאד האָט האסטיק גענומענ אָנוואקסנ אינדערלופטנ...

ענדלעכ איז מענ געקומענ אינ א טיפער, געשלענגלטער באלקע, בא וועלכער די שיפויענ זײַנענ געווענ באדעקט מיט שיטערע קוסטעס — אינ דער באלקע סאטו, ווו ס׳האָט זיכ געפונענ דער שטאב פונ נ-ער פאָלק. דער אווטאָמאטלער האָט זיכ אָפּגעשטעלט בא א בלינדאזש מיט א הילצערנ דעכל אונ א געפארבטער טיר. דאָס איז געווענ דער בלינדאזש פונעמ פאָלק-קאָמאנדיר.

דאָ איז געשטאנענ א וואכמאנ. דערוווסט זיכ, ווער ס׳איז געקומענ, האָט ער אָפּגעטרייסלט דעמ שניי פונ די וואָליקעס אונ איז ארײַנ אינ בלינדאזש מיטיילנ. באלד האָט די טיר ווידער זיכ אנ עפנ געטאָנ, אונ ס׳איז ארויס א יונגער, בלאָנדער לייטענאנט. אפ זײַנ קײַלעכדיקנ, צערויטלטנ אונ באזונדערס אופגערוימטנ געזיכט האָט זיכ צעפלאָסנ א שמייכל פונ אכטונג אונ גאכטערײַנטלעכקײַט. מיט א ברייטנ מאכ פונ דער האנט האָט ער אײַנגעלאדנ דעמ ארטיסט ארײַנגיינ. אונ דער ארטיסט איז אויכ אינ א באזונדערס געהויבענער שטימונג, מיט אזא אומבאשטימטער, פריידיקער דערווארטונג אריבערגעטראָטנ די שוועל פונ ערד-שטיבל.

פונעם שנײ און פון דער דרויסנדיקער ליכטיקײט האָט ער ניט באַלד באַמערקט, וואָס אין דעם געראַמען בלינדאַזש קומט פאָר און ווער ס'איז דאָרט פאַראַן. מע האָט אים פרײַנטלעך באַגריסט, עטלעכע שטימען מיטאַמאָל האָבן געזאָגט: „אָ, אָ, צו אונדז אַן אַרטיסט, זײער פײַן, זײער אָנגענעם“. עפּעס האָט עמעץ פון אַ זײַט געפרעגט, צי ער איז שוין לאַנג אין דיוויזיע, נאָר טײקעף האָט די דאָזיקע שטים איבערגעדעקט אַן אָנגענעמער, פעסטער באַס, וואָס האָט באַלעבאַטיש-באַפעלעריש און ברײטלעך געזאָגט:

— נו, גענוג פאַרשיטן אַ מענטשן מיט פראַגן, מע דאַרף אים פריִער אָוועקזעצן, דעם גאַסט. אַנו, לאָזט אים צו נעענטער צום אײוועלע.

און דער אַרטיסט, וואָס האָט זיך צוגעווױנט צום האַלב-טונקל, האָט דערזען אַ הויכן, קרעפּטיקן מאַנצבל מיט ברײטע אַקסל. ער איז געשטאַנען אינמיטן צימער אויף אײן פוס. דער צווײטער, פון וועלכן דער שטיוול איז געווען אויסגעטאָן און די גאַליפע-הויזן פאַרהויבן ביז דער קני, איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בענקל. אַ יונגע מעדשוועסטער מיט גלאַטע, לײַנענע האָר האָט זיך צוגעזעצט אויף די שפּיץ פינגער לעבן בענקל און פאָרזיכטיק אַרומגעשמירט מיט יאָד אַן אָפענע וווּנד אויף אָט דעם פוס. דאָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק — אַ פּאָדפּאָלקאָווניק.

דער אַרטיסט איז צוגעגאַנגען צום אײוועלע. ער האָט טאַקע געוואָלט אַ וואַרעם טאָן די הענט. קײן הענטשקעס האָט ער ניט געטראָגן, האָט ער מעכאַניש אָוועקגעלײגט אין אַ זײַט, אויף אַ ציגל, דאָס פּעקלע, נאָר באַלד זיך געכאַפּט און עס ווידער גענומען אונטער דער פּאַכווע, ווי ער זאָל דאָס מורא האָבן צו פאַרגעסן. דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט מיט אינטערעס געקוקט אויף אים.

— כאָטש איר זעט אָנגעטאָן אין אַ שינעל און אין אַ בודיאָנאָווקע, נאָר כ'זע אויף אײַך אַ ציווילן אָנצוג, — האָט ער געזאָגט, צעציִענדיק אין אַ שמײכל די פולע, בוילעטע ליפּן, — כ'האָב שוין לאַנג ניט געזען קײן ציווילע קלײדונג... שוין וויפל? אַ כאַדאָשים זעקס זײַנען מיר דאָ, אין די באַלקעס, ווו ס'איז בכלל ניט צו זען קײן ציווילן, און פריִער איז אויך אויסגעקומען זיך ווײניק צונויפשטויסן מיט מענטשן פון פרײַען גראַד — שטענדיק אין די ערדשטיבלעך, אין פעלד... ס'איז אָנגענעם דערמאָנען זיך אָן אַמאָל, אָן דער הײם... אַרויסרופן אין געדאַנק אַ שטאָטיש בילד...

דער אַרטיסט האָט געשוויגן, בלויז פאַרלוירן אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסל, ווי ניט וויסנדיק, וויאַזוי צו באַציִען זיך צו די דאָזיקע ווערטער דעם פּאָדפּאָלקאָווניקס.

— איכ בינ א קאדראָווער מיליטערישער, — האָט פאָרגעזעצט דער קאָמאַנדיר פונ פאָלק, — נאָר אינ א פרײַענ אָוונט האָב איכ זיכ אמאָל ליב געהאט איבערצוטאָנ אינ ציווילע קליידער אונ אוועקגיינ שפאצירנ אינ גאס... פארלירסט זיכ אזוי צווישנ אלעמענ, אונ ס׳איז גוט... עכ, מאלע וואָס מיר האָבנ אמאָל ליב געהאט!

— כ׳בינ געווענ אינ פאָלקס-אָפאָלטשעניע, אונטער מאָסקווע, — האָט דער ארטיסט געזאָגט, ווי בארעכטיקנדיק זיכ אונ ענטפערנדיק אפ זײַנ אייגענער פארלעגנהײַט, — איז פונ דאָרט בא מיר דער שינעל אונ די בודיאָנאָווקע. כ׳האָב געמוזט אוועקגיינ, ווײַל כ׳בינ לויטנ געזונט ניט פאסיק פאר מיליטער-דינסט, א שטארקער רעוומאטיזם אונ נאָכ פארשיידענע קרענק... אונ דער דאָזיקער אָנצוג איז גאָר ניט קיינ פײַנער, — האָט ער צוגעגעבנ, — צעקנייטשט געוואָרנ אינ וואגאָנ אונ היפש אָפגעריבנ...

— נו, יאָ, איכ זאָג ניט, — האָט דער פאָדפאָלקאָווניק דערפילט די פארלעגנהײַט פונעם ארטיסט אונ, ווי איבערבעטנדיק אים, ווידער ברייט אונ הארציק א שמייכל געטאָנ. ער האָט א קער געטאָנ דעמ פוס, צו וועלכנ די מעדשוועסטער האָט אָקאָרשט געוואָלט צולייגנ אינ עפעס אנ אָנגעווייקט געל שטיק מארליע. — איז וואָס וועט איר זינגענ צו שפילנ? — האָט דער קאָמאנדיר געפרעגט אונ נײַגעריק א קוק געטאָנ אפנ פעקעלע, וואָס דער ארטיסט האָט געהאלטנ אונטער דער פאכווע.

— ניינ, כ׳וועל פאָרלייענע... כ׳בינ א פאָרלייענער, — האָט יענער געזאָגט מיט אינערלעכער פעסטקײַט, צונויפגערוקט די העלע, געדיכטע ברעמענ אונ מידלעכ אראָפגעלאָזט די בלוילעכע דינע אויגנ-לעפלעכ.

— אָ, פאָרלייענע, גוט, גוט, דאָס איז אינטערעסאנט... מ׳פארבענקט זיכ אמאָל נאָכ א ביכל, אונ לייענע איז ניטאָ ווענ אונ ניטאָ וואָס... אָט טשעכאָוו וואָלט איכ געלייענט, כאָטש וואָס-ניט-איז. האָב איכ אנומלטנ געשיקט מײַנ אדיוטאנט אינ א נאָענט דערפל, ער האָט דאָרט איבערגעגראָבנ, וואָס איר ווילט, — נאָר טשעכאָוו ניט געפונענ... דערנאָכ האָבנ זיכ דאָ בא אונדז אָנגעהויבנ אזעלכע שלאכטנ, אז ס׳איז שוינ אינ קאָפ ניט געלעגנ. אָט בלויז הײַנט איז א ביסל שטילער...

אינ ווינקל האָט זיכ צעקלונגענ דער טעלעפאָנ. דער יונגער לייטענאנט מיטנ רויטנ, פארפלאמטנ געזיכט, פונ וועלכנ ס׳איז די גאנצע צײַט ניט פארשווונדנ דער אויסדרוק פונ פריידיקער גרייטקײַט אונ אכטונג, האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צומ טרײַבל, עפעס א זאָג געטאָנ אינ דעמ, אײַנגעהערט זיכ א ווײַלע אונ באלד זיכ געענדערט. זײַנע

דינע, אונטערגעגאָלטע ברעמענ האָבנ זיך אופגעהויבנ אפנ שטערנ, דאָס פּאָנעמ איז נאָך רויטער געוואָרנ, די האנט, מיט וועלכער ער האָט געהאלטנ דאָס טרײַבל, איז געוואָרנ ווײַס אונ האָט א ציטער געטאָנ. — וואָס ?! — האָט ער א געשריי געטאָנ מיט א פּלוצעמדיקער הייזעריקײַט, — באלד, באלד... אָט גיב איך עס איבער דעמ באלעבאָס...

ער האָט מיט אָפּגעשטעלטע, עטוואָס ברייטער צעעפנטע אויגנ שווײַגנדיק א קוק געטאָנ אפנ קאָמאנדיר פונ פּאָלק, מיט אָט דעמ שווײַגנ געבנדיק אימ צו פארשטיינ, אז עפּעס איז געשענ וויכטיקס, מיט אײנ האנט גענומענ אויסגלײַכנ דעמ פּארדרייטנ טעלעפאָנ־דראָט אונ מיט דער צווייטער דערלאנגט דאָס טרײַבל.

— „אויגנ"? ארכיפּאָוו? — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק אײַליק א פרעג געטאָנ אונ טייקעפ זיך א בייג געגעבנ מיטנ גאנצנ גופ צומ טרײַבל. — הא? איך הער, וואָ-אָס?! — האָט ער א זאָג געטאָנ אָפּגעהאקט, מיט א פארענדערטער שטימ אונ אזוי הויך, אז דאָס קאנעצל, וואָס האָט טונקל געברענט אינ א ווינקל פונ בלינדאזש, האָט זיך א וויג געטאָנ, אונ דער ארטיסט, וואָס איז געשטאנענ באמ אייוועלע, האָט דערפילט, ווי ס'איז אימ א פיבער דורך איבערנ לײַב. — וויפל זאָגסטו? וויפל?! צוואנציק?! אונ צומ שאָכנ אויך? — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק געשריגנ אינ טרײַבל. ער האָט מיטאמאָל פארגעסנ, אז מע בינדט אימ איבער דעמ פוס, אימ א שטעל אראָפּ געטאָנ אפ דער ערד אונ א טראָט געטאָנ נעענטער צומ טעלעפאָנ. די מעדשוועסטער מיט די גלאטע, לײַנענע האָר איז געבליבנ זיצנ א פארגליווערטע אפ די שפּיצ פינגער, — כ'וועל אלײנ אָנקלינגענ צו „נעווא"! צו „וואָלגא" שיק שוינ א מענטשנ, אויב קיינ פארבינדונג איז ניטאָ. זאָלנ זיי ארויסרופנ א פארצוימ-פײַער... וואָס, דו זעסט, אז זיי האָבנ שוינ געעפנט פײַער? אלײנ? דאָך דארפ מענ זיך פארבינדנ... נו, ארבעט, איך קומ באלד אלײנ...

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

— אופהייבנ די דריטע ראָטע! — האָט ער אָפּגעהאקט א זאָג געטאָנ צומ אדיוטאנט, — זי וועט גייַנ מיט מיר! — דער אדיוטאנט איז אוועק. — טאָכטערקע, פארענדיק שנעל די מאניפּוליאציע, — האָט ער זיך א ווענד געטאָנ צו דער מעדשוועכטער. זי האָט פלינק גענומענ פארפעסטיקנ דעמ אראָפּגערוקטנ באנדאזש. — די פלאנשעטקע! די שווערד! — האָט דער קאָמאנדיר גערוקנ באפוילנ דעמ אָרדינארעצ, אנ עלטערנ רויטארמייער מיט פלינקע, געלאסענע באוועגונגענ, אונ ביז יענער האָט אימ דאָס אלצ דערלאנגט, האָט ער אלײנ דערווײַל אָנגעקלונגענ צו „נעווא". דער ארטיסט האָט זיך צוגעקוקט צו דעמ אלעמ אונ ניט געוווסט וואָס צו טאָנ מיט זיך. דער פּאָדפּאָלקאָווניק

האָט ארופגעשלעפּט דעם שטיוול, א שטאַרקן קרים זיך געטאָן און איז אופגעשפּרונגען, אָנגעטאָן דעם שינעל, וואָס האָט אים געמאכט שטאַלטנער און נאָך מענערישער, פאַרקרעמפּעוועט זיך מיטן רי־מען און מיט די פּאַרטופּייעס. און דאָ האָט ער שוין מיט אַן אָפּ־וועזנדיקן בליק זיך אָפּגעשטעלט אפן ארטיסט, מיטאמאָל, ווי דער־מאָנט זיך אין אים, א צעפיר געטאָן מיט די הענט און א שמייכל געטאָן: — נו, אָט וועט אונדז אויך הײַנט אויסקומען אָפּלייגן די פאַר־ווײַלונגן... מע דאַרף אַן אטאַקע אָפּשלאָגן... אויב איר ווילט אוועק־גיין, וועט אײַך דער דאָזיקער כאַווער, מײַן אָרדינאַרעץ, אָפּפירן, און אויב איר קאָנט, ווארט... מירן אײַך גערן אויסהערן...— און ער האָט אזוי באשעפטיקט, האַרציק און אנטשולדיקנדיק זיך א שמייכל געטאָן, אז אינעם ארטיסט האָט אלץ א קוועל געטאָן פון פרייד, פון אינערלעכער, טיפער ווארעמקײַט און גליק.

אין בלינדאַזש זײַנען פאַרבליבן בלויז דער ארטיסט מיטן אָר־דינאַרעץ.

— איך קאָן אײַך אָפּפירן אין דיוויזיע, — האָט דער אָרדינאַרעץ געזאָגט, צוראַמענדיק פונעם טישל עטלעכע טעפּעלעך, א טעלער מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך ווורשט און אויסשטעלנדיק דאָס אלץ אקור־ראַט אפן פּאָליטשקע, ווו ס'האָט געברענט דאָס קאַנעצל.

ס'האָט זיך דערהערט א שטאַרקער, אָנוואַקסנדיקער געוויי, און עטלעכע מעכטיקע אופרײַסן האָבן אופגעטרייסלט דעם בלינדאַזש. ערד-שטויב האָט זיך גענומען שיטן פון דער סטעליע, א מײַזל איז הין און צוריק דורכגעלאָפן איבערן ראַנד פונעם הענגענדיקן שפּיגל, אראָפּגעלאָזט זיך איבער א דיקן באַלקן און פאַרשוווּנדן אין א זײַ־טיקער שפּאַרונע. דער ארטיסט האָט געקוקט, ווי דאָס עקעלע פונעם מײַזל איז פאַרשוווּנדן, און האָט זיכער געזאָגט:

— ניין, כ'וועל ניט גיין אין דיוויזיע... כ'וועל צוווארטן, ביז ס'וועט זיך ענדיקן. — ער האָט א כמורנע געטאָן די געדיכטע ברע־מען, א קרים געטאָן די אקשאָנעסדיק צונויפגעפּרעסטע ליפּן, ווי ס'זאָל אים ביכלאל דערווידער זײַן די דאָזיקע פראַגע. ס'האָבן זיך ווידער דערהערט איינס נאָך איינס עטלעכע שטאַרקע אופרײַסן גאָר נאָענט. ער האָט טרויעריק א שמייכל געטאָן, ווי איינער מאכט: „נו, יאָ, מע קאָן דען עפּעס אנדערש דערווארטן?" — ניט פרעגנדיק קיין דערלויבעניש, האָט ער מיט די איידעלע ווײַסע פינגער זיך א צי געטאָן צום אָפענעם פּעקל ציגאַרן, וואָס איז געלעגן אפן טיש, און פאַררייכערט.

ס'האָט זיך גאַנץ בוילעט דערהערט א שטעפּן פון קוילנוואַר־פערס, אַן אומקלאָר גרילצן און זשומען פון מאָטאָרן. דער אָרדי־

נארעץ האָט אומרויִק אונ מיט אכטונג א לאנגנ, שווערנ קוק געטאָנ אפנ ארטיסט, דערנאָכ, ווי אַנטשלאָסנ זיכ, געזאָגט:

— איכ מיינ, כאווער, אז ס'וואָלט פאר אײַכ טאַקע בעסער געווענ אוועקגיינ. איכ וועל אײַכ ווײַזנ דעם וועג. גאָרנישט קומט דאָ אזוינס ניט פאָר, נאָר איר זײַט דאָכ ניט געוווינט. אזוי אז... ווי איר פארשטייט... איכ'ל דאָ א קוק טאָנ ארופ אונ טייקעפ ארײַנגיינ... — ער איז ארויס אינ דרויסנ.

דער ארטיסט האָט רויִק גערייכערט. קיינ שום זאָרג אונ פארקלערטקײַט האָט זײַנ געזיכט איצט ניט אויסגעדריקט, פארקערט, די אויגנ האָבנ זיכ אָנגעצונדנ מיט א קוים מערקבארנ אינערלעכנ פײַערל, נאָר אויכ דאָס איז באלד פארשוווּנדנ. זײַנ גאנצע פיגור האָט איצט אויסגעדריקט בלויז רויִקײַט אונ גרייטקײַט. ער האָט דאָס פעקעלע געפרוווט ארײַנרוקנ אינ קעשענע פונ שינעל, נאָר ס'איז ניט געקראָכנ, האָט ער עס ווידער פארפרעסט אונטער דער פאכווע.

דער אָרדינארעץ האָט זיכ אומגעקערט א פארזאָרגטער, א באשעפטיקטער, א מאָדנע אופגערעגטער. ער האָט ארויסגעשלעפט פונ אונטער דער נארע א קאסטנ, ארויסגענומענ פונ דאָרט עטלעכע גראנאטעס, דערנאָכ איז ער ארופגעקראָכנ אפ דער נארע אונ אראָפגענומענ פונ וואנט אנ אווטאָמאט. ער האָט די גראנאטעס פארוקט אינ קעשענע; איינע, א גרויסע — צוגעפעסטיקט אפ א שטריקעלע צום רימענ. דעם אווטאָמאט פארוואָרפנ אפנ אקסל אונ זיכ געלאָזט צו דער טיר.

— נו, איז זײַט דאָ, — האָט ער א זאָג געטאָנ צום ארטיסט מיט פאָרוווּרפ, שטרענג א קוק געטאָנ אפ אים פונ דער שוועל, ווי מע קוקט אפ א מענטשנ, וואָס טוט, אייגנטלעכ, ניט דאָס, וואָס מע דארפ, נאָר אי מע האָט קיינ מאכט ניט איבער אים, אי מע פארשטייט אים ניט. דער ארטיסט האָט עס דערפילט. ער האָט אומרויִק א בלאָנדזשע געטאָנ מיטנ בליק איבערנ ברייטנ טונקעלנ בלינדאזש. דאָס מײַזל, וואָס האָט פריִער זיכ געהאט באהאלטנ, איז שוינ ווידער ארומגעקראָכנ איבערנ ראנד פונעם שפיגל, אונ ס'האָט אינ אים קיינ עקל ניט דערוועקט ווי פריִער, פארקערט, ער האָט זיכ דערפרייט מיט דער דאָזיקער לעבעדיקער באשעפעניש.

ס'איז אים, אייגנטלעכ, קיינ נאָווינע ניט געווענ אזוינס, וואָס דאָ קומט איצט פאָר, איבערצולעבנ. ער איז געווענ א סאָלדאט, געגאנגענ מיט דער ביקס אינ האנט, איבערגעלעבט די אלע געפארנ. אונטער מאָסקווע האָט ער געקעמפט, ער איז געגאנגענ פארטיידיקנ זײַנ מאָסקווע, וואָס איז אים אזוי טײַער, ווו יעדער סקווער, יעדער ראָג, יעדעס טרעפל קאָנ אים, ווו ער איז אָזויפיל מאָל ארויס-

געטראָטן פאַר טויזנטער מענטשן. דערנאָך האָט מען געפונען פאַר נייטיק אים באַפרייַען פון ארמיי, מאַכמעס דער קראַנקייט, האָט ער זיך צו דעם באַצויגן, ווי צו אַן אומבאַשטרייַטבאַרער זאַך, אָבער אין דער סיבירער שטאָט, וווהין ער איז געקומען, האָט ער זיך קיין רו ניט געקאָנט געפינען. „נו, גוט, — האָט ער געטראַכט, — זאָל זייַן, ער גייט נים מער מיט דער ביקס. אָבער ווי קאָן ער זייַן דאָ, אַזוי ווייַט פון די שלאַכטן, כאָטש ניט עפּעס ניט איבערלעבן דאָס, וואָס ס'לעבן איבער די מענטשן אַפן פראָנט״? אָט דערפאַר האָט ער זיך געבעטן פאָרן אין די אָפּערירנדיקע טיילן, אָט דערפאַר איז ער געגאַנגען אין פאָלק און גרייט געווען גיין נאָך ווייַטער, אויב מע וואָלט געקאָנט, אין די בלינדאַזשן און ערד-שטיבלעך, ווו די רויטאַרמייער וואַרעמען זיך, ער וואָלט דאָרט, בא אַן אייוועלע, פאָרגעלייענט פאַר זיי, געשמועסט מיט זיי, אָבער איצט גייט אַ שלאַכט, און ער פילט זיך עפּעס איבעריק און קליין. אַ שוואַכער איז ער, ער ווייסט דאָס, דער ווייטעק קאָן אים אַ כאַפּ טאָן, וועט ער אינמיטן וועג בלייַבן שטיין, נישטיק איז זייַן קראַפט אַלס סאָלדאַט, פיל שטאַרקער איז ער אַלס אַרטיסט. אָט דאָ איז ער שטאַרק, דאָ קאָן ער דערטראָגן דעם צויבער און די מעכטיקייט פון פּושקינ, לערמאָנטאָוו, מאַיאַקאָווסקי. דאָס איז עפּשער פאָרן אַרמייער פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי וועגן ער זאָל זיך לייגן לעבן אים מיט דער ביקס אין האַנט. עפּשער איז עס אַזוי, עפּשער איז עס אַלץ עמעס... נאָר ער האָט איצט פאָרט ניט געקאָנט אייַנשטיין אין בלינדאַזש אויג אַפּ אויג מיטן מייַזל, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצן אָן שרעק אייַנגעמאָסטעט אַפן ראַנד פונעם שפּיגל, צונויפגעצויגן דאָס גופל אין אַ קנייַלכל...

ער איז אַרויס פון בלינדאַזש, פאַרוקט דאָס פּעקעלע אין בוזעם. ער האָט גאָר ניט געוווסט, אַז די אופרייַסן פון די סנאַריאַדן און מינעס לייגן זיך אַזוי נאָענט. די געשלענגלטע, פאַרשנייטע באַלקע איז אינגאַנצן פאַרצויגן געווען מיט בלוילעכן פולווער-רויך, שוואַרצע זייַלן מיט פייַער-בליצן אין דער מיט האָבן זיך אַלעמאָל געהויבן דאָ און דאָרט, און דאָס דונערן און קנאַלן האָט זיך אַזוי אויסגעמישט, אַז מ'האָט שוין קיין באַזונדערע אופרייַסן ניט געהערט. אומעטום — אַ פייַפן פון קוילן, אָט דין און פּישטשענדיק און אָט מיט אַזאַ געהויל, אַז דאָס בלוט ווערט אַזש פאַרקילט. דער אַרטיסט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרלוירנקייט, אַראָפּגענומען די בודיאָנאָווקע און אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די האָר. אים האָט זיך געדוכט, אַז די האָר באַוועגן זיך און זייַנען צעשויבערט. ער האָט זיך צוגעבויגן, אַרייַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל.

מיטאמאָל האָט ער דערזענ דאָס שטעגעלע, מיט וועלכנ דער אווטאָמאטלער, וואָס האָט אימ אהער געבראכט, איז אוועק צוריק אינ שטאב פֿונ דיוויזיע. נאָר פֿאקע ווײַל ער האָט עס דערזענ און ס'האָט אימ אהינ א צי געטאָנ, האָט ער זיכ געלאָזט אינ דער פֿארקערטער זײַט, אָנגעבויגענערהייט גענומענ אריבערלויפֿנ צו דעמ נידעריקנ אָפנייג פֿונ דער באלקע, ווו ס'זײַנענ געוואקסנ שיטערע קוסטעס און ווו ס'האָבנ אינ טיפֿנ שניי געפויזעט ארופ־צו עטלעכע רויטארמייער. דערלאָפֿנ ביזנ טיפֿנ שניי, האָט ער זיכ אויכ אוועקגעלייגט און גענומענ פויזענ. ער האָט באלד דערפילט, אז עס פרירנ אימ די הענט, און מיט פֿארדראָס דערמאָנט זיכ, אז אינ בלינדאזש, אפֿ א בענקל, זײַנענ געלעגנ עמעצנס הענטשקעס, מע וואָלט זיי געדארפֿט נעמענ. דער שניי איז געווענ מוירעדיק קאלט. פֿונ אָפֿענעמ פעלד האָט געבלאָזנ א שטארקער ווינט, שארפֿע שניי־גרײַפעלעכ האָבנ געשטאָכנ אינ פּאָנעמ. דאָס אלצ האָט ער געפילט בלויז אינ די ערשטע מינוטנ, אינ א רעגע ארומ האָט ער שוינ אינ דעמ פֿארגעסנ.

ער האָט זיכ אופֿגעהויבנ העכער, דערגרייכט צומ ראנד פֿונ דער באלקע, און שיר ניט קיינ געשריי געטאָנ פֿונ פֿארוווּנדערונג. איבערנ ברייטנ, ווײַסנ פעלד, אפֿ וויפֿל דאָס אויג האָט געכאפט, האָבנ זיכ געזענ שווארצע אויפֿרײַסנ, פײַער־בליצנ; טאנקענ זײַנענ געגאנגענ, מענטשנ זײַנענ געלאָפֿנ, געפֿאלנ, געפויזעט, ווי רייענווײַז, ווי איינציקווײַז און ווי אינ שווארצע קופקעלעכ. לעכאטשילע האָט ער זיכ ניט פֿארנאנדערגעקליבנ, ווו זײַנענ אונדזערע און ווו — דער סוינע. זײַנ אויג האָט בלויז פֿארפיקסירט אינ דער ערשטער מינוט באזונדערע בילדער: אָט האָט עמעצער א שפרונג אופ געטאָנ מיט א גראנאטע, זי א וואָרפ געטאָנ אינ א טאנק, וואָס גייט גלײַכ אפ אימ. דער מענטש האָט א פֿאל געטאָנ, און דער טאנק האָט זיכ אײַנגעהאלט אינ שווארצנ. נאָר טייקעפ האָט הארט לעבנ ארטיסט עפעס א האסטיקנ שטעפ געטאָנ. ער האָט אינגאנצנ זיכ צונויפֿגעגיורעט, דערפֿילט, ווי ס'האָט אימ א קאלטער שווייס באשלאָגנ — דאָס האָט א קוילנווארפֿער געטראָפֿנ גלײַכ לעבנ אימ. ער האָט אינסטינקטיוו זיכ אראָפגעלאָזט א פּאָר שפאנ נידעריקער אינ באלקע. איצט האָט ער שוינ ניט געזענ דאָס פעלד, ווו די שלאכט איז פֿארגעקומענ. קוילנ האָבנ געפײַפעט איבער זײַנ קאָפ. ער איז געלאָפֿנ לענגאויס דער באלקע און נאָר אומקלאָר פֿארשטאנענ, אז ער זיכט געווער, א ביקס צי אנ אווטאָמאט, ער זאָל אויכ עפעס קאָנענ טאָנ.

ער האָט דערזענ א טראנשיי אינ אָפנייג פֿונ דער באלקע, צוויי

רויטארמייער זײַנענ דאָרט געשטאנענ אונ געשאָסנ פונ ביקסנ. ער איז צוגעלאָפנ צו זיי. יענע האָבנ אפ אימ א קוק געטאָנ מיט פארשווארצטע, פאר אָנשטרענגונג אונ קאס איבערגעקרימטע געזיכטער אונ ניט פארשטאנענ אוואדע רעכט, וואָס דער דאָזיקער מענטש טוט דאָ, קיינ צײַט ניט געהאט פאנאנדערצוקלײַבנ זיכ אינ דעמ אונ ווידער גענומענ שיסנ. איז ער אוועקגעלאָפנ ווײַטער.

די גאנצע צײַט האָט ער געהאט א געפיל, אז די ערד באוועגט זיכ אונטער אימ, ווי זי זאָל זיכ באלד אָט דאָ, ווו ער שטייט, דארפנ צעשפאלטנ, אונ אימ האָט אלצ געטריבנ פאָרויס. ער איז ארײַנ נאָכ אינ איינ טראנשיי אונ מיטאמאָל דערזענ דאָרט דעמ אָרדינארעצ. ער איז געשטאנענ באמ ליימיקנ ווענטל, די פיס צעשפרייט, צוגעבויגנ מיטנ גאנצנ גופ צומ אווטאָמאט, וואָס איז געווענ אָנגעשפארט אינ א שנייִקנ ברוסטווער. דערהערט טריט, האָט יענער געגעבנ א קערעווע אויס דעמ קאָפּ אונ דערזענ דעמ ארטיסט. דעמ אָרדינארעצס פאָנעמ האָט אויסגעדריקט פארוווּנדערונג, נאָר באלד זיכ איבערגעקרימט אינ בייזנ פאָרוווּרפ צי אפילע פאראכטונג. ער האָט, דוכט זיכ, אפילע א געשריי געטאָנ: „וואָס טוט איר דאָ, גייט אוועק“. דער ארטיסט האָט ניט פאנאנדערגעקליבנ זײַנע ווערטער, בלויז אָנגעשטויסנ זיכ, וואָס יענער מיינט, האָט ער זיכ אויסגעקערעוועט אונ איז ווידער ארויס אינ באלקע.

אונ באלד האָט ער דערזענ, וואָס ער האָט צו טאָנ. אפנ ראנד באלקע איז אפ צוויי פיסלעכ געשטאנענ א לײַכטער קוילנוואָרפער, דערנעבנ איז געלעגנ א דערהארגעטער רויטארמייער. אומנאטירלעכ אָנגעבויגנ, ווי ער זאָל מיט די הענט ווענ פארשארנ דעמ שניי, איז ער געשטאנענ אפ די קני, אונ מיטנ קאָפּ, פונ וועלכנ דאָס היטל איז ארונטערגעפאלנ, זיכ אָנגעשפארט אינ דער ערד. א רויטער פלעק האָט זיכ אינ שניי צערונענ — די קויל האָט געטראָפנ אינ קאָפּ. א צווייטער רויטארמייער האָט צוגעפויזעט צומ קוילנוואָרפער, געכאפט זיכ פארנ ארומ אימ, ארײַנגעשטעלט א דיסק, נאָר ער האָט זיכ באלד א כאפ געטאָנ מיט ביידע הענט פארנ פאָנעמ אונ ליגנ געבליבנ א רעגע א פארגליווערטער. דערנאָכ האָט ער אײַליק, מיט איינ האנט גענומענ שעפנ הויפנס שניי אונ לייגנ זיי צומ געזיכט, פונ וועלכנ ס'איז גערונענ בלוט, אונ מיט דער צווייטער פיבערדיק זיכ געפלײַסט א קער טאָנ דעמ קוילנוואָרפער. דער ארטיסט האָט זיכ אָנגעבויגנ, איז צוגעלאָפנ צו אימ אונ זיכ א לייג געטאָנ אינ שניי. דער רויטארמייער האָט אָפּגענומענ פונעמ פאָנעמ די האנט מיטנ רויטנ, מיט בלוט דורכגעזאפטנ שניי, א קוק געטאָנ אפ אימ מיט איינ גרויסנ, פארלאָפענעמ אויג, דאָס צווייטע איז ניט צו זענ געווענ אינ דער

טונקעלער, שרעקלעכער קאשע פון צעבראָקטע ביין און פלייש, האָט א זאָג געטאָן מיט אן איבערגעטריקנט, פרעמד, ניט מענטש-לעכ קאָל:

— קאָנסט זיך באגיין מיט א קוילנוואַרפער? שיס, אָט זײַנען די דײַטשן! — און ווידער א כאַפּ געטאָן א הויפן שניי שוין מיט ביידע הענט און פארשטעלט זיך דאָס פּאָנעם.

דער ארטיסט האָט אָן ווערטער א קער געטאָן דעם קוילנוואַר-פער. ער האָט א קוועטש געטאָן דאָס צינגל און ארויסגעלאָזט עט-לעכע קוילן איבער די דײַטשן. זיי זײַנען טאקע נאָענט. מע זעט זייערע ברייט צעלאָזטע שינעלן, ווי פּרויען-פעלערינעס, די אראָפּגע-לאָזטע פּילאָטקעס און די פּענעמער, וואָס זײַנען פארוויקלט מיט פאר-שיידענע שמאטעס. עפּעס שרײַען זיי, די דײַטשן... איז נאָכאמאָל א דריק אפּן צינגל פון קוילנוואַרפער. א-הא, אין סאַמע קופּע געטראָפן. אָט האָט ווידער עפּעס בייז א שנײַד געטאָן לעבן אים דעם שניי, פּונקט ווי דאַן, ווען ער איז נאָך ארויס פון בלינדאזש. א פריידיק געפיל, וואָס די קוילן-ריי האָט אין אים ניט געטראָפן, טוט א ברי דאָס הארץ. און ליכטיקער ווערט פון דער דאָזיקער קורצער פרייד דאָס פעלד ארום. נאָר די סאַקאָנע פלאטערט איבערן קאָפּ, אָט האָט ווידער א קויל דורכגעפּײַפט איבער זײַן אויער, א שווארצע זײַל ערד האָט זיך אופגעהויבן ניט ווײַט פאָרויס. נאָר וועגן דעם אלעמען דארף מען אפילע ניט טראכטן. ס'האָט ווידער זיך אופגעהויבן א הײַפל דײַטשן און ליפט אהער — איז צוגעזשמורעט דאָס אויג און א דריק דאָס צינגל, א-הא, אזוי!

דער קוילן-דיסק איז אויסגעגאנגען. ווו זײַנען די דיסקן? נאָר עפּעס א האנט טוט טייקעף א שטרעק אויס א פרישן דיסק. הער, דאָס איז דאָך דער פאַרוואונדעטער רויטארמייער! ער איז ניט אוועק-געגאנגען. בלוט האָט געדיכט פארגאָסן זײַן שינעל, דעם ארבל, בלו-טיקע שניי-קײַקלען ליגן ארום און ארום, נאָר ער גייט ניט אוועק. דער ארטיסט דערפילט א גרויסע צארטקײַט צו אים, ער וואָלט אים עפּעס געזאָגט. דאָס אלץ געדויערט אָבער איין אויגנבליק, דער קוילן-דיסק איז שוין אין זײַנע הענט, מע דארף אים ארײַנשטעלן. ערשט איצט דערפילט ער ווידער, אז די הענט זײַנען בא אים פאר-קאָוועט פון פראָסט, די פינגער פאָלגן ניט. און די דײַטשן זײַנען שוין זייער נאָענט, א דרײַסיק שפאן, עטלעכע דײַטשן אינגאנצן, מע דארף זיי אונטערשנײַדן. דער דיסק איז שוין ארײַנגעשטעלט. א דײַטש, וואָס איז נענטער פון אלע, טוט א הייב אוף דעם אווטאָ-מאט, נאָר דער ארטיסט האָט שוין אָפּגעזוכט מיטן פינגער דאָס צינגל. א דריק. דער קוילנוואַרפער נעמט אונטערשפּרינגען פון די

שאָסנ. איצט איז גוט, איצט — דריקנ אזוי אונ דריקנ. עפעס האָט א זעצ געטאָנ אינ קאָפ, עפעס האָט ווי אופגעפלאמט פאר די אויגנ אונ איז טייקעפ אויסגעלאָשנ געוואָרנ. עפשער אויכ פרווונ א כאפ טאָנ שניי, נאָר ערגעצ וואלגערט ער זיכ גאָר דורכ, ווי אינ אנ אָפגרונט, געדענקענ געדענקט ער אָבער, אז ער דארפ דריקנ דאָס צינגל פונ קוילנוואָרפער. אונ ער דריקט, דריקט מיט די לעצטע קויכעס...

. . . .

צו אָוונט-צו איז די אטאקע אָפגעקלאפט געוואָרנ. דער סוינע איז אָפגעטראָטנ. א מידער, אנ אופגערודערטער האָט דער קאָמאנדיר פונ פאָלק זיכ אומגעקערט אינ בלינדאזש. דער פוס האָט אימ ווייגעטאָנ, ער האָט שטארק געהונקענ. אראָפגעלאָזט זיכ אפ א בענקל, האָט ער זיצנדיק גענומענ אויסטאָנ דעמ שינעל. באמ יונגנ אדיוטאנט איז דער קאָפ געווענ פארבונדנ מיט מארליע, אפ וועלכער ס'איז ארויסגעטראָטנ א רויטער פלעק. ער האָט זיכ א מידער צוגעזעצט אפ דער נארע אונ פונ שארפנ ווייטעק צוגעמאכט די אויגנ, נאָר באלד האָט ער זיי אנ עפנ געטאָנ. דערזענ, אז דער פאָדפאָלקאָווניק בא-מיט זיכ אראָפשלעפנ דעמ שינעל, האָט ער זיכ א לאָז געטאָנ אימ העלפנ. יענער האָט אימ א ווייז געטאָנ מיט דער האנט, ער זאָל זיצנ. דער באיאָרטער אָרדינארעצ האָט שטיל זיכ געפאָרעט באמ אייוועלע, מיט א דייטשישנ טעסאק אָפגעשפאָלטנ דינע שפענדלעכ פונעמ שייט האָלצ.

— אונ דער ארטיסט איז וואָס, טאקע אוועקגעגאנגענ אינ דיוויזיע?

— כאווער פאָדפאָלקאָווניק, — האָט דער אָרדינארעצ אופגעהערט שפאלטנ די שפענדלעכ אונ אופגעהויבנ זיכ אפ די קני, — כ'האָב אימ געוואָלט אָפפירנ, נאָר ער האָט זיכ אָפגעזאָגט.

— איז ווו זשע איז ער?

— ער איז אומגעגאנגענ דאָ אינ באלקע בייס דער שלאכט, — האָט דער אָרדינארעצ פארלוירנ, נאָר מיט וואָגיקער ניט-באוויליקונג געזאָגט, — מיסטאמע איז ער אוועק אינ דיוויזיע, נאָר איכ האָב שוינ קיינ צייט ניט געהאט אימ באגלייטנ, כ'האָב אליינ געשאָסנ.

דער קאָמאנדיר פונ פאָלק האָט אָנגעשטעלט א שטרענגנ בליק אפנ אָרדינארעצ, וועלכער איז פארגליווערט געוואָרנ מיטנ שייטל האָלצ אינ האנט. דערנאָכ אומרויִק אריבערגעפירט דעמ בליק אפנ אדיוטאנט.

— אָט א נייס... — האָט ער פארלוירנ אויסגעצויגנ.

א פעסטער, אנ אופגערוימטער, אינ א ווייס, קורצ פעלצל איז ארייִנגעקומענ דער פארטרעטער פונעמ פאָלק-קאָמאנדיר אונ הויכ זיכ באגריסט. ער איז דעמ גאנצנ טאָג געווענ אפנ באאָבאכטונגס-פונקט אונ ערשט איצט זיכ אומגעקערט אינ בלינדאזש.

— האָסט ניט באמערקט, — האָט ער זיך געווענדט צום קאָמאַנדיר פֿונ פּאָלק, — דאָ ניט ווײַט, לעבנ באַלקע, בא א האַנט־קוילנוואַרפֿער ליגט א דערהאַרגעטער אינ א שינעל, נאָר אינ א ציווילנ אָנצוג... עפּעס ניט קיינ אונדזעריקער.

— וואָס ?! — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק האַסטיק זיך געגעבנ א הייב אוף. — אנו, קומ, באַווײַז ווו ?

ער האָט א כאַפּ געטאָנ דעמ שינעל אפֿ די אַקסל אונ איז אָנ א היטל אַרויס אינ דרויסנ. נאָך אימ — דער פּאַרטרעטער אונ דער אַדיוטאַנט. ווײַטער מיט א פּאָר שפּאַנ — דער אָרדינאַרעצ. מע האָט זיך אופֿגעהויבנ אַפֿנ ראַנד פֿונ דער באַלקע, ווו ס'איז באַטאָג פֿאָרגעקומענ א בלוטיקער האַנט־געראַנגל אונ עס זײַנענ געלעגנ פֿיל דײַטשישע אונ אויך אונדזערע דערהאַרגעטע. דער פּאַרטרעטער פֿונעמ קאָמאַנדיר האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבנ איינעמ, וואָס איז געלעגנ אינ שניי, בא א קוילנוואַרפֿער, ברייט פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿנ די הענט אונ די פֿיס, מיטנ פּאָנעמ אַרופֿ, ווי ער זאָל זיך אײַנקוקנ אינ טיפֿנ אויסגעשטערנטנ הימל. איינ פּאָלע פֿונ זײַנ שינעל איז געווענ פֿאַרבויגנ אונ האָט אָפּגעדעקט א ציווילנ קליאָש־הויז אונ א פֿאַרקײַלעכיקטנ ראַנד פֿונ א פּידזשאַק. אפֿ דער ברוסט בא אימ האָט, פֿאַרוקט אינ שינעל, געשטעקט א פּעקעלע.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט זיך אָנגעבויגנ איבערנ אַרטיסט. גרײַפּעלעך שניי זײַנענ געלעגנ אינ די ווינקלענ פֿונ יענעמס אָפֿענע, פֿאַרגלײזטע אויגנ, צווישנ די געדיכטע ווייִעס אונ לעבנ מויל. נאָר אינעמ גאַנצנ געזיכט, נאָך ניט קיינ פֿאַרענדערטס פֿונ טויט, א פֿאַרקאָוועטס פֿונ פֿראָסט, איז געווענ אַנ אויסדרוק פֿונ טיפֿער ווירדע אונ פֿאַרנומענקײַט, ווי עס זאָל פֿאַרבאָרגנ אינ זיך, א שטרענגס אונ שטיינערנס, דעמ לעצטנ געדאַנק, דורכ וועלכנ ס'איז באַגײַסטערט געווענ. דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט פּאַמעלעך זיך אופֿגעהויבנ, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אינ קני פֿונ דעמ געזונטנ פֿוס, נאָר מיטאַמאָל ווידער זיך אָנגעבויגנ אונ אַרויסגענומענ דאָס פּעקעלע, וואָס איז געלעגנ באַמ טויטנ אפֿ דער ברוסט. ער האָט עס פֿאַנאַנדערגעוויקלט. דאָס זײַנענ געווענ א פּאָר שוואַרצע, לאַקירטע שיך.

— קאָנצערט־שיך... — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק שטיל געזאָגט. זײַנ שטימ האָט א ציטער געטאָנ. — אַנ ערלעכ האַרצ האָט דער דאָזיקער אַרטיסט געהאַט... לאָמיר אימ אָפּגעבנ קאָוועד, כאַווײרימ...

אינ דער טונקעלער נאַכט, בא דער שײַנ פֿונ ווײַטע ראַקעטנ, איז א הײַפֿל מענטשנ עטלעכע רגעס געשטאַנענ מיט אַנטבלויזטע, פֿאַרנייגטע קעפּ.

דער עלטסטער פונ מײַנ שטאמ

באמ ארויסגאנג פונ דאָרפ, לעבנ ארומגעסמאליעטנ יאָדלע־וועלדל ליגנ אָפגעשטעמפלט אינעמ זאמדיקנ וועג פיל איבערגעפלאָכטענע שפורנ פונ באָרוועסע פיס. דאָס יונגע וועלדל איז אפ האלב אויסגעהאקט, אומעטומ וואלגערנ זיכ ליידיקע קאָנסערוונ-קעסטלעכ, פאפירלעכ, קופקעס שטרוי, אלצ אזוי קויטיק אונ עקלדיק, ווי אליינ די דערמאָנונג וועגנ די פארשווונדענע דײַטשנ.

מיר האָבנ געמיטנ מיט דער אלטער מארפע דאָס פארברענטע דאָרפ. זי האָט מיכ אומיסטנ ארויסגעפירט צומ יאָדלע-וועלדל. דאָ זײַנענ אונדזערע ניט דורכגעגאנגענע אונ ניט פאריבנ מיט די טאנקענקייטנ, מיט די שווערע רעדער פונ הארמאטנ אונ מיט די טלאָען פונ פערד די שפורנ אינעמ זאמד. מ׳איז די דײַטשנ פארגאנגענ אינ פלאנג אונ ארויס אפנ שליאכ העכער פונעמ וואלד.

א הייסער אווגוסט-טאָג, א בלויער הימל אונ שפורנ פונ פיל באָרוועסע פיס אינ זאמד... א שמאָלע, לענגלעכע פיאטע, פינפ איידעלע גריבעלעכ פונ פינגער — דאָס איז געגאנגענ א פרוי, אזעלכע שפורנ זײַנענ דאָ פאראנ פיל; אָט איז גאָר א לײַכטער, אײַליקער שפור, דריבנע טריט, אינ זאמד לאָזנ זיכ קוימ מערקנ לענגלעכע גריבעלעכ, צארטע אָפדרוקנ פונ איינ גרעבערנ פינגער אונ קוימ קענטיקע צייכנס פונ די איבעריקע — דאָס איז געגאנגענ א קינד; אונ אָט איז א ברייטער, שווערער טראָט, סימאָנימ פונ גרויסע פינגער — דאָס איז געגאנגענ אנ אלטער מאנ, לעבנ די טריט זעענ זיכ גריבעלעכ פונ א שטעקנ...

— אָט, אָט, קוק! — די אלטע מארפע שלײַכט זיכ געשיקט איבערנ זאמדיקנ וועג אונ ווײַזט מיר א שפור פונ שיכ מיט בוילעטע צייכנס פונ אָנגעקלאפטע טשוועקעס אפ די פאָדעשוועס, — דאָס איז ער, דער דײַטש, געגאנגענ, וועלכער האָט זיי אלע געטריבנ, כ׳האָב אימ גוט געזענ פונ מײַנ באהעלטעניש, וווהינ איכ האָב זיכ פארגראָבנ. ער איז א הויכער אונ א געלער. איכ בינ געזעסנ אינ קראָפעווע, אונ ער האָט אהינ ניט געוואָלט קריכנ, ער האָט בלויז א שאָס געטאָנ אהינ פונ זײַנ אווטאָמאט. כ׳האָב פארשטעלט די קינדער, בניאָמ-

קענ און וולאסיקנ מיט מײַנ גוף, די קוילנ האָבנ דורכגעפּײַפט לעבנ אונדז. גוט, וואָס ער האָט מער ניט געשאָסנ, דער דײַטש, און איז אוועק. דעם צווייטנ האָב איך ניט געזענ גוט, ער איז געווענ גאָר א נידעריקער, געגאַנגענ פונ יענער זײַט וועג, און דער האמוינ האָט אים פארשטעלט, כ׳האָב נאָר געהערט זײַנ שילטנ זיך, דעם דאָזיקנ צווייטנס...

די אלטע מארפע טוט אפּ מיר א שטרענגנ קוק מיט אירע מאָדנע-אָפּגעשטעלטע שווארצע אויגנ. ס׳איז אינ זיי פארגליווערט דער שוי-דער פונעם דורכגעלעבטנ. אליינ איז זי בלויז ווי א שאָטנ פונ דער שכײנע מארפע, וועלכע כ׳האָב געקענט מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווענ כ׳האָב באזוכט דאָס דאָזיקע דאָרפ — די היים פונ מײַנ טאטנ, זיידנ, פונ אונדזער גאנצנ שטאמ. מארפע האָט זיך מיר פונ דעמלט אָנ בא-זונדערס פארגעדענקט צוליב א קלייניקײַט — ווענ כ׳בינ אהער גע-קומענ צוגאַסט צומ פעטער מוישע, האָט זי געבראכט אינ פארטעכ פאר מיר עטלעכע פריש־אָפּגעקאָכטע יונגע פשעניטשקעס, פּונקט ווי בא דער מומע כאנע אינ גאָרטנ זאָלנ גאָר קיינ פשעניטשקעס ניט זײַנ... זי האָט געבראכט די פשעניטשקעס, און זאכאר נעדילקאָ, דער מאנ אירער, א הויכער און א בײנערדיקער פישער, אינ א שטרויע-נעמ קאפעליוש און אינ לײַוונטענע העמד-און-הויזנ — כ׳זע אימ איצט ווי א לעבעדיקנ, מיטנ גוטנ שמייכל אינ די פײַכטלעכע, צוגעזשמו-רעטע אויגנ און מיט די אראָפּגעצויגענע, גרויע וואָנצעס, — האָט דאנ אינ אָוונט געבראכט פיש. די מוישעכע, די מומע מײַנע, האָט זיי דאָ טאקע געמוזט באלד אָפּרעגלענ פונעם גאסטס, דה. פונ מײַנ קאָוועד וועגנ.

כ׳פלײַס זיך איצט דערמאָנענ נאָך עפּעס וועגנ זאכארנ. עפּעס ווײַזט זיך מיר אויס, אז שטענדיק, ווענ כ׳פלעג טראכטנ וועגנ ריזש-ניק, האָב איך געזענ פאר די אויגנ גראָד אימ, דעם קרעפּטיקנ און פראָזטנ זאָקנ, זײַנ פּאָנעמ, אזא פרײַנטלעכס און גוטס. און עפּשער טראכט איך עס אזוי איצט, ווענ איך וויים שוינ דעם סאָפּ זאכארס און די גרויסקײַט פונ זײַנ אופטו. כ׳דערמאָנ זיך, ווי כ׳בינ איינמאָל קאיאָר געפאָרנ מיט אימ אפּ פישפאנג. בייס מיר האָבנ אָפּגערוט אפנ ברעג, האָב איך אימ געפרווט אָנמאָלנ. ווענ ער האָט עס באמערקט, האָט ער זיך וואזשנע אָנגעבלאָזנ. כ׳געדענק, ווי ער פלעגט הויך זיך באגריסנ מיט אלעמענ, ווענ ער האָט דערזענ אינ גאס, ווי ווײַט יענער זאָל ניט זײַנ, דער ערשטער באגריסנ זיך און ס׳אמ אזוי, פונ גרויס הארציקײַט און גוטסקײַט, פרעגנ: „נו, וואָס מאכסטו? גוט, הא?" נאָר דאָך וויים איך, אז איך דערמאָנ זיך אינ דעם אלעמענ בלויז איצט, פריער האָב איך וועגנ דעם אפילע ניט געטראכט. איצט שטרענג איך אָנ דעם זיקאָרנ, און ער ברענגט מיר ארופ, ווי פונ

א ווײַטנ נעפל, פארשיידענע שטריכנ אונ בילדער וועגנ זאכאר נעדילקאָ.

ווענ איכ פלעג שוינ יאָ טראכטנ וועגנ ריזשניק — גאָר ניט אָפט פלעגט עס פאָרקומענ, — האָב איכ פריִער פאר אלצ געזענ דעמ פעטער מוישע. פונ יונג אָנ איז ער מיר געווענ באזונדערס אײַנגעבאקנ אינ הארצנ. כ׳בינ פרי פארבליבנ אָנ א פאָטער, אונ ער, מוישע, איז געווענ דער איינציק לעבנ געבליבענער ברודער דעמ טאטנס אונ דערצו — דער עלטסטער. אונ כאָטש מיר האָבנ ניט געווױנט אינאיינעמ, האָב איכ שטענדיק געפילט זײַנ זאָרג. גייט צו ווינטער, האָט דער פעטער מוישע געדענקט, אז איכ האָב נאָכ קיינ שטיוול ניט; הארבסט-צײַט האָט ער געזענ, אז די מאמע מײַנע, די אלמאָנע, וואָס האָט געווױנט אינ שטעטל, זאָל זײַנ באזאָרגט מיט קארטאָפל; צו די שטארקע פרעכט פלעגט ער איר אלעמאָל אונטערווארפנ אינ שטעטעלע א פורל האָלצ. ארופקומענדיק צו אונדז אפ א זונטיק-יאריד אָדער יאָמטױוױמ-צײַט, האָט ער ליב געהאט א נעמ טאָנ מיכ אפנ פארהער, ווי האלט איכ עס מיטנ טאנאכ, ווענ כ׳האָב נאָכ געלערנט אינ כיידער, אונ דערנאָכ — אינ כעזשבענענ אונ לייענענ רוסיש, ווענ כ׳בינ שוינ אריבער אינ שול. כ׳האָב פונ קליינווײַז אָנ ניט פארגעדענקט קיינ זיירנ ניט פונעמ טאטנס אונ ניט פונ דער מאמעס צאד אונ בינ שטענדיק שטארק מעקאנע געווענ מײַנע כאווײרימ, וועלכע האָבנ געהאט זיידעס. האָב איכ אינ די טרוימענ בא זיכ דעמ פעטער מוישע — א קרעפטיקנ זאָקנ, וואָס האָט זיכ ווי אָפגעשטעלט אינ זײַנע יאָרנ אונ, זינט כ׳האָב אימ געדענקט, ווי ניט עלטער געוואָרנ, — פארעכנט פאר מײַנ זיידנ...

דאָס איז געווענ א ייִד אנ אקשנ, מיט פעסט אײַנגעשטעלטע אָנעויונגענ. ער האָט געהאט א געפיל פאר דעמ, וואָס קומט אופ. ווענ כ׳בינ אויסגעוואקסנ אונ דער פעטער מוישע האָט שוינ געהאט א גרונט אכטנ אינ מיר א זעלבשטענדיקנ מענטשנ, פלעגט ער קלוג, נאָר ניט טאדלענדיק, א ביסל אָפשפעטנ פונ אלצ, וואָס האָט א שײַכעס צו אונדז, יונגע, נאָר עפעס איז ער אויכ ווי מעקאנע געווענ אונדז, פארשטאנענ אונדז. ער פלעגט ניכטער אונ גיריק אופנעמענ פאָליטישע נײַס. אלטע פויערימ, זײַנ גלײַכנ, פלעגנ קומענ צו אימ ארומריידנ אונ ארומכקירענ יעדע נײַע געשעעניש. אָפטער אָבער איז ער ארומגעגאנגענ פארשלאָסנ אונ פארזאָרגט, האָט אומצופרידנ ארײַנגעקוקט אינ דיקע העברעיִשע ספאָרימ — דאָס האָט ער זיכ ארומגעטראָגנ מיט זײַנע אייגענע, ניט ארויסגעזאָגטע, דײַגעס פאר דער וועלט א נ פאר איר גוירל... אזא איז ער געווענ, מוישע, דער עלטסטער פונ מײַנ שטאמ.

שטענדיק, ווען איך פלעג טראַכטן וועגן זיך, וועלן פאַרשטיין מײַנע אייגענע גענג און אופטוען און זוכן אין זיך א וואָרצל, אַן אָפּשטאַם — האָב איך געזען פאַר זיך דעם פעטער מוישע. אין ריזשניק גופע, דאָס דאָזיקע גרינע, שיינע דאָרף מיט די הייב-שטאַנגען פון די ברונעמס, מיט די צעוואָרפענע כאַטקעס אין יאַר און בא דער ריטשקע, מיטן ווערדל בא דער זײַט, אפן באַרג-קראַזש, מיט דעם אָנגעגליטן זאַמד אין די הייסע זומער-טעג, ריזשניק מיט זײַנע פּראָסטע, גוטע, אַרבעטזאַמע מענטשן, — האָט געלעבט און געשפּילט אין מײַן בלוט.

איצט ליגט אַלץ אין אַש. איך בין געקומען אף ריזשניקס כורבן. די מילכאָמע-כוואַליע האָט מיך אַרויסגעטראָגן אין די דאָזיקע מעקוימעס, צוגעשלאָגן מיך צום אָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס ווײַגעלע פון מײַן טאַטן און זיידן. איך גיי איבער די פרישע שפּורן פון א גרויסן פאַרברעכן. איך האָב שוין געזען פיל אומגעבראַכטע דערפער און שטעט אפן לאַנגן וועג פון מײַן מילכאָמע-וואָגל, איך בין געשטאַנען לעבן קעגנטאַנק-גראָבנס, אָנגעפילטע מיט לײַב און ביין פון מײַנע ברידער און שוועסטער, געזען די גאַסן אין ראָסטאָוו, וווּ ס'זײַנען געלעגן הונדערטער אויסגעשאָכטענע מענטשן, מײַן אויג האָט שוין אַלץ געזען און מײַן האַרץ האָט שוין וויפל מאָל זיך צונויפגעקלעמט פאַר האַס און צאָרן. איצט בין איך בא זיך אין דער היים און גיי א קוק טאָן אפן אייגענעם כורבן. עס פירט מיך מאַרפע, דעם פעטער מוישעס שכיינע, וועלכע איך האָב ניט געקאָנט דערקענען און וועלכע האָט צווישן די רויטאַרמייער מיך דערקענט. איך בין געשטאַנען לעבן די רוינען פון מוישעס שטוב, ווען זי איז צוגעקומען, צוגערירט זיך צו מײַן אַרבל און געזאָגט:

— קום, איך וועל דיר באַווײַזן זײַן קייווער... און וועסט אוודע וועלן א קוק טאָן אף זײַן אור-איייניקל, אף ביניאָמקען. כ'האָב אים אָפּגעראַטעוועט, ביניאָמקען... דו ביסט דאָך מוישעס פּלימעניק, הא?

מיר האָבן געמיטן דעם וועג מיט די שרעקלעכע שפּורן פון באָרוועסע פיס, מיר זײַנען אַרויס אין פוסטן פעלד, וווּ סע שטייט אַן איין-און-איינציקע הויכע סאָסנע מיט אָרומגעבראָכענע צווײַגן — אַן איידעס פון א שוין לאַנג אויסגעהאַקטן וואַלד. אין פאַרלאָזטן פעלד האָט זיך געהויבן א פאַרוואַקסן בערגל.

— אָט דאָ, — האָט מאַרפע געזאָגט און געוויזן מיר מיט דער האַנט אפן בערגל, — דאָ ליגן זיי ביידע, דײַן פעטער מוישע און מײַן זאַכאַר. — זי האָט פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אף דער ערד, פאַרנומען די פיס אונטערן קליידל, אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אין די סטאַרטשענדיקע דאַרע קני, אַוועקגעלייגט א צעקנייטשטע באַק

אַפֿ די שמאָלע דלאָניעס, ווי ס'זאָל איר שווער זײַן אײַנהאַלטן דעם קאָפּ אַפֿן דינעם האַלדז.

כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן מאַרפֿען אַפֿ דער ערד. זי האָט עטלעכע מינוט געשוויגן, פֿלצעם האָבן אירע שוואַרצע אויגן אומרויק אויפֿגעבליצט, ווי זי זאָל דערזען עפּעס שרעקלעכס, אַזוינס, וואָס פֿאַרפֿאָלגט זי די גאַנצע צײַט. איבער איר פֿאַרמאַטערטן געזיכט איז אַ שאָטן דורכגעפֿלויגן, זי האָט עטלעכע מאָל פֿיבערהאַפֿט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל, נאָר עס איז באַלד דורכגעגאַנגען. אַ ר בליק איז געוואָרן אויסגעלאָשן און טרויעריק.

— די מומע דײַנע, — האָט זי געזאָגט, — האָט קלוג געטאָן. ווען ביסטו געווען בא אונדז צוגאַסט — אַ יאָר פֿיר צוריק? און זי איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר שפּעטער, עטלעכע כאָדאָשים פֿאַר דעם, ווי עס האָט אויסגעבראָכן דער צאָרן. געבליבן איז מױשע אַליין. נו, ווער עס זאָל אַפֿ אים אַכטונג געבן, האָט ער גראָד געהאַט — עמעס, אַלע קינדער זײַנע זײַנען זיך צעפֿאָרן, דאָס ווייסטו גוט, אָבער מיט אים איז פֿאַרבליבן דאָס עלטערע אייניקל זײַנס, ביילע... זי האָט כאַסענע געהאַט פֿאַר אַ טשערנאָווער באָכער נאָך פֿאַר כאַנעס צײַט; אַן אַרבעטזאַמער אַזאַ, אַ שטילער, ער איז צוגעשטאַנען צו אונדזער קאָלווירט, און מ'איז פֿון אים געווען צופֿרידן. ס'איז בא זיי געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע, ביניאָמקע. ביניאָמקען קערסטו געדענקען נאָך אין די וויקעלעך. איצט איז עס שוין אַ וווּיל ייִנגעלע, גאָר אַ ווילס, ווען אַליין זען... ער איז אין איינע יאָרן מיט מײַן וואָלאָסיקן, מײַן אייניקל, אַניסקעס קינד... דו געדענקסט אַניסקען צי ניט? זי האָט אַמאָל אַ קלייניקע צוזאַמען מיט דיר זיך דערשראָקן פֿאַר גענדז, וועלכע האָבן גענומען פֿליִען איבערן דאָרף פֿאַר אַ רעגן. דו ביסט דאָ אין ריזשניק פּונקט געווען צוגאַסט מיט דײַן טאַטן, מיט שמוליקן, איך געדענק ווי הײַנט... יאָ... אַניסקע איז דערווײַל ניטאָ, דער דײַטש האָט זי טאַקע אַוועקגעטריבן. זי איז פֿון קעלער נאָך אַן עמער וואַסער אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זי געכאַפּט און פֿאַרטריבן צום קלויסטער, דאָרט איז שוין געווען צונויפֿגעטריבן אַ גרויסער אוילעם, און פֿון דאָרט אַהער, אַפֿ טשערנאָווער וועג... מענטשן קערן זיך אום, מע אַנטלויפֿט אין וועג אין די דערבײַיִקע וועלדלעך, אין קאָרן, איז עפּשער וועט אַניסקע מײַנע אויך אַנטלויפֿן און זיך אומקערן. און עפּשער וועל איך שוין דאַרפֿן נעמען באַוויינען איר געביין גאָר. ווי נעמט מען אַזויפֿיל טרערן, הא?

ביילע דײַנע איז אומגעקומען נאָך, ווען די רויטע זײַנען דאָ געווען. ער איז אָנגעפֿלויגן, דער דײַטש, מיט זײַנע אַעראָפּלאַנען, ווי אַ שעד, און באַשאָסן דאָס דאָרף. ביילע איז פּונקט געזעסן אין הויף

און געבראָקט קרויט אָפּ צו פאַרזײַערן, האָט עס זי געטראָפן מיט אַ קויל גלײַך אין האַרצן. זי האָט אַפילע קיין געשריי טאָן ניט באַוויזן. איז מוישע געבליבן אַליין מיט דעם אור-איייניקל, מיט ביניאָמקען. אָט דאָ איז שוין אָפּ אים אַ ראַכמאָנעס געווען, אָפּ מוישען, נאָר ער האָט געשוויגן. ווייסט דאָך אים — פֿון אײַזן אַ טרער קאָן מען אַרויסרופן? אַזוי באַ אים אַ קרעכץ. נאָר ער האָט שטאַרק געליטן, ער האָט זי ליב געהאַט, ביילען. און דאָ האָט די כמאַרע אַלץ נעענטער זיך אָנגערוקט — דער דײַטש איז געגאַנגען, און מוישע איז איינער אַליין מיטן קינד. דער מאַן ביילעס איז פֿ'ן די ערשטע טעג אָפּ דער מילכאָמע אַוועק.

ווען דער דײַטש האָט זיך שטאַרק דערנעענטערט און מיר האָבן שוין געפֿילט, אַז ריזשניק וועט אין זײַנע הענט אַרײַנפֿאַל'ן, האָבן מיר — די נאָענטע שכיינים און ביכלאַל אַלע מענטשן פֿון דאָרף — געזאָגט מוישען: „מיר הערן דאָך, וואָס ער טוט, דער פֿאַשיסט, מיט אונדזערע מענטשן און ביפֿראַט נאָך מיט יידן, איז ווי דו פֿאַרשטייסט, מוישע, מיר קאָנען דיר געבן פֿון קאָלווירט אַ פֿערד און וואָגן, מיר דיר אויסטיילן דעם כיילעק ברויט, וואָס דו האָסט מיט דײַן מי פֿאַרדינט און וואָס דײַן ביילע מיט איר מאַן האָבן פֿאַרדינט, דו זאָלסט מיטן קינד ניט הונגעריק זײַן, נעם, וואָס דו געפֿינסט פֿאַר נייטיק פֿונעם שטוביקן גוטס, און וואָס דו וועסט לאָזן, וועט אויך גאַנץ זײַן, אויב נאָר דער סוינע וועט עס ניט טשעפּען, און פֿאָר אַוועק. דאָס גאַנצע דאָרף קאָן דאָך ניט אַוועקפֿאָרן. און אויב דו ווילסט ניט, איז בלײַב דאָ, וואָס ס'וועט מיט אונדז אַלעמען זײַן, וועט זײַן מיט דיר אויך. קיינער וועט דיך דאָ ניט אַרויסגעבן". מוישע האָט געשוויגן, ער האָט ניט געזאָגט ניט יאָ און ניט ניין. אַ קלוגער מענטש איז ער געווען, האָבן לײַט געוווּסט, אַז מע דאַרף אים די דאָזיקע רייד ניט איבערכאַזערן, ער האָט זיך שוין געמאַכט אַן אויספֿיר: עפּשער האָט ער ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף אין אַזאַ צײַט. ס'איז אים טײַער געווען, ווי אונדז אַלעמען. אַ ווערטעלע — אַ מענטש האָט אָפּגעלעבט אַזויפֿיל יאָרן דאָ, אין ערגעץ קיינמאָל זיך ניט געקליבן, און מיטאמאָל וועט ער גאָר אַוועקפֿאָרן. מיר האָבן דאָך אַלע אַזוי געקלערט. און עפּשער האָט מוישע אויך געוואָלט אויספּרוּוון די קראַפֿט פֿון אונדזער אַלעמענס וואָרט, כאָטש ניין, ער איז ניט אַזאַ מענטש געווען. מעגלעך אויך, אַז דאָס לעבן האָט שוין באַ אים קיין שום ווערט ניט געהאַט. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר אין ערגעץ זיך ניט געקליבן. שוין פֿאַר דעם, ווי די דײַטשן זײַנען צו אונדז אַרײַן, האָט ער דאַפֿקע געזאָגט מײַן זאַכאַרן, אַז ער וואָלט וועלן ערגעץ אָפּשיקן ביניאָמקען, נאָר וווּהין, אַז אַלע וועגן זײַנען שוין געווען אָפּגעשניטן

און אלע קרויִימ אײַערע, וואָס האָבנ געוווינט אינ די דערבײַיִקע שטעטלעכ, זײַנענ שוינ לאַנג אוועקגעפאָרנ ווער-וווהינ. האָט זאכאר אימ געזאָגט: „ווער וועט טשעפּענ א קינד, זאָל עס זיכ זײַנ דאָ, טאָמער וואָס, וועלנ מיר זאָגנ, אז ס׳איז אונדזערס...״

א שווארצע קראָ מאכט א האלבנ קרײַז ארומ דער סאָסנע, לייגט צונויפ די פליגל, שטרעקט אויס די פיסלעכ אונ נעמט אראָפּלאָזנ זיכ אפנ קייווער-בערגל. מארפע הערט אופ צו ריידנ, קוקט אומרויִק אנ דער קראָ. נאָר יענע האָט הארט איבערנ בערגל א פוילבלעכנ מאכ געטאָנ מיט די פליגל, א גראגער געטאָנ, ס׳האָבנ טעמפּ אונ זשעדנע א בלישטשע געטאָנ אירע קײַלעכדיקע אויגנ, — זי האָט זיכ אוועקגעטראָגנ אינ פעלד, צו די קאָפּיצעס קאָרנ... מארפע האָט פאַר-געזעצט:

— די פאָדערשטע דײַטשישע טיילנ, וואָס זײַנענ דורכגעגאנגענ אונדזער דאָרפ, האָבנ מיט די אײַנוווינער גופע זיכ אזוי ניט פאַר-נומענ. דערופ איז בא זיי קיינ צײַט ניט געווענ. אוועקגעקוילעט עטלעכע כאזיירימ, ארויסגעריסנ בא וועמענ, ניט געקוקט אפ די טרערנ אונ גוואלדנ, די איינציקע קו פונ שטיבל, אָפּגעדרייט די קעפּלעכ בא א פּאָר צענדליק הענער אונ גענדז, איבערגענעכטיקט, אָנגעפּאס-קודיעט, ווו עס האָט זיכ זיי פארוואָלט, אונ קאַיאָר אוועק ווײַטער. נאָר אָט האָט דער פראָנט זיכ אָפּגעקײַקלט פונ אונדז. בא אונדז אינ דאָרפ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט א צוויי צענדליק דײַטשנ. זיי האָבנ ארויסגעטריבנ די באלעבאטימ פונ די הײַזער אונ אליינ זיכ אײַנגע-אָרדנט אינ זיי. וואָס וועסטו טאָנ? וועסט זאָגנ, אז דו ווילסט ניט?

ביז ס׳האָט זיכ אזוי געטומלט אונ געדרייט, האָט מוישע אינ ער-געצ זיכ ניט באהאלטנ, ער האָט זיכ געלעבט אינ זײַנ שטוב. פינצ-טער איז ער געווענ, ווי א כמארע, אזוי פארביטערט, דערשלאָגנ, עמעס, ניט געבויגנ זיכ, דעמ קאָפּ געטראָגנ שטאָלצ, נאָר דאָס פּאָ-נעמ — א פארמערטס אונ ווי ניט קיינ היגס. נאָר בא וועמענ איז דענ דאָס פּאָנעמ פריילעכ געווענ? געקומענ א פרעמדער, א בלוט-זויגער אפ אונדזער ערד, די קינדער פארטריבנ ערגעצ, אליינ באלע-באטעוועט ער דאָ, אונ דו ווייסט ניט, וואָס ער רעדט אונ ווענ ער וועט נאָכ דײַנ נעשאָמע קומענ...

ס׳האָט זיכ בא אונדז פארשפּרייט א נײַס — די דײַטשנ שטעלנ איבער אונדז אלעמענ א סטאראָסטע. אינ א טאָג ארומ האָבנ מיר זיכ דערוווּסט, אז אינ דאָרפ איז געקומענ וואסילי טשומאטש, מ׳האָט אימ אראָפּגעבראכט אהער אפ א דײַטשישנ מאָטאָציקל — דאָס איז ער טאַקע געווענ דער סטאראָסטע. מיר האָבנ שוינ לאַנג פארגעסנ אינ טשומאָטשנ, געמיינט, אז די ערד האָט אימ שוינ לאַנג אײַנגעשלונ-

גענ אונ אז דאָס געבײנ זײַנס פוילט שוינ. ווי טראָגט דאָס די ערד אפ זיכ אזא מערדער? קארג האָבנ מיר זיכ פריִער אָנגעליטנ פונ אימ? ווייניק יעסוימימ האָבנ פארגאָסנ טרערנ? דערנאָכ האָט ער אונדז די גערעטעניש אונטערגעצונדנ, ווענ ס'האָט זיכ בא אונדז געשטעלט א קאָלווירט. מע האָט אימ צוגענומענ, האָבנ מיר געמיינט, ער וועט פארפאלנ ווערנ אינ אָסטראָג, — ערשט נייִנ! ער איז געקומענ ווידער אפ אונדזער בייזוווּנדער — א נאהײַקע אינ דעמ דײַטשס הענט. נאָר וועכט גיינ זאָגנ, אז דו ווילסט אימ ניט?

איצט האָט זיכ שוינ מוישע געמוזט באהאלטנ. אפנ צווייטנ אָדער דריטנ טאָג נאָכ דעמ, ווי טשומאטש האָט זיכ אומגעקערט, זײַנענ אינ אופראווע אוועקגעפירט געוואָרנ עטלעכע אונדזערע אקטיוויסטנ — צוויי פרויענ צווישנ זיי — אונ זיי זײַנענ ביז הײַנט ניטאָ. ווער ווייסט, וווהינ זיי זײַנענ אהינגעקומענ. מוישע האָט באוויזנ אריבערגיינ צו אונדז — זאכאר מײַנער האָט אימ אליינ באהאלטנ אינ קלוניע, צווישנ היי. טשומאטש איז געקומענ צו מוישענ אינ שטוב, באקוקט זי, אונ מענטשנ האָבנ געהערט, ווי ער האָט באדויערט, וואָס דער ייִד האָט באוויזנ אנטלויפנ. קיינער האָט אפילע מיט קיינ ווונק ניט ארויסגעגעבנ, אז מוישע איז דאָ. ריזשניק, דארפסטו ויסנ, איז ניט טשומאטש, ריזשניק איז ריזשניק.

מוישע האָט ניט געקאָנט זײַנ די גאנצע צײַט אינ שטאל. די לעצטע צײַט האָט אימ א הוסט גענומענ דושענ, כוץ דעמ איז געווארנ קאלט, באזונדערס אינ די נעכט, ס'האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רעגנס. מיר האָבנ אליינ ניט געקאָנט דערלאָזנ דעמ געדאנק, איכ אונ זאכאר, אז מיר זאָלנ זיצנ אינ שטוב אונ מוישע — בא אונדז אינ שטאל. נו, ביניאָמקע האָט זיכ ניט געהאט וואָס צו באהאלטנ. ער איז געבוירנ געוואָרנ, ווענ טשומאטש איז שוינ ניט געווענ אינ דאָרפ, אזוי אז יענער האָט ניט געקאָנט ויסנ, ווער דאָס ייִנגעלע איז. ביניאָמקע איז זיכ געזעסנ מיט וולאסיקנ אפנ אויוונ, אָדער זיי האָבנ אויסגעטאָנ זיכ אונ דעמ זיידנ באָרוועס אונ געלאָפנ אינ אונדזערע שטיוול אינ גאס. קינדער, וואָס פארשטייענ זיי? אלצ אָפטער אונ אָפטער פלעגט זאכאר מיר זאָגנ: „גיי אָקאָרשט, מארפע, דופ ארײַנ מוישענ, זאָל ער מיט אונדז דאָ עסנ קארטאָפל”, אָדער: „גיי טו אימ א רופ, זאָל ער זיכ דערוואַרעמענ, קיינער וועט ניט אָנשפּרינגענ אינ אזא צײַט”. וויִאזוי מוישע דארפ גיינ, האָבנ מיר שוינ געוווּסט — לענגויס דעמ פלויט איז בא אונדז געלעגנ כוואָראָסט, אזוי אז פונ שטאל ביז דער שטוב האָט מענ געקאָנט דורכגיינ אומבאמערקט, בלויז אינ איינ אָרט האָט מענ געדארפט טאָנ א לויפ א פאָר שפאנ. צוליב דעמ פלעגט מוישע ארופווארפנ אפ די פלייצעס זאכארס פעלצל, הויכ אונ דאר

זײַנען זיי בײדע געװען, פֿון א זײַט װאָלט מען אלצײנס ניט דער־קענט, װער דאָס איז. נו, אין שטוב, װען עמעצער קומט גראָד אָן, איז אויך ניט שרעקלעך — אין װינקל לעבן אויװן איז געװען דאָס טירל אין קעלער אַרײַן, ביז װאָס־װען קאָן מוישע זיך אהין באַהאלטן. פֿלעג איך גיין און אַרײַנרופֿן מוישען אין שטוב.

ער האָט ניט געװאָלט זיצן אָן ארבעט. „װאָס זיץ איך בײַ אײַך און טו גאָרנישט?" — האָט ער מיר אײנמאָל געזאָגט מיט פֿאַרדראָס. ער האָט דערזען, אז איך רײַב קערנער אַף מעל אין א מעשונעדיקן קײַלעכדיקן ריבײַזן, װאָס איז אָנגעדרײט אַף א קלעצל, ארומגעקלאפּט מיט בלעך. די מיל האָבן דאָך די דײַטשן פֿאַרברענט, האָבן מענטשן צוגעטראַכט דעם דאָזיקן מין ריבײַזן. לאַנג דאַרף מען מאָלן אזוי, ביז מע באַקומט אַרויס א ביסל מעל. קעדיי פֿאַרזאָרגן אַף א טאָג אונדזער קלײנע מישפּאָכע, האָט מען געדאַרפֿט גוטע צװײ שאָ מאָלן. איז מוישע באַשטאַנען אַף דעם, אז מאָלן מעל פֿאַר דער שטוב װעט ער, ער קאָן די דאָזיקע ארבעט טאָן אין שטאַל, ס'װעט אים זײַן אי היימלעכער, אי װאַרעמער. און נאָך אַנדערע קלײניקײַטן האָט ער זיך צוגעטראַכט צו טאָן, אבי ס'זאָל אים ניט זײַן אזוי שװער דאָס זיצן דאָרט און דאָס צעטרײַבן די געדאַנקען. זאַכאַר האָט מיר דאַפֿקע געהײסן געבן אים ארבעט. „לאָז ער טאָן עפּעס, — ער איז געװוינט צו ארבעטן, ס'איז גרינגער אזוי, מאַרפֿע", — פֿלעגט זאַכאַר מיר זאָגן.

אָפֿט פֿלעגן מענטשן קומען באַזוכן מוישען, געװײנלעך אַלטע לײַט און געװײנלעך אײנציקװײַז. מע רעדט זיך דורך מיט אים, מע באַטראַכט די װעלט, מע ברענגט עפּעס א קלאַנג, װעלכן מ'האָט געהערט, און מע פֿרעגט אים, װי מײנט ער. און ער, מוישע, — בײַ אים איז דער מױעך קלאָר געװען די גאַנצע צײַט, — ער איז פּעסט געװען בײַ זיך, געגלײבט, אז איר װעט קומען. „אונדזערע קינדער, — האָט ער געזאָגט, — זײַנען געװאַקסן פֿרײַע. זיי װעלן קומען צוריק, זיך אָננעמען מיט קראַפֿט און קומען. אַן אַנדער זאַך, צי זיי װעלן אונדז טרעפֿן לעבעדיקע. נאָר דאָס איז שוין ניט אזוי װיכטיק". און נאָך אַנדערע אַזעלכע רײד פֿלעגט ער רײדן.

מיט בינײאָמקען האָט ער געלערנט אײַער שרײַבן — ייִדיש. ער פֿלעגט אים נעמען צו זיך אין שטאַל, אװעקזעצן אין היי און לערנען שרײַבן און לײענען. צו מיר און זאַכאַרן האָט ער געזאָגט: „זאָל דאָס קינד כאָטש א ביסל קאָנען די דאָזיקע שפּראַך. צי כ'װעל א סאַך באַװײַזן אויסלערנען, װײס איך ניט, נאָר זאָל עס אין זיך האָבן עפּעס מײַנס..."

מײַן זאַכאַר האָט עפּעס א ביסל צוגעקרענקט. מײַנער, װײסטו

דאָך אוואדע, איז פון שטענדיק אָן געווען פארקאָכט אין כאַפּן פיש, אלע זיינע יאָרן געוויקט זיך אין טייך, אין זומפּן. האָט ער זיך געהאַלטן מיט א רעמאטיז, וואָס פלעגט אים דעם מארך פון די ביינער ארויסציִען. קוים ענדערט זיך דער וועטער — קריכט ער אף די ווענט. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן רעגנס. דאָס מאָל האָט אים, ווייזט אויס, א נעם געטאָן שטארקער, ווי געוויינלעך. מיר זאָגט ער ניט, נאָר ער דארף מיר דען זאָגן. איך זע אליין, איך טו אים, וואָס מע דארף — לייג אים הייסע זאמד צו די קנעכלעך, פלעשער מיט ווארעם וואסער צו די פיס. איך לאָז אים ניט אראָפּ פון בעט. נו, האָט זיך בא דער קו אין שטאל פאר דער צייט, זעט אויס, אָנגעקליבן צופיל מיכט. מוישע האָט דאָס אי ניט געקאָנט ליידן, ווייל ער איז געזעסן אין שטאל, אי ער האָט געוואָלט פאר אונדז עפּעס טאָן, האָט ער זיך גענומען אויסרייניקן די שטאל. איך געדענק זאכארס ווערטער און זאָג אים גאָרנישט, זאָל ער רייניקן. כ'האָב נאָר ארופגעוואָרפן אים אף די פּלייצעס זאכארס פעלצל, אז ס'זאָל פון גאס אויסקומען, אז דאָס רייניקט זאכאר די שטאל.

מיטאמאָל האָב איך דערהערט א שטארקע זידלעריי אין הויף. כ'האָב געגעבן א שפּרונג ארויס אין פּאָרהייזל און בין פארגליווערט געוואָרן, גלייך דערפילט, אז איצט איז שוין אלץ פארלאָרן. אין הויף איז געשטאנען וואסילי טשומאטש, לעבן אים — א דייטש, און אנטקעגן, אָנגעשפּארט אף דערווילע — מוישע. זיי האָבן אים געטראָפן בא דער ארבעט. ערשט דערנאָך בין איך געוואָר געוואָרן: וואסילי איז געקומען מיטן דייטש זיך דערוויסן, פארוואָס מיין זאכאר גייט ניט ארויס אף ארבעט, און זיי האָבן פּונקט אָנגעטראָפן אף מוישען. שכיינים דערציילן, אז ער האָט זיך אזוי פארוואונדערט צוערשט, דער מערדער, אז ער האָט אוואדע א מינוט ניט געקאָנט קיין וואָרט ארויסריידן. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו מוישען: „אָט ביסטו גאָר ווו, און איך האָב געמיינט, ביסט אנטלאָפן!“

מוישע האָט זיך ניט דערשראָקן פאר אים, ניט פארלוירן זיך, ער האָט געזאָגט:

— כ'האָב געוווסט, וואסילי, אז כ'וועל דיך באגעגענען. כ'האָב לאנג געווארט אף דיר בא זיך אפן בוידעם. נאָר מענטשן זאָגן, אז דו ביסט איצט בלינד אפן רעכטן איג נאָך מער ווי אפן לינקן (טשומאטש איז קאָסאָקע אף איין אויג), זעסט גאָר ניט, אז אף די דייטשן וועט גיך קומען א מאפּאָלע און אז דיך וועלן לייט אופהענגען אף דער ערשטער אָסינע. דו זעסט אפילע ניט, אז בא זיך אפן בוידעם זיצט א ייִד און ווארט אף דיר. און אמאָל פלעגסטו אפילע דערזען, בא וועמען סע טריקנט זיך א פעל אפן בוידעם און

אַראָפּגענומענ זי באַנאַכט. נו, איצט איז קײנ כּידעש ניט, װאָס דו האָסט מיכ דערזענ — כ׳בינ אַראָפּגעקראָכנ אַנטלײַענ א װילע באַם שאָכנ, אונ שױנ געגומענ זיכ אױסרײניקנ אימ דעמ שטאַל, װײַל ער ליגט צו בעט... אײַ, װאַסילי, װאַסילי, אַז דײַנ מאַמע האָט געשװאָנגערט, האָב איכ גאָר ניט געװוּסט, װאָס פאַר א שטײנ זי טראָגט אינ בויכ... נו, הײס דעמ דײַטש, ער זאָל מיכ פירנ!

מ׳האָט פאַרנומענ ניט נאָר מוישענ, נאָר אַרױסגעשלעפּט פונ בעט אױכ מײַנ זאַכאַרנ אונ בײדע זײ אַװעקגעפירט אינ פעלד. דאָ באַ דער סאָסנע האָט מענ מוישענ געהײסנ גראָבנ א גרוב, גראָבנ מיט דער װילע, קײנ לאָפּעטע האָט מענ אימ ניט געגעבנ. נאָר דערנאָכ האָט די דײַטשנ זיכ אױסגעװיזנ צו לאַנג דאָס װאַרטנ, האָט מענ געשיקט נאָכ א לאָפּעטע, געגעבנ זי מוישענ אינ די הענט אונ גע-הײסנ אימ גראָבנ שנעלער. ער האָט געגראָבנ שװײַגנדיק. װענ די גרוב איז שױנ געװענ טיפ געװענ, האָט מענ אימ באַפױלנ אױפהערנ גראָבנ אונ אַװעקלײגנ זיכ אינ איר. מיר, די עטלעכע פרױענ אונ אַלטע דאָרפס-לײַט, װאָס זײַנענ דאָ געװענ, האָבנ געמאַכט א גװאַלד, מוישע האָט אױפגעהױבנ א האַנט אונ א געשרײ געטאָנ צו אונדז: „נו, מענטשנ טײַערע, איר זאָלט נאָכ דערלעבנ גוטס”.. ער האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט אינ גרוב. אונ דאָ איז פאָרגעקומענ דאָס סאַמע שרעק-לעכע: מײַנ זאַכאַרנ, װעלכנ די דײַטשנ האָבנ די גאַנצע צײַט גע-האַלטנ אַפ די פיס ניט װײַט פונ גרוב, האָט מענ אַרײַנגעשטופּט די לאָפּעטע אינ די הענט אונ מיט צײכנס אימ באַפױלנ, ער זאָל נעמענ פאַרשיטנ. װאַסילי טשומאַטש איז געשטאַנענ דערבײַ. געשטאַנענ אונ זיכ אַפילע קײנ ריר ניט געטאָנ. זאַכאַר האָט אָפּגעװאָרפנ די לאָפּעטע אינ א זײַט. ער האָט באַקומענ מיט א פױסט אינ באַק. דער דײַטש, װאָס האָט אימ געגעבנ דעמ קלאַפּ, האָט אימ װידער אונטערגעטראָגנ די לאָפּעטע אונ, א טופּע טוענדיק מיט דעמ פוס, געהײסנ פאַרשיטנ.

— נײנ, איכ קאָנ אַפ מײַנ נעשאָמע אַזאַ מינ זינד ניט נעמענ!— האָט זאַכאַר אימ געענטפערט הױכ. ער האָט אַרײַנגעהאַקט די לאָפּעטע אינ דער ערד, איז פעסט צוגעגאַנגענ צו דער גרוב אונ געזאָגט:— בעסער זאָל מענ מיכ שױנ דאָ אױכ פאַרשיטנ...

מ׳האָט אימ װידער גענומענ שלאָגנ איבערנ קאָפּ, איבער די פלײצעס, נאָר ער האָט זיכ אַפילע ניט אָפּגעקערט אונ פונ זײַנ װאָרט ניט אָפּגעטראָטנ. איכ האָב ניט געשריגנ, שװײַגנדיק צוגעקוקט דאָס אַלצ, קעדײ מיט מײַנ געשרײ קײנ איבעריקנ װײטעק אימ ניט פאַר-שאַפנ. מיטאַמאָל האָבנ די דײַטשנ זיכ איבערגעװאָרפנ מיט עטלעכע װערטער, אײניקע פונ זײ האָבנ זיכ צעלאַכט, מ׳האָט באַפױלנ מוישענ אַרױסקריכנ פונ גרוב אונ זאַכאַרנ באַװיזנ, ער זאָל אַהינ קריכנ.

— זאכאר! — האָב איך א געשריי געטאָן און זיך א ריס גע-געבן צו אים. ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט, עס האָט גע-הייסן — ניט דאַרף זאָגן. מיש זיך ניט! — א שאָקל געטאָן צו די פאַר-זאַמלטע מענטשן מיטן קאָפּ און זיך אראָפּגעלאָזט אין גרוב. מוישען האָבן די דײַטשן דערלאַנגט דעם זאַסטעפּ און באַפוילן:

— פאַרשיט...

א צעפּאַטלטער איז ער געווען, מוישע, מיט גלאָזערנע אויגן. די מינוטן, וואָס ער איז אָפּגעלעגן אין גרוב, האָבן אים שטאַרק געענ-דערט. ער האָט מיט ציטעריקע הענט גענומען די לאָפּעטע, געשטאַ-נען א רגע שווײַגנדיק לעבן באַרג ערד, דערנאָך אָנגעבויגן זיך, אָנגענומען א זאַסטעפּ ערד און געזאָגט צו זאַכאַרן:

— זײַ אַף מיר ניט ברוגעז, זאַכאַר... עפּשער האָב איך ווען א וואָרט אַן איבעריקס געזאָגט... צווישן שכנים מאַכט זיך... איז זײַ מיר מוחל... און זאָג איצט — עפּשער ביסטו דורך מיר אָט דאָ אין גרוב... — מוישע האָט מיטאַמאָל זיך געגעבן א גלײַך אויס, א שאָט געטאָן די לאָפּעטע ערד דעם דײַטש, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, אין פּנים אַרײַן, פאַרשאָטן אים אַלץ — דאָס מויל, די אויגן; אויפ-געהויבן די לאָפּעטע איבערן קאָפּ און א וואָרף זיך געטאָן מיט איר צו וואַסילן, נאָר דאָ האָט א טראַכקע געטאָן אַן אויטאָמאַט. מוישע האָט זיך א וואַקל געטאָן. די דײַטשן האָבן געמאַכט א טומל, אַרויס-געכאַפּט דאָס געווער און געשאָסן אינעם שוין טויטן מוישען. א דײַטש איז צוגעלאָפן און עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אין גרוב אין זאַכאַרן. כ׳האָב זיך א וואָרף געטאָן צו וואַסילן, די אויגן אויסדראַ-פּען אים, נאָר כ׳בין געפאַלן, די שײַן האָט זיך אויסגעלאָשן פאַר מיר...

אין דער אייגענער גרוב האָבן די דײַטשן אַרײַנגעוואָרפן אויך מוישען און אפילו זי ניט פאַרשאָטן ביז אַרויף. מענטשן האָבן שוין דערנאָך זי פאַרשאָטן און פאַרגלײַכט דאָס בערגל. און אַזוי ליגן זיי דאָ ביידע, אין דער דאָזיקער ערד...

מאַרפע איז אַנשווייגן געוואָרן. די צעקנייטשטע הויט האָט זיך צונויפגעצויגן אַף אירע באַקן. די אויגן האָט זי מיד צוגעמאַכט. נאָר באַלד האָט זי זיי געעפנט, ס׳האָט אין זיי געלויכטן א קאַלט נע-קאָמע-פײַערל:

— קום, — האָט זי געזאָגט, — אויב דו ווילסט, קאָן איך דיר באַ-ווײַזן וואַסילי טשומאַטשס סאָפּ. ער ליגט דאָ א געשוואָלענער אין א קאַנאַווע... נאָר עס לוינט אפילו ניט קוקן אַף דעם דאָזיקן הונט... מירן צוגיין אין וואַלד, כ׳וועל דיר באַווײַזן ביניאָמקען, און וועסט ביכלאַל א קוק טאָן, וווהין ריזשניק קומט זיך צונויף...

מיר זײַנען אוועק דורכן יונגן יאָדלע-וועלדל צום אַלטן טונקעלן

סאָסנע-וואַלד, וואָס האָט זיך געזען ווײַטער. צווישן די שטאַמען האָב איך דערזען איבערגעצויגענע שטריק, אַף זיי האָט זיך געטריקנט גרעט און עס זײַנען געהאַנגען פֿאַרשיידענע שמאַטעס, דאָ און דאָרט זײַנען צו די שטאַמען געווען צוגעקלאַפּט קאָלדרעס, לײַלע-כער, אָנגעצויגענע ווי דעכלעך און ווי ווענטלעך פֿון בײַדלעך, שײַטערס האָבן געררייכערט, ווו-ניט-ווו זײַנען אין די קוסטעס גע-שטאַנען צוגעבונדענע בעהיימעס, ציגן, אַף אַ נידעריקן צווײַג פֿון אַ בוים האָט זיך געהוידעט אַ קינדער-ליולקע און אַ בלאָנד מיידעלע פֿון אַ יאָר זיבן, מיט דינע צעפּלעך און מיט אַ ליכטיק פּנעמל האָט, זיצנדיק אַף דער ערד, מיט אַ שטריקל, וואָס איז געווען צוגעפּעס-טיקט צו דעם פֿוס, געוויגט די ליולקע און מיט דער האַנט אײַנגע-שטילט אַ שמאַטענע ליאַלקע, וועלכע איז געלעגן אַף אַ געלעגער פֿון שישקעס און גראָז. אין וואַלד איז געווען טומלדיק. ער האָט געקלונגען פֿון שטימען.

— אָט דאָ קלײַבט זיך צונויף ריזשניק, ווער עס האָט זיך באַ-האַלטן פֿון דעם דײַטש אָדער ווער עס האָט באַוויזן אַנטלויפֿן פֿון אים אין וועג... נישקאָשע, ריזשניק וועט זיך אופֿהייבן! — האָט מאַרפֿע געזאָגט.

פּלוצעם האָט זיך אַ שמייכל צעגאָכן איבער איר ביינערדיק געזיכט:

— אָט זײַנען זיי, ביניאָמקע און וולאַסיק...

פֿון הינטער אַ קוסט זײַנען אַרויסגעלאָפֿן צוויי יאַטלעך פֿון אַ יאָר זעקס אין קורצע צעריסענע הייזלעך, וואָס האַלטן זיך אַף שטריקל-דיקע שלייקעס, אין אָפּגעבליאַקעוועטע, פֿאַרוואַשענע העמדלעך, איי-נער — מיט אַ קאָפּ פֿאַרשײַטע קאַשטאַנעווע קוטשערן, אַ לענגלעך פּאָנעם, פֿריילעכע אויגן — ביניאָמקע, דער צווייטער — מיט ווײַסע, גלאַטע האָר אַפֿן קעפּל, אַ קײַלעכדיק פּאָנעם, ליכטיקע פֿאַרטרוילעכע אויגן און אַ פּאַריסן נעזל. זיי האָבן געפֿירט אַן אויסגעדאַרטן הונט אַף אַ שטריק.

— אָ, באָבע! — האָבן ביידע יינגלעך מיטאַמאָל אַ געשריי גע-טאָן. — באָבע, מיר האָבן געכאַפּט אַ דײַטש... ווו זאָלן מיר אים פֿאַר-שפּאַרן?.. נו, גיי גיכער, — האָבן זיי גענומען אונטערשטופּן דעם הונט, וואָס האָט זיך אַלע מאָל פֿויל צוגעזעצט אַף די הינטערשטע לאַפּעס, ניט געוואָלט גיין, — געשפּאַנט, געשפּאַנט, נו, דו! — די כעוו-רע האָבן באַטראַכט מיך, מײַן מיליטערישע אונטיפאָרם און שוין אָן באַזונדערן כיישעק אוועקגעשלעפּט דעם הונט צווישן די קוסטעס.

מאַרפֿע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— די וועלט איז אַ וועלט, וועסט זי ניט אומברענגען און ניט אויסקאָרטשעווען!..

אווגוסט, 1943.

טאסיע

טאסיע איז געבליבנ איינע אליינ מיטנ קראנקנ לייבושנ אינ איר שטיבל, וואָס אינ עק דאָרפישער גאס באמ ראנד וואלד.

אלע שכיינימ האָבנ זיכ געפונענ עפעס א באהעלטעניש. די אָזערטשוקס זייַנענ אוועק אינ ניקאָלקעס וואלד-כוטאָר, אפילע דער טויבער זיידע דעניס איז מיטגעגאנגענ. אפ א שטריקל האָט מענ נאָכגעפירט די קו. יעדעס קינד האָט אינ שויס געטראָגנ איינע אָדער צוויי הינער. די טשערעמטשוקס באהאלטנ זיכ אויס אינ טשערעט באמ טייַכל, דאָס מיידעלע זייערס, נאסטינקע, איז דאָ ווענ געקומענ צו לויפנ, האָט זי דערציילט, אז דאָרט געפינט זיכ א האלב דאָרפ. ארומ די ווערבעס זייַנענ אויכ דאָ מענטשנ. בלויז זי, טאסיע, האָט אינ ערגעצ ניט געקאָנט אונ ניט געוואָלט אוועק פונ איר קראנקנ לייבושנ.

זי האָט אימ אלע מאָל געביטנ דעמ נאסנ האנטעכ אפנ קאָפ. אינ די מינוטנ, ווענ זי האָט געמוזט זיכ אָפּקערנ צומ טישל, קעדיי אייַנצונעצנ דעמ האנטעכ אינ שיסל, האָט זיכ איר געדוכט, אז זי צעשיידט זיכ מיט לייבושנ, האָט זי געזענ וואָס גיכער אויסדרייענ דעמ האנטעכ אונ פאָרזיכטיק צולייגנ אימ צומ הייסנ שטערנ. אָנ-געשפארט מיטנ עלנבויגנ אינ ראנד פונ בעט, איז זי געזעסנ, ניט פילנדיק קיינ ווייטעק, אונ לאנג געקוקט אפ זייַנ שיינעמ, ליבנ פּאָנעמ, וואָס איז איצט געווענ אזוי געל אונ אויסגעדארט. שווארצע רייפנ זייַנענ געלעגנ ארומ די צוגעמאכטע אויגנ, ווי א שאָטנ פונ זייַנע געדיכטע וויעס, אונ די ליפנ, לייבושעס ווייכע ליפנ, זייַנענ געווענ צעשפּאָלטנ אונ צעעפנט פונעמ שטומענ קרעכצ, וואָס האָט זיכ געריסנ פונ זייַנ כריפּענדיקער ברוסט אונ ניט געקאָנט זיכ ארויס-רייַסנ.

אינדערפרי האָט ער נאָכ געהאט געעפנט די אויגנ, א קוק געטאָנ אפ איר פארטראָגנ, באלד זיכ געכאפּט, אז דאָס איז זי, אינ א צארטקייַט האָט זיכ באוויזנ אינ זייַנ בליק.

— גאָרנישט, טאסינקע, — האָט ער געזאָגט, — ביסט געשלאָפנ?..—

נאָר ניט דערוואַרט זיכ אפ איר ענטפער אונ מיד פארמאכט די אויגנ.

און מער עפנט ער זיי ניט. עטלעכע מאָל האָט ער פונ היץ זי א רופ געטאָנ אָדער סטאם אויסגעשעפטשעט איר נאָמענ. זי האָט געגלעט זײַנע פײַכטע האָר, פאריכט אים דאָס העמד באם האלדז, צארט צוגערירט זיכ מיט די פינגער צום פּאָנעם און וועגנ גאָרנישט ניט געוואָלט געדענקענ ווי נאָר וועגנ דעמ, אז לייבוש איז שלאָפ. אזוי שלאפ, אז מע האָט אים אפילע ניט געקאָנט ארויספירנ פונדאנענ אינ וואלד ארײַנ, וווהינ אלע אנטלויפנ. כאוויירים זײַנענ אינדערפרי געקומענ מיט א פורל אים ארויספירנ, געשטאנענ א ביסל לעבנ אים, נאָר גאָרנישט ניט געקאָנט טאָנ. ער איז אזוי שלאפ, איז עפשער וועלנ די דײַטשנ אים ניט טשעפענ, קיינער וועט דאָכ אים דאָ אינ דאָרפ ניט ארויסגעבנ. מ'האָט זיכ געזעגנט מיט אים, געדריקט אים די האנט, און ער האָט דאָס אפילע ניט געפילט, ניט געענטפערט. מ'האָט זיכ דערנאָכ געזעגנט מיט איר, מיט טאסיענ, און מ'איז אוועקגעגאנגענ. זי איז געבליבנ אליינ.

פונ אָנהייב האָט זי עפעס גאָר ניט מוירע געהאט פאר איר עלנטקײַט, ניט געטראכט וועגנ דעמ, וואָס עס קאָנ פאָרקומענ, זי איז פול געווענ מיט איר גרויסנ אומגליק: לייבושעס קרענק. נאָר איצט, ווענ זי איז געבליבנ אינגאנצנ אליינ אינ יישעוו, ווענ די שיסערײַ פונ דער ארטילעריע הערט מענ שוינ גאָר, גאָר שטיל, — זעט אויס, די רויטע זײַנענ ווײַט אָפּגעטראָטנ, — און אינ אלצ פילט זיכ א לויערונג, אנ אָנגעשטרענגטע דערווארטונג, איצט כאפנ זי ארום פארצווייפלטע געדאנקענ, ס'איז איר שווער און שרעקלעכ.

זי וואָלט ארויסגעגאנגענ א קוק טאָנ, וואָס עס טוט זיכ אינ גאס, וויל זי אָבער לייבושנ ניט לאָזנ אליינ, דערצו נאָכ פאָלגנ זי עפעס ניט די פיס; און דער דרויסנ איז איר ווי פרעמד געוואָרנ, דאָרט זײַנענ שוינ געוויס די דײַטשנ.

פלוצעמ דערהערט זיכ א שאָס גאָר נאָענט לעבנ שטיבל, טאסיע טוט א ציטער, גלײַכט זיכ אויס און בלײַבט שטיינ א פארגליווערטע. פונ הויפ דערטראָגט זיכ עפעס א הוילנ. די ערשטע רעגעס פארשטייט זי ניט, וואָס דאָס באטײַט. פאר פארצווייפלונג און שרעק וויל זי אָנהייבנ שרײַענ, נאָר עפעס אנ אומבאוווסטע קראפט לאָזט דאָס געשריי פונ גאָרגל ניט ארויס. זי גייט צו צום פענצטער — ערשט שאריק, דער שווארצער הונט זייערער, וואָס טשעפעט קיינמאָל קיינ לעבעדיקע באשעפעניש ניט, דרייט זיכ ווי א קנײַלעכל און הוילט אומגעהײַער. אָט טוט ער שווער א גיי אינ א זײַט, גיט בלינד א וואָרפ מיטנ קאָפּ, א מאָדנעמ פלאָנטער מיט די פיס און פאלט אום. ער ציט זיכ לאנגזאמ אויס און בלײַבט ליגנ אָנ באוועגונג.

טאסיע פארשטייט, אז ער איז טויט, נאָר זי ווייסט נאָכ ניט,

ווער עס האָט אים אומגעבראַכט און צוליב וואָס. זי באַקוקט דעם גאַנצן הויף. די טיר אין שטאַל איז פאַרמאַכט. דאָרט שטייט די קו און אויך די ציג, א ווײַסע, א ריינע, זי האָט אַרויסגעשטעלט איר קאָפּ דורך אַן אויסגעבראָכענער ברעט אין ווענטל פון שטאַל און פלײַסט זיך פאַרכאַפּן מיט דער צונג די איינציקע גראָזן, וואָס וואַקסן דאָ. זי איז הונגעריק, די ציג. די קו — אויך. שוין דעם צווייטן טאָג, אַז טאַסיע גייט צו זיי ניט אַרײַן.

זי באַווײַזט נאָר א טראַכט צו טאָן וועגן דעם, ווי עס דערהערט זיך נאָך איין שאָס. זי גיט שנעל א טראָט אָפּ פונעם פענצטער און בלײַבט שטיין א דערשיטערטע. עמעצער א ווילד-פרעמדער איז אַרײַנגעלאָפן אין הויף, צוגעשפּרונגען צו דער אָפּגעריסענער ברעט, ווו עס איז געבליבן שטעקן דער קאָפּ פון דער איצט שוין טויטער ציג. דער פרעמדער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער כאָלעווע א מעסער, פאַר א האָרן א הייב געטאָן דער ציגס טויטן קאָפּ און מיט איין פּאָך אָפּגעשניטן אים, ער האָט זיך געלאָזט לויפן פון הויף, טראָגנדיק דער ציגס קאָפּ פאַרן האָרן. טאַסיע האָט א פאַרגליווערטע, דערשטיקנדיק אין זיך דאָס געפיל פון פאַרלוסט און ראַכמאָנעס, קאַלט און באַזונדערס קלאָר א טראַכט געטאָן: „א דײַטש". זי האָט ניט פאַרגעדענקט, ווי ער האָט אויסגעזען, עפּעס איז איר בלויז פאַרבליבן פאַר די אויגן א גרוילעך-גרינע אוניפאָרם, צוויי רייען בלײַענע קנעפּ, א צעקנייטשטע פילאָטקע... ס'האָט בא איר אַלע גלידער אָפּגענומען, און זי האָט, שטייענדיק בא זיך אין שטוב, זיך דערפילט ווי געפּענטעט.

באַלד האָט דורכגעבליצט נאָך א געדאַנק: אבי מ'איז אין שטוב ניט אַרײַן. עפּשער וועט זי דערמיט אָפּקומען.

זי איז צו צו לייבושן. שוין עטלעכע מינוט האָט זי אים ניט געביטן דעם האַנטעך אפן קאָפּ. עפּעס האָט ער געשעפּטשעט, אײַליק אַזוי און אופגערעגט, ווי ער זאָל עמעצן וועלן איבערצײַגן. טאַסיע האָט זיך גענומען אײַנהערן מיט א פאַרטײַעטן אָטעם. נאָר באַלד איז ווידער פאַרשוווּנדן די אופגערעגטקײַט פון זײַן פּאָנעם, עס איז געוואָרן פאַרטראָגן און מאַט.

ס'האָט געטונקלט. טאַסיען איז פאָרגעשטאַנען שוין די וויפלטע נאַכט פאַרברענגען אָט אַזוי בא לייבושעס בעט. נאָר אין די פאַבריקע נעכט פלעגט ער כאָטש מאָמענטנווײַז עפענען די אויגן, מיט א שוואַכער שטים בעטן, זי זאָל זיך צולייגן שלאָפן, אָדער — דאָס איז שוין געווען גאָר גוט — קומען צו זיך און עפּעס ריידן מיט איר, און הײַנט, אָט איצט, ווען זי פילט זיך אַזוי עלנט, הײַנט רעדט ער צו איר קיין איין וואָרט ניט אויס. זעט אויס, צו שווער איז שוין זײַן לאַגע, און עפּשער איז עס דער קריזיס?

זי נעמט ציילנ די טעג, זינט ער איז געקומענ אהיימ א דורכגעווייקטער אפ דורכ אונ דורכ, א דערפרוירענער. א גאנצע רעגנדיקע נאכט איז ער אָפגעלעגנ אונטערנ טראקטאָר, קעדיי אימ צו פאריכטנ, מע זאָל אימ איינדערפרי קאָנענ עוואקויִרנ. דאָס איז געווענ מיט ניינ טעג צוריק. היינט איז דער קריזיס, היינט דארפ אימ גרינגער ווערנ. זי גלייכט זיכ אויס אונ פאריכט די קאָלדרע אפ לייבושנ. זי האָט א ניכטערנ קאָפ, טאסיע. אָבער איצט כאפט זי זיכ אָנ אפילע פאר אָט דעמ פונק האָפענונג. אונ באלד הייבט זי אָנ צו טראכטנ נאָכ וועגנ איינ זאכ — וועגנ קינד, וואָס זי דערווארט. שוינ ניט איינ מאָל האָט זיכ פאר די לעצטע טעג דורכגעטראָגנ בא איר א געדאנק, אז דאָס איז אנ איבעריקע לאסט אינעמ שווערנ לעבנ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ. נאָר זי טרייבט פונ זיכ אָט דעמ געדאנק. ניינ, ווי שווער ס'זאָל ניט זיינ — איז דאָס קינד א גליק, ס'וועט זיינ לייבושעס קינד. ניינ, זי וויל גאָר ניט דערלאָזנ דעמ געדאנק, אז דאָס וועט איר זיינ אנ אָנדענק נאָכ לייבושנ. ער וועט לעבנ, לייבוש אירער, זי וועט אימ ארויסרייסנ באמ טויט. דאָס קינד וועט זיינ זייער ביידנס פרייד, זייער צוקונפט... די דייטשנ? זי וועט לייבושנ אויכ די דייטשנ ניט אָפגעבנ, — ער איז קראנק, איז עס עפשער טאקע צומ גוטנ — מע וועט אימ א קראנקנ ניט טשעפענ, כוץ דעמ וועט דאָכ קיינער אינ דאָרפ אימ ניט ארויסגעבנ...

אונ ווידער — נאכט, אונ ווידער זיצט טאסיע לעבנ לייבושנ, אָנגעשפארט מיטנ אקסל אינעמ הויכנ ווענטל פונ דעמ הילצערנעמ בעט. פונ צייט צו צייט כאפט זי א קורצנ דרימל, אונ דאנ זעט זי לייבושעס מוטער, די קליינשטעטלדיקע פולבלעכע יידענע, וואָס איז צוערשט געווענ ניט גאָר צופרידנ פונ דער שנור אונ דערנאָכ זיכ צוגעבונדנ צו איר. זי זעט לייבושעס מוטער, פעסיענ, ווי זי זיצט אנטקעגנ איר, אונטערגעשפארט מיטנ פינגער די קינ, אונ פרעגט זאָרגעוודיק-זאכלעכ:

— האָסט שוינ עפשער דערפילט דאָס קינד, הא? ווענ דארפסטו דאָס, לויטנ כעזשבנ, דערפילנ, טאסיע?

טאסיע איז ניט צופרידנ געווענ, וואָס לייבושעס מוטער דרינגט אריינ מיט אזא אָפנקייט אינ אזעלכע זאכנ. איצט אָבער, אינ לייכטנ, אומרויִקנ שלאָפ, האָט זי מיט א באזונדערער זיסקייט זיכ אריינגעלאָזט מיט לייבושעס מוטער אינ א שמועס וועגנ אנ אקושאָרקע, וועגנ ווינדעלעכ אונ וויקעלעכ. ווענ זי האָט זיכ אופגעכאפט אונ דערזענ, אז דאָס אלצ איז בלויז געווענ א כאָלעמ, האָט עס איר ביז ווייטעק פארדראָסנ.

זי האָט עטלעכע מאָל אינ מעשעכ פונ דער נאכט געביטנ לייבושנ

דאָס וואסער, אײַנגעגעבנ אים די רעפוע, וואָס דער דאָקטער קוכארסקי האָט געלאָזט בײַם זײַנ לעצטנ וויזיט.

צו אינדערפרי האָט טאסיע באמערקט, אז די היץ בא לײַבושנ פאלט. א קרעכץ האָט זיכ ארויסגעריסנ פונ זײַנ ברוסט, טאסיע האָט זיכ דערפרײט. דאָס איז געווענ שוינ ניט דאָס פריִערדיקע פארשטיקטע כריפענ, גיכער איז עס ענלעכ געווענ צו א טיפנ אָטעם פונ אָפגערוטע לונגענ.

לײַבוש האָט זיכ אײַנגאנצנ באגאָסנ מיט שווײס. ער איז געלעגנ א מאטער, אנ ארויסגעקוועטשטער, ווי ער זאָל שוינ גאָר קײנ מאכט אינ זיכ ניט האָבנ, ווי דאָס בעט מיט די קישנס זאָלנ אים האָבנ אײַנגאנצנ אײַנגעזויגנ אינ זיכ. דורכ דער געווענטענער קאָלדרע האָבנ זיכ געזענ זײַנע ארויסגעדארטע גלידער, — ווײ, וואָס איז פונ אים געבליבנ! נאָר אפ זײַנ פאָנעם האָט זיכ באוויזנ אנ ארויסדרוק פונ בארויִקטקײַט אונ טיפער פארלײַכטערונג.

טאסיע איז געגאנגענ ארום אים אפ די שפיץ פינגער, ווי זי וואָלט מוירע געהאט, אז אפילע דער רויש פונ אירע טריט וועט עפעס צעשטערנ אינ אים. נײנ, איצט האָט זי געגלײבט, אז זי וועט אים ראטעווענ, זאָל ער נאָר עפענענ די אויגנ, זאָל ער נעמענ רײדנ צו איר, פארשטײנ זי, זאָל ער ווידער נאָר ווערנ אזא ווי שטענדיק, וועט איר גאָרנישט ניט שרעקלעכ זײַנ אונ גאָרנישט ניט שווער זײַנ.

איצט דערמאָנט זיכ טאסיע, אז זי האָט די בעהײמע ניט געהאָדעוועט אונ ניט געפויעט שוינ דעם דריטנ טאָג. זי קאָנ דאָכ די שטאל צעטראָגנ, נעכטנ איז דאָס טאסיענ אינ קאָפ ניט געלעגנ. איצט דערמאָנט זי זיכ מיט האנאָע פונ אָט דער פליכט אירער. אָט וועט זי טאקע ארויסלויפנ צו דער קו.

שאריק ליגט א דערשאָסענער אינ הויפ. דער רעגנ, וואָס האָט באנאכט געגאָסנ אונ מאראקעט נאָכ איצט אויכ, האָט צעשווענקט דאָס ריטשקעלע בלוט אונטער שאריקס בויכ. אפ דער ערד איז געבליבנ בלויז א טונקעלער, אומקלאָרער פלעק. טאסיע גײט פארבײַ דעם הונט, ער טוט איר לאכלוטנ ניט באנק, זי איז איצט עפעס ניט אימשטאנד צו באנעמענ קײנ שום פארלוסט.

אינ שטאל, גלײַכ בא דער טיר, לעבנ דער אָפגעריסענער ברעט ליגט די ציג. אזוי ווי זי איז געפאלנ אפ די פאָדערשטע פיסלעכ, אזוי איז זי פארגליווערט געוואָרנ. שרעקלעכ זעט אויס דער ציגס גופ אָנ א קאָפ, מיטנ שטיקל פארבלוטיקטנ האלדז. טאסיע בלײַבט דאָ שטײנ א רעגע, נאָר אויכ דאָס איז ניט אימשטאנד צו פארטויבנ, צעבויטענ אינ איר דאָס פרײדיקע געפיל, וואָס האָט זי אינגאנצנ

באהערשט. זי קערט אָפּ דעמ קאָפּ אונ גייט צו צו דער קו, וואָס שטייט אינעמ טונקעלנ ווינקל באמ ליידיקנ זאסיק, וועלכנ זי האָט שוינ א ביסל ארומגעהריזעט. די קו טאָפּטשעט זיכ אינ א קופּע מיסט, מרוקעט שטיל. זי קערעוועט פּארטרויליכ אויס צו טאסיענ איר פּייַכטע, ווארעמע מאָרדע מיט די ברייטע נאָזלעכער, קוקט אפּ איר מיט גוטע,ווארטנדיקע אויגנ, אונ טאסיע דערפילט עפּעס א מילדקייַט פונ אָט דעמ שטילנ קוק.

טאסיע פּאָרעט זיכ בא דער קו, רייניקט אויס פונ אונטער איר דאָס מיסט, זעצט זיכ צו אונ נעמט זי מעלקנ, זי טוט אלצ אייַליק, בעריייש-פלינק ניט נאָר דערפאר, ווייַל זי וויל זיכ גיכער אומקערנ צו לייבושנ, נאָר ווייַל ס'האָט זיכ אינ איר דערוועקט א מונטערקייַט. אלצ, וועגנ וואָס זי האָט שוינ אינ אָט די טעג אפילע אופגעהערט צו טראכטנ, האָט ווידער באקומענ בא איר א ווערט. עמעס, עס טאָטשעט זי דער געדאנק וועגנ די דייַטשנ, וואָס זייַנענ אינ דאָרפ, סע פּייַניקט זי דאָס געפיל, אז זי געפינט זיכ איצט אזוי ווי אפּ אנ אנדער זייַט ערד, אז צווישנ דער זייַט אונ יענער זייַט, ווו די דייַטשנ זייַנענ ניטאָ, האָט זיכ אויסגעשפּרייט א שרעקלעכער אָפּגרונט. אָבער זי וויל איצט פּארטויבנ אינ זיכ דאָס דאָזיקע געפיל, זי וועט ווייַטער זענ, וואָס זי האָט צו טאָנ, אבי לייבוש איז ווידער אירער.

די קו לאָזט זי פונדעסטוועגנ ניט ארויס פונ שטאל. מע קאָנ זי נאָכ באמערקנ, אונ זי וועט האָבנ דער ציגס סאָפּ. טאסיע אייַלט מיטנ מעלקשעפל אינ שטוב אריינ, פארשטעלנדיק עס, ווי דער שטייגער איז, מיטנ פּארטעכ. אמאָל פלעגט זי דאָס טאָנ פונ אנ אייַנהאָרע וועגנ, איצט ווייסט זי אליינ ניט צוליב וואָס — זאָל זייַנ, ס'זאָל זיכ אינ דער מילכ ניט אָנטרייסלענ עפּעס.

זי הייבט זיכ אופּ אפּ די דרייַ טרעפלעכ אינ פּאָרהייַזל אונ עפנט די טיר אינ קיכ אריינ. גלייַכ אנטקעגנ איז די טיר אינ אלקער אריינ. זי איז ברייט צעעפנט. טאסיע געדענקט, אז ווענ זי איז אוועק אינ שטאל, האָט זי די טיר צוגעמאכט, אפּ לייבושנ זאָל קיינ צוג-ווינט ניט א ווייע טאָנ. מיט א שווער פּאָרגעפיל טוט טאסיע א גיי צו צומ אלקער אונ בלייַבט א פּארגליווערטע שטיינ אפּ דער שוועל. דאָס מעלקשעפל גליטשט זיכ שיר ניט ארויס פונ אירע הענט. עמעצער א הויכער, א ברייטער, אינ א גרויענ פידזשאק איז געשטאנענ לעבנ לייבישעס בעט מיט א פארהויבענעמ אייַזערנעמ שטעקל אינ האנט. דערהערט טריט, האָט ער אייַליק געגעבנ א טרעט אָפּ, דערשראָקנ אויסגעקערעוועט דעמ קאָפּ צו טאסיענ אונ אראָפּגעלאָזנ די האנט מיטנ אייַזערנעמ שטעקל. טאסיע האָט דערפילט, אז דער דיל גליטשט זיכ ארויס בא איר פונ אונטער די פיס — דאָס איז געווענ דאנילא סיטש.

ער האָט פארלוירנ אָנגעשטעלט אפ איר זײַנע מיט בלוט פארגאָסענע גרויע אויגנ, זײַנע אפ ארופ פארדרייטע שאטענ-וואָנצעס זײַנע געווענ גרעסער ווי דאנ, ווענ ער איז פארשווּנדנ פונדאנענ, זײַנ פּאָנעם, אנ עלטער-געוואָרנס אונ זאט-אָפּגעגעסנס, איז געווענ דורכויס אינ פלעקנ, רויטע אונ געלע. דאָס אלצ האָט טאסיע אינ איינ אויגנבליק באמערקט. ער איז אָפּגעגאנגענ נאָכ צוויי טריט פונ לייבושעס בעט, א געצווונגענער אונ אזעסדיקער שמייכל האָט זיכ באוויזנ אפ זײַנ פּאָנעם. די פארדרייטע וואָנצעס האָבנ זיכ עטוואָס אופגעהויבנ, אָפּדעקנדיק ווײַסע אונ ווי בא א וועוורים שארפע ציינ:

— איז גאָר לייבוש דאָ? — האָט ער געזאָגט, ארײַנציִענדיק דעם קאָפּ אינ די אקסל, — אונ איכ האָב געמיינט, ער איז אוועקגעפאָרנ אונ דיכ פארפירט אינ דער פרעמד. גיי פארלאָז זיכ אפ זיי, אפ די דאָזיקע ניט אונדזעריקע מענער, אינ דער שווערסטער צײַט פאלנ זיי גאָר איינ פאר פאכעד...

— גייט אוועק פונדאנענ!.. — האָט טאסיע אינ שטארקער אופרעגונג, דורכ צונויפגעפרעסטע ציינ, דראָענדיק-שטיל געזאָגט. האס, פאכעד, פארצווייפלונג אונ ווילדער ווייטעק האָבנ זיכ אינ איר אויסגעמישט אונ אלע אייוורימ געפּענטעט, נאָר גלײַכצײַטיק האָט זיכ אינ איר געזאמלט קראפט, אונ זי האָט געפילט, אז אויב דער דאָזיקער מענטש וועט באלד ניט אוועקגיינ פונדאנענ, וועט זי ארויסרײַסנ פונ זײַנע הענט דאָס שטעקל, וועלכעס ער האָט נאָרוואָס געהאלטנ פארהויבנ איבער לייבושנ, אונ פלעטנ אימ דעמ מויעכ. זי האָט א שטעל געטאָנ דאָס מעלקשעפל אפנ בענקל לענג טיר, ניט זעענדיק עס, נאָר געדענקענדיק, אז עס דארפ דאָרט שטיינ, אונ היטנדיק יעדע באוועגונג דאנילאס, פעסט א טראָט געטאָנ צו לייבושעס בעט, האסטיק אויסגעקערעוועט זיכ, פארשטעלט אימ מיט זיכ אונ געזאָגט מיט קאלטער אנטשלאָסנקײַט אינ שטימ:

— גייט שוינ ארויס פונדאנענ!

דאנילא האָט עטוואָס אָפּגעוואָרפנ אפ צוריק דעמ קערפער, אָנשפארנדיק זיכ אפנ אײַזערנעמ שטעקל.

— לאנג וועסטו מיכ ניט טרײַבנ, טאסיע, — האָט ער געזאָגט מיט געמאכטער רויִקײַט. — אונ איכ האָב געמיינט, האָסט אָפּגעלעבט א צײַט, ביסטו קליגער געוואָרנ! דער דאָזיקער ייִד האָט דיר די אויגנ פארשטעלט, אונ דו האָסט מיכ ניט געזענ. איכ האָב דיכ אָבער ניט פארגעסנ... וועסט מיכ נאָכ זוכנ, טאסיע, וועסט מיכ נאָכ אליינ רופנ.

ער האָט זיכ פאמעלעכ געלאָזט צומ ארויסגאנג. שוינ בא דער קיכ-טיר האָט ער זיכ פארהאלטנ, א קאסדיקנ אונ עפּעס אויכ אזא באדויערנדיק-אנטוישטנ קוק געטאָנ אינ אלקער, אפ טאסיענ אונ ארי-

בערגעטראָטן די שוועל. א ווײַלע האָבן זיך נאָך דערטראָגן אהער זײַנע שווערע טריט איבער די עטלעכע טרעפלעך, וואָס פֿון פּאָרהײַזל אין דרויסן ארויס, און דערנאָך איז שטיל געוואָרן.

טאַסיע האָט זיך מיד אראָפּגעלאָזט אפֿן בענקל בא לייבושן צו־קאָפּנס, א רעגע האָט זי מיט א טעמפּן, אָפּגעשטעלטן בליק געקוקט אף לייבושן, וואָס איז געלעגן א מאַט־פֿארטראָגענער, א פֿארגאָסענער מיט שווייס, ער האָט געשוויגן, ער האָט גאָרנישט ניט געהערט. זי איז צופֿרידן געווען, וואָס ער האָט ניט צוגעזען און ניט באַנומען דאָס אַלץ, וואָס ס'איז דאָ פֿאָרגעקומען, און גלײַכצײַטיק איז איר געווען אזוי אומגעהייער שווער פֿון אָט דער עלנטקײַט און הילפֿלאָזיקײַט אירער, אז דאָס הארץ, האָט זי געפֿילט, פּלאַצט איר. טרערן האָבן אָנגעפֿילט אירע אויגן, זײַנען גערונען איבער די באַקן.

„לייבוש, — האָט זי געטראַכט, קוקנדיק אף אים, — לעבן מײַנס, וואָס וויל פֿון מיר דער דאָזיקער איסווורפֿ? ווידער שטעלט ער זיך צווישן מיר און דיר. זאָלסט אים געווען זען, זאָלסט אים געוועג ווידער זאָגן, ווי דאַן: „הערט אויס, גייט, און איך זאָל אײַך מער ניט באַגעגענען אף מײַן וועג, און זײַט צופֿרידן, וואָס איר טראָגט אוועק גאַנצע די ביינער!“

— וואָס וויל ער פֿון מיר? — האָט זי ארויסגעברומט אף א קאָל שוין צו זיך אַליין אונטער דער לאַסט פֿון שווערע דערמאָנונגען, וואָס האָבן מיטאַמאָל א פֿלייץ געטאָן אף איר.

אָט פּונקט אזוי איז זי, א טיף־דערשיטערטע, א דערשראָקענע און אן אופגערודערטע, זיצן געבליבן אין איר עגגן, פֿינצטערן מיידלשן צימערל, כּאַרשפּאַרט אף צוויי קיילעלען, נאָך דעם, ווי דאַנילאַ סיטש האָט זי אויסגעטשאַטעוועט, ווען זי האָט זיך איינמאָל אומגעקערט פֿון א שפּאַציר מיט די כאַווערטעס, און ארופֿגעוואָרפֿן זיך אף איר א געזונטער, א צעווילדעוועטער, ארומגעכאַפּט זי גראָב, גענומען זי האַלדזן און דריקן צו זיך. זי האָט אים דעמלט אפֿילע ניט מיטאַמאָל דערקענט. האַס, פֿארצווייפֿלונג, שרעק פֿאַר דער ווילדער טײַוּע פֿון א מאַנצבל, מיט וועלכער זי האָט זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל, — דאָס אַלץ האָט איר צוגעגעבן גוואַלדיקע קויכעס. אַליין ניט פֿאַרשטייענדיק ווי געוועדיק, וואָס זי טוט, האָט זי א זעץ געטאָן מיטן פֿויסט דאַנילאַן אין פּאָנעם ארײַן, צווישן די אויגן. פֿון ווייטעק און אומדערוואַרטקײַט האָט ער זי ארויסגעלאָזט פֿון די הענט. טאַסיע האָט זיך געגעבן א דריי ארויס און איז אַנטלאָפֿן צו זיך אין צימערל.

פֿון דעם, וואָס ער האָט זיך אזוי א מדערוואַרט און גראָב ארופֿגעוואָרפֿן אף איר, איז איר געווען עקלדיק און שווער אפֿן הארצן ניט נאָר יענע נאַכט, וועלכע זי איז א פֿאַרצײַטערטע אָפּגעזעסן

אַפ דער באַנק לעבנ פענצטער, נאָר אויכ פיל שפּעטער. זי האָט נאָכ א לאַנגע צײַט אַלצ געשפּירט דעמ זומעריינעמ קלעפּעדיקנ קלעמ פונ זײַנע פינגער אַפ די הענט, אַפ דער ברוסט, אַפנ גאַנצנ לײַב.

זי האָט אַפילע רעכט ניט פאַרשטאַנענ, וואָס וויל פונ איר אָט דער באָכער, וואָס איז היפּש עלטער פונ איר, דערוואַקסנ, פאַרלאָזט זיכ וואָנצעס, פירט זיכ אומ מיט מיידנ פונ רײַכע פּויערימ, גייט לעבנ זיי אַלעמאָל אָפּגעטראָטנ א האַלבנ שפּאַנ, א ביסעלע פאַרלוירנ. וואָס וויל ער פונ איר אונ ווי וואַגט ער זיכ באַגיינ מיט איר אַזוי.

דערנאָכ האָט זי באַמערקט, אַז דאַנילאַ נעמט פונ איר קיינ אויג ניט אַראָפּ, ווענ זי דערלאַנגט צומ טיש, ווענ זי וואַשט די טעלער אינ קיכ אָדער ווענ זי טראָגט א צעבער פאַר דער קו. ער קוקט אַפ איר פונ דערווײַטנס, אַזוי אַז קיינער פונ די שטוביקע זאָל דאָס ניט באַמערקנ. איינמאָל האָט ער זי געטראָפנ אַליינ אינ צימער. זי האָט זיכ דערשראָקנ, דערזעענדיק אימ, געוואָלט אַוועקגיינ. ער האָט זיכ צעשמייכלט, זייער ליב געזאָגט איר, אַז ס'געפעלט אימ, ווי זי רויטלט זיכ, ס'פּאַסט איר אינ אַז ווענ ער זעט אירע בלאָנדע לאָקנ, ווי זיי פאַלנ איר אַראָפּ אַפנ שטערנ, איז ער גרייט שרײַענ פאַר פרייד אונ קריצנ מיט די ציינ פאַר ווייטעק. זי האָט זיכ שטאַרק פאַרלוירנ פונ די דאָזיקע רייד זײַנע. בײַ זיכ אינ צימערל האָט זי דערנאָכ אינעמ אָפּגעשטשערבעטנ שפּיגעלע, וואָס איז געווענ אײַנגעשמירט אינ וואַנט, לאַנג באַטראַכט איר קײַלעכדיק, ווײַס געזיכט. זי האָט אינ איר פּאָנעמ גאָרניש ניט געפונענ אַזוינס, וואָס זאָל קאָנענ געפעלנ ווערנ, זי האָט אָפּגעבונדנ די בלויע סטענגע אונ פאַנאַנדערגעלאָזט די האָר איבער די אַקסל. זיי זײַנענ טאַקע שיינ געווענ, אירע האָר, זי האָט עס מיט פאַרטײַעטנ שטאָלצ געזענ, אונ די אויגנ — בלויע, באַשאָטנטע מיט לאַנגע, שוואַרצע וויִעס, זײַנענ אויכ גאָר ניט קיינ מיִעסע, דאָס האָט זי געוווסט, אָבער איצט איז זי ממש אומגליקלעכ געווענ פונ דעמ. וואָס גייענ עס אָנ דעמ דאָזיקנ דאַנילאַנ אירע האָר אונ אירע באַקנ אונ פאַרוואָס שטייט ער צו צו איר?

וואָס ווײַטער, איז ער איר געוואָרנ אַלצ פרעמדער אונ עקלדיקער. אונ וואָס עלטער זי איז געוואָרנ, אַלצ מער האָט זיכ דאָס דאָזיקע געפיל אינ איר געשטאַרקט. אונ דאָ האָט זיכ באַוויזנ לייבוש. ער האָט א זומער געאַרבעט בײַ דאַנילאַ סינ׳ס פאָטער דעמ כאַזירניק.

אַנ אָרעמער ייִדישער באָכער פונ א נאָענטנ שטעטל, האָט לייבוש גאָר ניט שלעכט געקאָנט אַרומגיינ אַרומ דעמ באַלעבאָס' אָקסנ, קאָסיענ היי אונ קלעווער; ער איז געווענ א מײַווינ אַפ די פאַרשיידנסטע מינימ טויבנ, צעסאַרקעס אונ פּאַוועס, וואָס דער באַלעבאָס —

א מאָדנער גוסט פון א רײַכן כאזירניק — האָט געכאָוועט אין זײַן הויף. לײבוש — א געזונטער, הארציקער יונג מיט פארטרוימטע און דאָך מונטער-פריילעכע קארע אויגן, מיט א ברויז לענגלעכן געזיכט און שיינע, ווײַסע ציין, וואָס אפילע דער בליאסק זייערער צווישן די איידל-געצייכנטע ליפּן איז ווי א קוש, — איז עפּעס מיטאַמאָל אײַנגעבאקן געוואָרן טאַכיען אין הארצן. דערנעענטערט האָט זיי דאָס, וואָס זיי זײַנען ביידע געווען אין איין לאַגע: באטראַקעס באַם רײַכן סיטש, יעסוימים פון קליינוויז אָן.

און נאָך איינס — טאַכיע האָט אין לײבושן געפונען א שוץ קעגן דאַנילא סיטשס צושטייעניש. צווערשט פלעגט זי פּראָכט אנטלויפן פון דאנילאן אהין, וווּ לײבוש האָט זיך געפאָרעט. אינגיכן האָט לײבוש אליין באמערקט, ווי דאנילא בינדט זיך צו טאַכיען, און ער האָט אָנגעהויבן אפצולאָכעס דעם „בענאָק“ זען קיינמאָל אים ניט לאָזן אַליין מיט טאַכיען. און אָט אזוי, טוענדיק קלוימערשט אלץ דאַני-לאַן אפ צעפּוקעניש, זײַנען לײבוש און טאַכיע אלץ נעענטער גע-וואָרן צווישן זיך און האָבן זיך אינדערעמעסן שוין ליב געהאַט צאַרט און פלאַמיק.

א פּאָר מאָל האָט דאַנילא געפּרוווט אָפּרעכענען זיך מיט לײ-בושן. איינמאָל האָט ער אים א רוף געטאָן איבערטראַגן צוזאַמען א שווערן קלאָץ פון איין זײַט הויף אין א צווייטער. אינמיטן וועג האָט דאַנילא אָפּגעלאָזט דעם קלאָץ און נאָך א שטויס געטאָן אים אין א זײַט, מיינענדיק, אז לײבוש וועט ניט אײַנהאַלטן די מאַסע און ס׳וועט אים טרעפן אין פוס. לײבוש איז אָבער געווען א גוואַר. ווי נאָר ער האָט דערזען, אז דאַנילא האָט זײַן עק קלאָץ ניט אײַנ-געהאַלטן, האָט ער אונטערגעהויבן זײַן זײַט העכער, איז שטיין גע-בליבן אזוי אַן אויסגעגלײַכטער מיטן קראַזש אפן אַקסל. ער האָט בלויז ניט א פאַרניכטנדיק שפּאָטישן בליק אָפּגעמאָכטן דאַנילאַן פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט:

— עך, דו, גאָרנישט איינער!

א צווייט מאָל האָט דאַנילא געהייסן לײבושן אַרופקריכן אפן דאַך און צוקלאַפּן אַ פּאַר פעגעשטן צו ברעטל פון טויבנשלאַק. דער יע-נער איז אינגאַנצן אָן אָנגעשטרענגטער (דער טויבנשלאַק איז געווען אין א זײַט און מ׳האָט זיך גאָמיזט שטאַרק אויסבייגן, קעדיי דער לאַנגע אהין) געשטאַנען אַ איין פוס, פּליצלינג זיך אַרײַנקלאַפּן דעם טשוואָק, האָט דאַנילא, וועלכער האָט געהאַלטן דעם לייטער, קלוימערשט פאַרקוקט זיך, א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אפ אָפּצוטרײַבן א פליג פון פּאָנעם, און מיטן קני א שטופּ געגעבן דעם לייטער. לײבוש האָט צוזאַמען מיטן לייטער געגומען פאַלן אין א

זײַט. טאסיע איז פּונקט פֿאַרבײַגעגאַנגען און האָט אַ שטאַרקן געשריי געטאָן — אונטן זײַנען געווען ציגל, שטיינער, אַ היי־גאָפּל מיט אָנגעשטעלטע שפּיצן, ווי אומיסטן צוגעגרייט. לייבוש וואָלט דערהאַרגעט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אינעם שמאָלן לײַסטל, וואָס ער אַליין האָט ערשט צוגעקלאַפּט, און איז הענגען געבליבן אײַנדערלופטן. ער איז געהאַנגען אַ האַלבע מינוט, ער וואָלט שוין געמוזט אָפּלאָזן די פינגער, ווײַל לאַנג האַלטן זיך אַזוי איז אוממעגלעך געווען, נאָר דאָ איז טאסיע צוגעלאָפֿן, מיטן גאַנצן קערפּער אונטערגעכאַפּט דעם פֿאַלנדיקן לייטער און אונטערגערוקט אים לייבושן אונטער די פיס. ער איז אַראָפּגעקראָכן אַ רויטער, אַ ברענענדיקער פֿאַר קאַס. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם בלאַס געוואָרענעם דאַנילאַן די האַנט אויפֿן אַקסל, אַזוי אַז יענער האָט זיך אויש אַ ביסל צוגעזעצט צו דער ערד.

— נו, זע זשע מיר! — האָט לייבוש געזאָגט און בלויז אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, — כ׳וועל דיך ווי אַ ניסל צעקוועטשן!

שוין דאַן האָט טאסיע פֿאַרשטאַנען, ווער דאַנילאַ איז, פֿאַרשטאַנען, אַז אַט דער דאָזיקער זון דעם כאַזירניקס קאָן, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך, דערהאַרגענען אַ מענטשן. אײַנגיכן איז דאַנילאַ נעלעם געוואָרן — זײַן טאַטע, וואָס האָט געהאַט פֿאַרבינדונג מיט עמעצן פֿון יענער זײַט גרענעץ, איז פֿאַרשיקט געוואָרן אויף קאָלימאַ. דאָס גוטס זײַנס איז אַריבער אין קאָלווירט, נאָך פֿריִער זײַנען אין קאָלווירט אַוועק אַרבעטן טאסיע מיט לייבושן. זיי האָבן זיך ליב געהאַט, נאָר געוואַרט מיט דער כאַסענע, ביז מע וועט קומען אויף אַ דירעכ, אויסשטאַטן זיך אַ ביסל באַלעבאַטישקײַט. כוץ דעם איז לייבוש פּונקט אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף טראַקטאָר־קורסן. געקומען פֿון די קורסן, איז ער אַוועק אין אַרמיי, טאסיע האָט אים געגעבן אַ וואָרט וואַרטן. זי איז געווען זײַנע. מ׳האָט דאָס געמעגט אין ערגעץ ניט פֿאַרשרײַבן.

אין אַ צײַט אַרום, לייבוש האָט שוין געדינט דאָס צווייטע יאָר, האָט אין די הײַגע קאַנטן זיך באַוויזן דאַנילאַ. באַנאַכט האָט ער שטיל אָנגעקלאַפּט צו טאסיעס אין פֿענצטער. זי איז אַ מעוווּלוועלע געוואָרן, ווען זי האָט אים דערזען. אינעם פֿענצטער האָט געפֿעלט אַ שטיקל טאַפֿליע, האָט ער דורך דאָרט דורכגערוקט די האַנט און אָפּגערוקט דאָס קייטעלע. ער האָט געעפֿנט דאָס פֿענצטער, מיט ביידע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם פֿענצטער, גרייט אַרײַנשפּרינגען אין צימער. זי איז זיצן געבליבן אויפֿן ראַנד בעט אין איין העמד, פֿאַרשטעלנדיק מיט די הענט די ברוסט.

— טאסיע, — האָט דאַנילאַ געזאָגט, — איך בין געקומען צו דיר... זעסט, איך געדענק אַלטע פֿרײַנטשאַפֿט...

זי האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט, קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. ער איז אַרײַנגעשפּרונגען אין צימער און, שטיקנדיק זיך אַזש פֿון אויפֿרעגונג, זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר:

— נו, איצט ביסטו מײַנע, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן מיט אַזאַ פֿיבער אין שטים, ווי ער זאָל פֿון פֿראָסט קומען, זײַנע ציין האָבן הילכיק געקנאַקט. זיי האָבן זיך געגומען ראַנגלען, טאַסיע האָט אַלץ קיין געשריי ניט געקאָנט טאָן, נאָר עפּעס אַ בלינדע קראַפֿט האָט זיך אין איר דערוועקט, און זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון דאַנילאָס אָרעמס. ער האָט די קויכעס פֿאַרלוירן, די ווילדסטע אָנשטרענגונגען זײַנע האָבן צו גאָרנישט ניט געבראַכט, ער האָט טאַסיען ניט געקענט באַקעמפֿן. מיטאַמאָל זײַנען די שוואַרצע ווײַנשלבײמלעך אין עם סאָד שטאַרק באַלויכטן געוואָרן, צום באַנאַכטיקן הימל האָבן אָן אַ שיר פֿונקען אַ שפּריץ געטאָן, ער איז רויט געוואָרן. ערגעץ גאָר נאָענט האָט זיך פֿאַרנומען אַ שטאַרקע סריפּע. פֿון גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ גערודער, אַ קלינגען אין שטאָל, דער גאַנצער צימער איז באַלויכטן געוואָרן, ווי בײַ אַ זון־פֿאַרגאַנג.

דאַנילאָ האָט אָפּגעלאָזט טאַסיען, געגעבן אַ טראָט אָפּ פֿון בעט, ער איז שטיין געבליבן אינמיטן צימער. זײַן איבערגעקרימט, מיט שווייס פֿאַרגאָסן געזיכט, באַלויכטן פֿון דער כריפּע, איז געווען גרויזאַם. שאָדנפֿרייד און פּאַכעד אײַנצײַטיק האָבן ווי שאָטנס אַ גיי געטאָן איבער דעם. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פֿענצטער און, שטייענדיק שוין מיט ביידע פֿיס אין פֿענצטער, אויסגעקערעוועט זיך צו טאַסיען און געזאָגט:

— כ׳האָב זיי פֿײַנט אַלעמען, ביז בלוט! — פֿון גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ טופּען פֿון פֿיס, דאָס פֿײַער איז געוואָרן אַלץ גרעסער, — נאָר דיך האָב איך ליב, און כ׳וועל דיך אײַנבײַכן, ניט איצט, איז אַן אַנדערש מאָל! — מיט די ווערטער האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אין סאָד און איז פֿאַרשוווּנדן. ערשט שפּעטער מיט אַ מינוט איז צו טאַסיעס באַוווּסטזײַן דערגאַנגען, אַז דאָס האָט דאַנילאָ אָנגעמאַכט אַ סריפּע און אַז עס ברענען די קאָלווירטישע שײַערס, בישכיינעס מיט איר שטוב, נאָר ס׳איז שוין שפּעט געווען, ער איז נעלעם געוואָרן.

און פּונקט, ווי אין יענער סריפּע־נאַכט, און ווי שטענדיק, ווען זי באַגעגנט זיך מיט דאַנילאָן זינט יענעם ערשטן מאָל, ווען ער האָט זיך אַז איר אַרופֿגעוואָרפֿן אין סאָד, פֿרעגט טאַסיע פֿאַרצווייפֿלט און מיט ווייטעק בײַ זיך אַליין:

— וואָס וויל ער פֿון מיר?

טיף אויפֿגעבראַכט פֿון דער באַגעגעניש מיט דאַנילאָן, אַזוי ווי

פאַרשטײנערט פונ אָט די געדאַנקענ, דערפֿילט טאַסיע ניט גלײַכ
די ערעקלעכע געפאַר, וואָס דראָעט איצט לײבושנ. זי גײט אַרויס
פונ דעם דאָזיקנ צושטאַנד ערשט אינ עטלעכע מינוט אַרום. מיט-
אַמאָל גיט זי א שניט א געדאַנק: דאָס, וואָס דאַנילא האָט גנזענ
לײבושנ, איז שלעכט. ער וועט אים אַרויסגעבנ. און דאַנ בלײַבט זי
ווײַטער זיצנ א פאַרגליווערטע — זי ווײסט ניט וואָס צו טאָנ. זי שליסט
ביז ווײטעק צונויפ די פינגער פונ די הענט, איר מויעכ נעמט פֿי-
בערדיק אַרבעטנ, זי וויל ניט גלײבנ, אַז דאַנילא וועט אַרויסגעבנ
לײבושנ, נאָר זי איז זיכער, אַז אַזוי וועט זײַנ. לײבוש טאָר דאָ
מער ניט בלײַבנ. נאָר וויאַזוי זשע נעמט מענ אים צו פונדאַנענ, ער
איז דאָכ נאָכ אפילע צום באַוווּסטזײַנ ניט געקומענ, דער קריזיס איז
ערשט פאַריבער, אי דאָס ווײסט זי עס ניט אפ זיכער... קײנ ווינט
טאָר אפ אים ניט קײנ ווײע טאָנ. און ווי לויפט מענ אינמיטנ
העלנ טאָג? ס׳קומט איר א געדאַנק — אַריבערטראָגנ לײבושנ אינ
שטאַל, נאָר דאָס וועט זי אַלײנ ניט קאָנענ טאָנ, און ביכלאַל איז
עס פונקט ווי בלײַבנ אינ שטוב. רופנ א שכײנע און אים אַריבער-
טראָגנ ערגעצ, זאָל זײַנ צו די אָזערטשוקס? זי ווײסט ניט, צי
עמעצ פונ די אָזערטשוקס איז שוינ דאָ פונ וואַלד, און אויב מ׳איז
שוינ אפילע דאָ — איז ווידער טאַקע באַטאָג דאָס ניט באַקוועם צו
טאָנ. מע דאַרפ צוּוואַרטנ ביז נאַכט. זי טרײסט זיכ מיטנ געדאַנק,
אַז דאַנילא וועט דאָכ ניט גײנ גלײַכ אַרויסגעבנ לײבושנ, ס׳וועט
אַוועק א שטיקל צײַט. זי נעמט אָנ א באַשלוס אַוועקלאָזנ זיכ מיט
לײבושנ אינ וואַלד, כאָטש זי ווײסט נאָכ ניט, וויאַזוי זי וועט דאָס
טאָנ. אײַנשפּאַנענ די קו אינ וואָגנ, וואָס שטײט אינ הויפ, און אַוועק-
לײגנ דערויפ לײבושנ? עפּשער וועט ער צו אָוונט שוינ קאָנענ אַראָפּ-
גײנ. בעסער ניט רופנ קײנ שכײנים, בעסער, אַז קײנער זאָל ניט
וויסנ, וווּהינ זי איז אַוועק.

זי נעמט אײַליק צונויפלײגנ א קלומעק, קעדײ, ווי נאָר ס׳וועט
טינקעלער ווערנ, גרײט זײַנ אינ וועג. זי שלעפּט אַרויס פונ קאַסטנ
צווײ פאָרלעכ גרעט לײבושעס, זײַנע באַליבטסטע יאָמטעוודיקע הויזנ
און דעם פּידזשאַק. כאָטש זי ווײסט, אַז ס׳וועט שווער זײַנ זיכ
טראָגנ מיט דעם, נעמט זי אויכ זײַנ נײַעם ווינטער-מאַנטל. פונ איר
קלײדונג לײגט זי קימאַט גאָרניש ניט אַרײַנ אינ קלומעק, בלויז די
וואָלענע שאַל און א סעקל. די שטיוול טוט זי אָנ אפ די פיס. איר
וועט דאָס געניג זײַנ. זי ציט אויכ אַרויס פונ א באַזונדערנ קניפּל
אינ קאַסטנ זיבערע העמדעלעכ פאַרנ קינד, א בלוי, וואָלנ קאָפּטע-
לע מיט קוטעסלעכ, וואָס זי האָט עס אַלײנ אויסגעשטריקט, שיכע-
לעכ פונ דער זעלבער וואָל, אויסגעפּרעסטע ווינדעלעכ, ווער ווײסט,

ווענ זי וועט זיכ קאָנענ קערנ אהיים, זאָל אלצ גרייט זײַנ פארנ קינד, וואָס וועט דארפֿנ געבוירנ ווערנ ערגעצ אינ וואלד, צווישנ זומפּנ, אינ א פארלאָזט בײַדל פונ א סמאָלע-טרײַבער צי גאָר אונטער א קוסט...

זי האָט שוינ צונויפגעבונדנ דעם קלומעק. זי האָט זיכ דערמאָנט אויכ, אז מע דארפֿ עפּעס נעמענ עסנ, כאָטש אפ די ערשטע טעג— זי האָט א פארזאלצנ זײַטל כאזער-פעטס אונ א געבעקל ברויט. זי האָט שוינ געהאט צוגעשטעלט א בענקל צו דער שאפע, קעדיי צו דערלאנגענ פונ דאָרט די עטלעכע לעבלעכ ברויט, ווענ זי האָט פּלוצעם דערהערט טריט אינ קאָרידאָרל. זי נעמט א פארצאפּלטע זיכ אײַנהערנ. צווייענ גייענ דאָרט, זיי זוכנ אינ דער פינצטער די קליאמקע פונ דער קיכ-טיר. טאסיע קריכט אײַליק אראָפּ פונ בענקל. זי וויל פארמאכנ די אלקער-טיר, זי באוויַזט עס קוים.

פארטשעפּענדיק זיכ אינ דער הויכער שוועל, גייט ארײַנ אינ קיכ איינ דײַטש, א יונגער, אינ א גרינלעכ-גרויענ היטל מיט א מאָדנע-סטארטשענדיקנ דאשעק, נאָכ אים — א צווייטער, אנ עלטערער, מיט געלע ארומגעשוירענע וואָנצעס, וואָס וואקסנ בא אים ווי אינ מויל ארײַנ, ווײַל די אונטערשטע ליפּ זײַנע סטארטשעט גרויס פאָרויס. די דײַטשנ טוענ האסטיק א לויפ מיט די אויגנ איבער דער קיכ אונ לאָזנ זיכ צום אלקער.

— וואָס ווילנ זיי? — פרעגט טאסיע, א טויט-בלאסע.

ווי ער זאָל זי גאָר ניט זענ, לאָזט זיכ דער ערשטער, וואָס מיטנ מאָדנעם דאשעק, גלײַכ אינ אלקער ארײַנ. בא דער טיר נעמט ער מיטנ ראנד פונ דער דלאָניע א שטופּ אָפּ טאסיענ אינ א זײַט, ווי עפּעס ניט קיינ לעבעדיקע זאכ, דער צווייטער דײַטש גייט דורכ נאָכ אים.

— דאָ ליגט א קראנקער! — שרײַט אויס טאסיע.

דער יינגערער דײַטש שטעלט זיכ אָפּ, טוט א קאלטנ קוק אפּ איר מיט זײַנע קארע, געלזיכטיקע אויגנ אונ גייט צו צו לייבושעס בעט. א בייזער שמייכל קרימט פארמעלעכ אויס זײַנ בלאס, לענגלעכ געזיכט אונ סע בלײַבט אזוי ווי פארקילט אינ דעם דאָזיקנ שמייכל. דאָס בלוט פרירט בא טאסיענ אינ די אָדערנ.

— יודע! — טוט א זאָג דער דײַטש מיט טיפער טײַווע, — א־הא... — ער ציטערט גאנצ אינ אזא מאָדנעם פיבער, פונ וואָס זײַנ בלאס געזיכט ווערט באדעקט מיט גרינע פלעקנ. לייבוש עפנט שווער די אויגנ, פארנעפּלטע אונ טונקעלע, ער שטעלט זיי אָפּ אפנ דײַטש אונ שליסט זיי לאנגזאם ווידער צונויפ. צי האָט ער דערשפּירט, ווער דאָס איז, צי ניט, — ווער ווייסט? זײַנ געזיכט דריקט אויס בלויז פארטראָגנקײַט.

מיטאמאָל טוט דער דײַטש זיכ א גלײַכ אויס, גיט א פּרוּוו מיט די פינגער, צי זײַנענ בא אימ פארשפּליעט אלע קנעפּ פונעמ פרענטש, ער מאכט א באוועגונג אינדערלופטנ, ווי פונ געווינטשאפט זיכ פארקאשערנ די ארבל, דערנאָכ טוט ער מיט קויעכ א שמיצ אראָפּ פונ לייבושנ די קאָלדרע.

טאסיע טוט אינ דער זעלבער רעגע זיכ א וואָרפ ארופ אפ אימ, זי כאפּט אימ אָנ פאר די אקסלענ, שלאָגט אימ איבער די הענט. נאָר דער צווייטער דײַטש כאפּט זי ארומ פונ הינטנ אונ נעמט מיט קראפּט זי אָפּציענ צו דער וואנט. זי לאָזט זיכ ניט, נאָר ער הייבט זי אופ א בסלע, דער דײַטש, וואָס מיט די ארומגעשוירענע וואָנצעס איבער דער ארויסשטארצנדיקער אינטערשטער ליפ, אונ שטויסט זי אָפּ אינ א ווינקל.

אינ דער זעלבער צײַט האָט שוינ דער יינגערער דײַטש פאר די פּיס ארונטערגעשלעפּט לייבושנ אפנ דיל אונ ציט אימ איבער דער קיכ אינ דרויסנ ארויס. טאסיע רײַסט זיכ פונ דעמ עלטערנ דײַטשס אָרעמס, רעגעסווײַז פארלירט זי אזוי ווי דעמ באוווסטזײַנ, נאָר זי קומט באלד צו זיכ, זי גראבלט אימ דאָס פּאָנעמ, שלאָגט אימ מיט די עלנבויגנס, זי ציט זיכ מיטנ קאָפּ אפ אימ א ביס צו טאָנ.

ענדלעכ געלינגט איר ארויסרײַסנ זיכ פונ זײַנע הענט. זי לויפט ארויס אינ דרויסנ, ווענ יענער, וואָס מיט די גלעזיכטיקע אפּלענ, טוט פּונקט א שלעפּ צו לייבושנ פארנ קאָלנער פונ דעמ העמד צו א קאליוזשע אונ גיט אימ מיט די פּיס א שטויס ארײַנ אהינ. טאסיע לאָזט זיכ צו לייבושנ, נאָר דער דײַטש שפּיליעט אָפּ די קאָבורע אונ נעמט ארויס דעמ רעוואָלווער. ווארפט זי זיכ צו אימ אונ וויל פארשטעלנ מיט איר קערפּער לייבושנ, נאָר מ'האָט זי ווידער אָנגעכאפּט פונ הינטנ. אונ דער, וואָס מיט די גלעזיכטיקע אפּלענ, מיטנ פארגליוערטנ, גרינלעכ-בלאָענ געזיכט אײַלט זיכ דאפקע ניט אויסשיסנ. ער שמייכלט ווידער אזוי קאלט אונ טרוקנ. טאסיע שטרענגט אָנ אלע אירע קויכעס, זי רײַסט ארויס איינ האנט, אונ ציט זיכ מיט איר אפ אָנכאפּנ דעמ רעוואָלווער, וואָס איז אָנגעשטעלט אפ לייבושנ. דער דײַטש ווענדט ניט אָפּ זײַנ אויסגעשטרעקטע האנט. נאָכ צוויי סאנטימעטער, אונ טאסיע וואָלט דערלאנגט צו דער דאָזיקער האנט. דער צווייטער דײַטש פלײַסט זיכ מיט אלע קויכעס זי אָפּצושלעפּנ, נאָר זי איז מיט די פּיס ווי צוגעוואקסנ צו דער ערד. צוויי-דרײַ סאנטימעטער סאכאקל... אירע פינגער גליווערנ אינדערלופטנ, אונ דער דײַטש קוקט אפ איר מיט בייזנ שפּאָט. א רעגע-צוויי דויערט עס, איצט טוט ער א שאָס אויס, מיט איינ אויג קוקט ער אפ לייבושנ, וואָס ליגט אויסגעצויגנ אינ דער קאליוזשע, אונ מיטנ

צוווייטן פֿלײַסט ער זיך זען, ווי טאַסיע טראָגט דאָס איבער. זי טוט אַ צאַפּל, אַ שפּרונג אונטער. איצט געלינגט איר אָנכאַפּן אים פֿאַר דער האַנט, וואָס האַלט דעם רעוואָלווער. אין דער ווײַלע טוט דער דײַטש נאָך איין שאָס אויס אין לייבושן, ער גיט אײַנדערלופּטן פֿלינק אַ וואָרף איבער דעם רעוואָלווער אין דער לינקער האַנט און צעלאַכט זיך הילכיק. טאַסיע טוט, ווי אַ שטיק האָלץ, אַ פֿאַל אַף לייבושן.

די דײַטשן שטייען אַ מינוט לעבן איר און גייען אַוועק, הויך שמועסנדיק צווישן זיך. זייערע שטימען דערטראָגן זיך צו טאַסיען, ווי פֿון אונטער דער ערד. די ערשטע מינוטן איז עפּעס אַלץ ווי אויסגעלאָשן פֿאַר איר, יעדעס געפֿיל איז אין איר אָפּגעשטאָרבן, עפּעס ווי זי אַליין זאָל אָט דאָ אַוועקפֿאַלן אַ טויטע. זי וועט שוין אַזוי ליגן בלײַבן און קיינמאָל זיך ניט אויפֿהייבן. נאָר מיטאַמאָל טוט אַ שאַרף געפֿיל זיך אַ וועק אויף אין איר און פֿאַרכאַפּט איר גאַנצן וועזן: דעריאָגן די דײַטשן, אָנפֿאַלן אַף זיי מיט עפּעס פֿון הינטן. פֿון גוואַלדיקער סינע פֿאַרכאַפּט איר אַזש דעם אָטעם. זי וויינט ניט. די טרערן זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן, און סע ברענט זי, אָט די טרוקנקײַט. זי טוט אין שרעקלעכער ניכטערקײַט קאַלט אַ טראַכט וועגן דעם היי־גאָפּל, וואָס שטייט צוגעשפּאַרט לעבן דער טיר פֿון שטאַל, נאָר גרענעצלאָזע פֿאַרצווייפֿלונג פֿאַרפֿולט באַלד ווידער איר האַרץ און לעשט אויס דעם דאָזיקן פֿאַרלאַנג אין איר. זי נעמט פּיבערדיק אַרומטאַפּן לייבושן פֿון אַלע זײַטן. אַ מעטושטעשער און גלײַכצײַטיק אײַנגעשפּאַרטער געדאַנק עגבערט זי, זי דאַרף נאָך אויך איצט עפּעס טאָן פֿאַר לייבושן. זי קאָן ניט אײַנשטימען דערמיט, אַז ער געהערט איר שוין ניט, אַז ער פֿילט שוין גאָרניט. זי דאַרף אים עפּעס אונטערבעטן, ער זאָל ניט ליגן אַף דער נאַסער ערד. אָט איז זײַן קאָפּ ניט באַקוועם פֿאַרבויגן, און די האָר ווייקן זיך אין אַ שמורציקער קאַליוזשע. זי גלײַכט אים אויס דעם קאָפּ, רוקט אים אונטער אַ הויפֿן שטרוי, וואָס ליגט דערבײַ, זי גיט אַ פֿאַל צו צו זײַנע אין ווײַטעק צעעפֿנטע ליפּן, זיי זײַנען עטוואָס וואַרעם. עפּעס לעבעדיקס דערשפּירט זי אין אָט דער וואַרעמקײַט און ווערט אינגאַנצן פֿאַרצאַפּלט. זי נעמט זיך אײַנקוקן אין לייבושעס פּנים. אַ שטילער קרעכץ רײַסט זיך אַרויס פֿון צווישן זײַנע צונויפֿגעפּרעסטע ציין. טאַסיע פֿאַרלירט שיִר ניט דעם באַוווסטזײַן.

זי גלייבט ניט זיך אַליין און איז דערשיטערט פֿון ווילדער פֿרייד. אַ קאַלטער פֿיבער וואַרפֿט אַלע אירע איבֿרים, איר האַרץ איז גרייט אַרויסצושפּרינגען. און עפּשער האָט עס זיך איר בלויז אויסגעדוכט? זי פֿאַלט צו מיטן אויער צו זײַן ברוסט, סע דוכט איר, אַז זי הערט

בלויז דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. דאָס בלוט רוישט אין אירע אויערן, אַז די אָדערן ווערן צעשפּאַרט, זי האַלט לײבושעס האַנט — קוים־קוים קלאַפּט זיך דאָס לעבן. זי קאָן די אויגן ניט אָפּרײַסן פון זײַנע ליפּן. זי בעט בא אים מיט איר גאַנצן וועזן כאָטש נאָך איין קרעכץ, נאָר ער שווײַגט.

זײַן אַקסל בלוטיקט שטאַרק, דאָס בלוט צערינט זיך איבערן צעשפּיליעטן העמד. זי זעט אויך א ווונד באַם דיך. זי כאַפּט פון זיך אַראָפּ דאָס טיכל איבערצובינדן אים. נאָר זי קלערט באַלד איבער: מע דאַרף לויפן אין שטוב, נעמען עפּעס ריינס, און נאָך איין זאַך — מע טאָר אים ניט איבערבינדן דאָ אין הויף, מע דאַרף אים אַרײַנטראָגן אין שטאַל אַרײַן.

זי שטייט אויף און וויל אויפהייבן לײבושן, פּלוצעם דערזעט זי בא דער פּאָרטקע אין הויף דאַנילאָן. ער שטייט דאָרט אָנגעשפּאַרט אין א ברעט און קוקט אַהער. די פּיס ווערן בא טאַסיען ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. דאָס בלוט אַנטרינט פון איר געזיכט. זי קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן און קאָן די אויגן ניט אַראָפּנעמען פון דאַנילאָן.

דערזען, אַז טאַסיע קוקט אויף אים, טוט דאַנילאַ א גיי אַרײַן אין הויף. טאַסיע מאַכט אײַליק עטלעכע שפּאַן אים אַנטקעגן. זי וויל וואָס ווײַטער אָפּגיין פון לײבושן, ער קאָן מיט א קרעכץ זיך אַרויסגעבן. דאַנילאַ איז כמורנע און עפּעס אַזוי ווי פאַרזאָרגט, איין ברעם זײַנע צוקט, זי איז ווי א צעבראָכענע פּאָדקעווע אויפגעהויבן אויפן שטערן, וועלכער איז שטאַרק ווײַס און פאַרשוויצט. ער טראָגט אויפן קאָפּ א שאָפענעם יאָלעם, פאַרבויגן אויף הינטן. ער טוט מיט די פינגער פון ביידע הענט א ביסעלע א צי אויף דאָס קעלנערל פון העמד, ווי ס'זאָל אים ענג זײַן.

— טאַסיע, — זאָגט ער, — איך בין געקומען א קוק טאָן, צי דו לעבסט. דאָס האָב איך דיך אויסגעבעטן בא די דײַטשן, דאָס האָבן זיי דיך דערפאַר ניט געטשעפּעט... — ער קוקט ניט אין לײבושעס זײַט, און טאַסיע גייט אומיסטן צו נעענטער און שטעלט זיך אַנטקעגן אים, קעדיי פאַרשטעלן דעם מאַן. זי קוקט איצט דאַנילאַן גלײַך אין די אויגן, זי וויל, ער זאָל אויך קוקן נאָר איר אין פּנים אַרײַן, זי וואָלט אים אײַנגעזויגן מיט איר בליק. זי באַנעמט קימאַט ניט, וואָס ער רעדט. זי וואָלט איצט אַלץ אָפּגעגעבן, אבי ער זאָל אוועקגיין פונדאַנען וואָס שנעלער.

— איך בין דיר א פרײַנט, — זעצט פאָר דאַנילאַ און לאָזט דערבײַ אַראָפּ דעם קאָפּ. ער זוכט עפּעס אין קעשענע. געפינט עס ניט. טוט מיט פאַרדראָס א מאַך מיט דער האַנט, — טרײַבסט מיך שטענ-

דיק פון זיך. מיילע, איצט מעגסטו מיך שוין ניט טרייבן... וועסט זיך אויסוויינען, קאָנסטו קומען צו מיר.

טאַסיעס אויגן זיינען ווי צוגעשמידט צו אים. עפּעס פּיקט איר ביז ווייטעק אין קאָפּ. זי שווייגט, און דאַנילאָ איז אויך שווער געוואָרן פון אָט דעם שווייגן אירן. ער געפינט ענדלעך, וואָס ער האָט שוין א פּאָר מאָל געזוכט אין קעשענע, — א פּאַרוויקלטן ציגאַר. ער פּאַרפּעסטיקט אים אין א גלעזערנעם מונדשטוק, נאָר פּאַררייכערט ניט.

— האָסט מיך אומזיסט געטריבן, — זאָגט ער, — מירן נאָך ריידן וועגן דעם. ניט יעדע האָט מיך געטריבן. איך האָב א ווייב. נאָר דיך... וועסט ניט לאַנג וויינען נאָך אָט דעם... דיינעם...

טאַסיע טוט האַסטיק א הייב דעם קאָפּ, נאָר באַלד גיט זי צו איר פּאָנעם אַן אויסדרוק פון ווייכן פּאָרוווּרף.

— גייט אַוועק, — זאָגט זי, — איך בעט אייך... לאָזט מיך איצט אליין... — זי מאַכט עטלעכע טריט צו דער פּאָרטקע, דאַנילאָ גייט איר נאָך. זי שטרעקט אויס א האַנט, זי ווייסט אליין ניט צוליב וואָס, דאַנילאָ נעמט איר האַנט, נאָר זי גיט זי טייקעף א כאַפּ אָפּ. זי דערפילט, אז דאָס קאָן אים באַליידיקן און טוט ווידער א קוק אָפּ אים מיט קלוימערשטער ווייכקייט. זי דערפילט, אז די אויגן שפּרינגען בא איר שיר ניט אַרויס פון קאָפּ.

— כ'וועל שיקן א פּאָליציי-מאַן דיר העלפן אים באַגראָבן, — זאָגט דאַנילאָ.

— מע דאַרף ניט, כ'וועל אליין! — גיט טאַסיע א זאָג הייס און שטרענגט אָן די לעצטע קויכעס אָפּ ניט צו פאַלן.

— נו, ווי דו פאַרשטייסט.

ער גייט אַוועק. אינמיטן גאַס שטעלט ער זיך אָפּ, פּאַררייכערט פּאַמעלעך און גייט ווייטער. ווען ער פּאַרשווינדט צווישן די ביימער און פּלויטן פון דער דאָרפישער גאַס, טוט טאַסיע זיך האַסטיק א וואָרף צו לייבושן. זיינע ליפּן זיינען צעעפנט, ער כאַפּט זשעדנע די לייכטסטע טראָפּנדלעך רעגן, וואָס שפּריצן קוים אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט. טאַסיע בייגט זיך אָן איבער אים, זי וויל לייבושן פּאַרשטעלן מיט איר גוף פון נעם רעגן, דערוואַרעמען אים מיטן אָטעם, זי פּרוּווט אים אויפהייבן, קעדיי אַריינטראָגן אים אין שטאַל, נאָר זי טוט א פאַרבייס די אונטערשטע ליפּ און לאָזט אַראָפּ די הענט. ס'טוט בא איר א לויף דורך א געדאַנק: זי טאָר דאָך קיין מאָל ניט אויפהייבן... דאָך בייגט זי זיך אָן, זי נעמט אים אָן אונטער די פּאַכוועס און פּרוּווט אים אזוי א שלעפּ טאָן. ער טוט א שטילן קרעכץ, זי האָט אים אָנגערירט די ווונדן.

זי לויפט אריין אין שטאל, נעמט א ברייטע ברעט, בינדט צו צו איר א שטריק. אפ דער דאָזיקער ברעט רוקט זי פּאָרזיכטיק ארופ לייבושן. זי שפּאנט זיך איין און שלעפּט לאנגזאם אריין די ברעט אין שטאל אריין.

זי ברענגט פון שטוב די וואטענע קאָלדרע און עטלעכע לײַלע-כער. זי טראָגט דאָס אלץ אונטער דער שאל, מע זאָל ניט באמערקן. זי וויל אריבערלייגן לייבושן אפ א געלעגער פון שטרוי, נאָר זי קלערט באלד איבער. בעסער אים ניט טשעפּען פון אָרט און ניט אופהייבן קיין שטויב, ביז זי האָט די ווונדן ניט איבערגעבונדן. איר מויעך ארבעט קלאָר און ניכטער. דער אומגליק האָט זי, הייסט עס, ניט אומגעוואלגערט. זי גיט א טראכט וועגן דעם א רגע און איז צופרידן. דאָס אליין גיט איר צו מונטערקייט. זי דארף ראטעווען לייבושן, טראָץ אלעמען וועט ער זיין אירער. טאסיע דערמאָנט זיך, אז אין שטוב אפן טיש שטייט א בוטל געזאָטן וואסער. מיט דעם איז אוואדע בעסער ארומשווענקען די ווונד. יאָ, אָט אזוי וועט זי ראטעווען לייבושן. נאָר ניט פארלירן זיך. נאָר ניט אונטערגעבן זיך דער שוואכקייט, וואָס פּענטעט איר מינוטנווייז די הענט. ס'איז גאָר-נישט ניט שווער און אלץ איז מעגלעך. אין פארוואָרפנסטן ווינקל וואלד קאָן מען אויך זיין גליקלעך. אָ, בא איר זיינען שטאר-קע הענט. לייבוש אליין וועט זי ליבן, ווען ער וועט געזונט ווערן און זי וועט אים דערציילן אלץ, וואָס זי האָט געהאט אויסצושטיין.

זי האָט קיינמאָל צו קיין ווונד זיך ניט צוגערירט. זי האָט בע-טעווע מוירע פאר בלוט. עס וואָרפט זי אויך איצט אין א צי-טער פון דעם. ווײַ, ווי צעריסן ס'איז בא לייבושן דאָס לײַב באם אקסל. לעבן דיך איז די ווונד א קלענערע. זי נעמט זיך אָן מיט מוט. זי קוקט זיך איין אין די לעכעלעך, וואָס די קוילן האָבן גע-לאָזט — דוכט זיך, אז ס'איז ניט טיף, קיין ביין איז ניט פארטשע-פּעט. לייבוש קרעכצט. זי ברענגט דאָס פלעשל וואסער, נעצט איין א ריין שטיקל לײַווגט און רירט זיך לײַכט צו מיט דעם צו דער הויט ארום די בלוטנדיקע ווונדן. נאָר אפילע דאָס פארשאפט אים ווייטעק. איצט נעמט זי אים איבערבינדן. זי בײַכט ביז בלוט די ליפּן, ווען זי זעט, ווי לייבוש קאָרטשעט זיך. טרערן רינען איבער איר געזיכט, נאָר זי זוכט אין זיך שטארקייט און ווײַטער אירס.

איצט איז ער איבערגעבונדן און ליגט אײַנגעדעקט מיט דער קאָלדרע. זי וויל ניט טראכטן, אז לייבוש איז אזוי שטארק קראנק געווען פאר דעם, ווי דער דײַטש האָט אים ארויסגעשלעפּט אין דרויסן און דורכגעשאָסן צוויי מאָל. זי וויל נאָר גלייבן, אז ער וועט גע-זונט ווערן. ווען זי זאָל זיך קאָנען אויסריידן פאר עמעצן דאָס הארץ,

ווענ עמעצער זאָל כאָטש א ביסל אונטערהאלטנ איר האָפענונג. נאָר זי איז איינזאמ, קיינ מענטשנ אפ דער גאס זעענ זיכ ניט. קיינער איז דאָכ אפ איר געשריי ניט געקומענ, אונ אויב עמעצ האָט זיכ שוינ אומגעקערט אינ יעשעוו, האָט ער אויכ מוירע זיכ ווייזנ אינ דרויסנ. אונ ביכלאל וויל זי קיינעמ ניט רופנ.

די קו האלט אויסגעקערעוועט צו איר דעמ קאָפ, קוקט מיט גרויסע, פייכטע, פארטרוילעכ-רויִקע אויגנ אונ מאלעגיירעט. טאסיע קוקט לאנג אינ דער בעהיימעס ניט פארשטייענדיקע אויגנ אונ פילט נאָכ א שטארקערע איינזאמקייט. צוויי שטילע שוואלבנ פליִענ אומ אינ דער הייכ, איבער די באנטענעס, אונטערנ שטרויענעמ דאכ פונ שטאל. עס זעט זיכ זייער צוגעקלעפטע נעכט בא א קראָקווע. זיי בלייבנ אלע מאָל ווי הענגענ אפ די דינע לאפקעס באמ ארייננגאנג אינ נעסט. אזא רויִקע באשעפטיקטקייט פילט זיכ אינ זייער האסטיקנ אומשמייענ, אז טאסיע איז זיי מעקאנע. וואָס גייט זיי אָנ אונ פאר ווענ האָבנ זיי מוירע? ווער וועט זיכ דערקלייבנ צו זייער הויכער נעכט?

טאסיענ ווערט מיטאמאָל ניט אָנגענעמ, וואָס עס ליגט דאָ אינ שטאל די ציג מיטנ אָפגעשניטענעמ קאָפ. זי נעמט זי אָנ פאר א פוס אונ שלעפט זי ארויס אינ דרויסנ. זי וואָלט אויכ שאריקנ ערגעצ אוועקגעשלעפט, נאָר צו אימ מיִעסט זי זיכ עפּעס צורירנ מיט די הענט. זי ווארט, ס'זאָל צופאלנ גוט נאכט, וועט זי ארייִנשלעפנ אינ שטאל דעמ וואָגנ אונ נעמענ איינשפּאנענ אינ אימ די קו. אייגנט-לעכ, קאָנ זי אימ ארייִנשלעפנ אויכ איצט. זי שטופט ארייִנ דעמ וואָגנ אינ שטאל אונ הערט זיכ מיט זומרו צייִנ אינ זיכ: עס זאָל דעמ דאָרט ניט פארשאטנ. איצט דארפ מענ צוטראכטנ, וויאזוי ארופלייגנ אפנ וואָגנ לייבושנ. ער קומט אלצ ניט צו זיכ, נאָר זייִנ איצטיקער צושטאנד איז גיכער ענלעכ אפ שלאָפ איידער אפ כאלאָשעס. טאסיע וואגט זיכ אליינ ניט מוידע זייִנ אינ דעמ, אז דאָס אָטעמענ זייִנס איז, דוכט זיכ, רייִנער ווי פריִער, רעגלמעסיקער, כאָטש ער איז זייער שוואכ. די דאָזיקע אנטדעקונג פילט זי אָנ מיט האָפענונג. זי האָט שוינ אמאָל געהערט וועגנ אזא פאל. קוכארסקי האָט געהאט דער-ציילט, אז א קראנקער אפ לונגענ-אָנצינדונג האָט אינ היצ זיכ ארויס-געוואָרפנ דורכנ פענצטער אינ שניי, נאָר ס'איז אימ דערפונ, וואָס ער האָט געאָטעמט מיט פראָסטיקער לופט, ניט ערגער געוואָרנ, נאָר פארקערט — בעסער.

זי דארפ צוטראכטנ, וויאזוי ארופלייגנ לייבושנ אפנ וואָגנ. ער איז אפ א קאָפּ העכער פונ איר. אונ א וואָג האָט ער אויכ א היפּ-שע. כוצ דעמ וויל זי אימ וואָס ווייניקער ווייטעק פארשאפנ מיטנ אופהייבנ.

1734—4

זי לייגט אוועק שטרוי אפּנ וואָגנ אונ פאַרשפּרייט אים מיט א לײַלעכ. דערנאָכ פעסטיקט זי צו לייבושנ מיט א האַנטעכ צו דער ברעט, אַפּ וועלכער ער ליגט, ער זאָל זיכ ניט קאָנענ אַראָפּרוקנ. דאַנ הייבט זי אופ דעמ צוקאָפּנס פונ דער ברעט אונ לייגט אים פּאָרזיכטיק אוועק מיטנ ראַנד אַפּ דער דראַבינע. איצט רוקט זי אַרופ די ברעט א ביסל העכער אונ הייבט אופ דעמ צווייטנ עק, בא די פיס. אַזוי לייגט זי אַרופ לייבושנ אַפּנ וואָגנ. איצט בינדט זי אָפּ די האַנטעכער אונ רוקט פּאָרזיכטיק אַרויס פונ אונטער אים די ברעט.

ס'איז צוגעפאַלנ נאַכט. טאַסיע וויל שוינ נעמענ אײַנשפּאַנענ די קו, נאָר ס'קומט איר פּלוצעמ א געדאַנק, פונ וועלכנ זי בלײַבט די ערשטע רעגע שטיינ אינ א פאַרלעגנהײַט, זי נעמט אָבער באַלד דעמ גראָבײַזנ, וואָס שטייט בא דער טיר אינ שטאַל, אונ לאָזט זיכ מיט אַנט-שלאָסענע טריט אינ הויפ. זי גייט אַרײַנ אינ שטוב, נעמט פונ קאָ-מאָד א בלײַפעדער אונ גייט ווידער אַרויס אינ הויפ. אינעמ שיטערנ ווײַנשל-סעדל, אינ ווינקל, וואָס באַמ פּלויט, צו דער גאַס-צו — דאָ איז איר הויפ אָפּגעטיילט פונעמ יאָדלע-וואַלד בלויז מיט עטלעכע שיטערע דרענגלעכ — נעמט זי גראָבנ אינעמ זאַמדיקנ באָדנ א גרוב, זי גראָבט ניט טיפ. ווענ ס'איז שוינ בא דער זײַט אָנגעשאָטנ א היפּש בערגל, וואַרפט זי אָנ א פולע גרוב מיט שטיינער, שטיקלעכ האָלצ. דאָס אַלצ פאַרשיט זי מיט דער פרישער ערד, פאַרגלײַכט פלײַסיק דאָס בערגל אונ קלאַפּט אַרײַנ אינ דעמ א ברעטל. אַפּנ ברעטל שרײַבט זי אָנ: „לייבוש בערליאַנד”. ניט אומקוקנדיק זיכ, גייט זי אוועק צומ שטאַל.

איצט נעמט זי זיכ אײַנשפּאַנענ די קו אינ וואָגנ. די שטילע בע-היימע איז ניט געווינט צו אַזא מינ אַרבעט. זי דרייט זיכ אינ אַלע זײַטנ אונ וויל זיכ בעשומויפנ ניט שטעלנ צווישנ די האָלאָבליעס. טאַסיע נעמט אַרומ די וואַרעמע מאָרדע, גלעט זי, טוליעט זיכ צו איר מיטנ פּאָנעמ. זי שעפּטשעט אינ גרויס אופרעגונג דער קו די צאַרטסטע ווערטער, נעמט אָנ מיט דער האַנט איר האָריקנ אויער אונ רעדט אַרײַנ אַהינ, אונ די קו פאָלגט אינ טעמפּער געהאָרכזאַמקײַט, זי שטעלט זיכ צווישנ די האָלאָבליעס אונ לאָזט צופעסטיקנ דעמ כאָ-מעט איבערנ האַלדז.

פאַרכאַפּט שפּײַז אונ דעמ קלומעק, וואָס ליגט פונ פריער צוגע-גרייט, טוט טאַסיע פאָרזיכטיק א טרײַב די בעהיימע אונ פאָרט אַרויס פונ שטאַל. דער וואָגנ סקריפּעט שטיל אינעמ פײַכטנ באָדנ. טאַסיע פירט די קו פאַר א האָרנ. די נאַכט איז א פינצטערע. קיינ לעבע-דיקע באַשעפעניש איז אינ גאַס ניטאָ. אייגנטלעכ, איז דאָ גאָר קיינ גאַס שוינ ניט — איר הויז איז דאָס דריטע אינ עק דאָרפ, נאָכ א

פאָר הײַזלעכ שטײענ צווישנ די הויכע יאָדלעס, אונ ווײַטער איז שוינ דורכויסיקער וואלד, דאָ ציט זיכ א שאָסײ־וועג. כאָטש דער וואָגנ וועט קלאפנ איבער אים, פאָרט טאסיע פונדעסטוועגנ ארופ אפ די שטײנער, קעדײ ס׳זאָל זיכ ניט זענ דער שפור פונ די רעדער. אוואדע פארשאפט דאָס דאָזיקע טרײַלענ לײבושנ װײטעק. ער קרעכצט. אינעם טאראכקענ פונעם וואָגנ דוכט זיכ איר, אז ער רופט זי. טאסיע שטעלט דאנ אָפ די קו אונ גײט צו צו אים. נאָר ער שווײַגט, קרעכצט פונ מאָל צו מאָל. ער איז אלצ צום באוווסטזײַנ ניט געקומענ. גײט זי ווידער צו דער קו. יענע לאָזט זיכ ניט גאָר גערנ פירנ פארנ האָרנ, זי דרײט מיטנ קאָפ, נאָר איר אקשאָנעס דויערט ניט לאנג. אינ א מינוט ארום גײט זי שוינ ווידער געהאָרכזאמ אונ ציט נאָכ זיכ דעם וואָגנ.

טאסיע פאָרט ארײַנ אינ הויכנ סאָסנע־וואלד. אײמעדיק־פינצטער איז ארום. די בײמער שעפטשענ זיכ איבער, אונ ווײַל ס׳איז ניט צו זענ אינ דער טונקלקײַט זײערע שפיצנ, דוכט זיכ, אז זײ דערגרײכנ עפשער ביז די וואָלקנס. גלײַכצײַטיק שאפט זיכ אנ אײַנדרוק, אז זײ שטײענ דאָ בוימ צו בוימ, שטאמ צו שטאמ. טאסיע רוקט זיכ פאָרזיכטיק איבערנ וואלד, זי גײט אלע מאָל אוועק א פאָר צענדליק שפאנ פאָרויס אונ פירט ערשט דערנאָכ נאָכ זיכ די קו מיטנ וואָגנ. אונ די קו, אָט די שטומע באשעפעניש, ווי עס זאָל אפ איר אויכ ווירקנ די אײמעדיקײַט פונ וואלד, איז איצט מער געהאָרכזאמ, זי גײט גערנ נאָכ טאסיענ, אונ ווענ יענע טרעט אָפ פונ איר, טוט זי אומרויִק א מרוקע אונ ס׳דוכט זיכ, אז זי דערפרײט זיכ, ווענ טאסיע קערט זיכ אום.

טאסיענ זײַנענ באקאנט די דאָזיקע ערטער. אָט מײַדט זי דעם הויכנ וואלד, איצט הײבט זיכ אָנ א יונג יאָדלע־וועלדל. אָט דאָ דארפ זײַנ א וואלד־שטיבל, ענלעכ אפ א רויכ־באָד, אָנ א קוימענ אונ אָנ פענצטער. זי האָט זיכ דאָ אײנמאָל באהאלטנ פונ א רעגנ, ווענ זי איז נאָכ מײדלווײַז געגאנגענ נאָכ פילעניצעס. דאָ ערגעצ מוז עס זײַנ. זי פאָרט ארופ אפ א פניאָק, קערט שיר ניט איבער דעם וואָגנ. זי קלאפט זיכ אָנ אינ א סוק, אז ס׳טוט איר אזש א צופ באמ הארצנ אונ פונקענ טוענ זיכ א שאָט פונ די אויגנ. זי פרעסט צונויפ די צײנ אונ גײט ווײַטער. זי זעצט זיכ צו צו דער ערד, שטרענגט אָנ די אויגנ אונ וויל עפעס דערזענ. מיט די הענט שארט זי אינ גראָז אונ טרעפט אָנ אפ האָלעוועשקעס — עמעצ האָט פארברענט דאָס שטיבל, אונ גאָר נישט לאנג, די קוילנ זײַנענ נאָכ פרישע. וועמענ האָט געקאָנט שאטנ דאָס דאָזיקע וואלד־שטיבל?

עס קומט איר אפנ געדאנק, אז דאָס האָבנ געקאָנט טאָנ די

דײַטשן און אַז זײ זײַנען ערגעץ ניט װײַט, און זי נעמט זיך רעכטס.
איצט װעט זי זיך פאַרקלײַבן אין דער סאַמע װאַלד-געדיכטעניש,
צװישן די זײַצער-זומפּן, אָבער אַהין קאָן מען דורכפאָרן בלױז באַ־
טאָג, דערבײַ אױב מע װײסט גוט דעם װעג. טאַסיען איז ער באַ־
װוּסט, ביז טאָג מוז מען איבערװאַרטן דאָ צװישן די דעמבן-קוסטעס...
טאַסיע באַשטימט באַ זיך: אױב די דײַטשן טרעפן זי דאָ אין
װאַלד אָדער אױב דאַנילאַ קומט אָן מיט פּאָליצײ-לײַט, װעט זי זיך
אָפּשלאָגן פון זײ, װי װײַט זי װעט קענען, זי װעט זיך װאַרפן אַף
זײ מיט דער האַק, װעלכע זי האָט פאַרכאַפּט. אױב זײ װעלן זײַן
זאַלבעצװײט, קאָן זי זײ אַװעקהאַרגענען, און אױב מער — װעט זי
זיך אַלצײנס שלאָגן, בעסער זאָלן זײ זי די ערשטע דערהאַרגענען.
צװײ מאָל איבערלעבן לײבושעס טױט קאָן זי ניט.

און אין דער זעלבער צײַט איז איר אַזאַ שאָד דאָס לעבן, װאָס
װאַרעמט זיך אױס און דאַרף שױן אָט-אָט אױפװאַכן אונטער איר
האַרץ. עפּעס קײנמאָל איז איר אײגן לעבן ניט אַזױ טײַער געװען באַ
איר. מינוטנװײַז באַקומט זי אַזױ װי אַן אײגנשאַפט אַרײַנצוקוקן אין זיך,
און עס דוכט זיך איר, אַז אינעװײניק איז זי דורכױס פול מיט שײַן...
און טאַקע די זאָרג פאַרן לעבן, פאַר לײבושעס לעבן, װאָס גײט
אױף באַ איר אונטערן האַרצן, גיט איר צו קראַפט. זי שפּאַרט זיך
צו אַפּן װאָגן, לעבן לײבושן, און נעמט זיך אײַנהערן אין זיך.
ס'דוכט איר, אַז דאָס גליק װעט קומען מיט דעם קינדס ערשטער
באַװעגונג. נאָר נײן, זי הערט נאָך גאָרנישט.

אָט איז עס איצט, איר װעלטל, אין אײן ענגן קרײַז פאַרשלאָסן:
לײבוש, זי, דאָס קינד, װאָס זײ דערװאַרטן, דער װאָגן און לעבן
אים — די קו... זי איז קײנעם גאָרנישט ניט שולדיק. װאָס האָט מען
צו איר? די בילכאָמע — אָט דער גרױסער אומגליק — האָט זיך שױן
אַריבערגעקײַקלט איבער איר, זי גײט איצט װײַטער אַף מיזרעך. איצט
װאָלט זי עפּשער דאָך געקאָנט פאַרטײַען זיך און איבערװאַרטן, ביז
די פרײַהײַט װעט זיך אומקערן, איז אָבער דאַנילאַ דאָ. מיט אַלע
אירע אײװורים דערפילט זי, װי פײַנט זי האָט דעם דאָזיקן מענטשן,
װאָס װיל זי צעשײדן מיט לײבושן און מיט אַלץ, װאָס איז דער
טאָך פון איר זײַן. ער איז איר פרעמד און דערװידער געװען שטענ־
דיק. דערװידער מיט זײַנע באַלײדיקנדיקע צושטײעניש, מיט זײַן
זאַטקײַט און אױסגעכאָליעטקײַט, דאַן װען זי האָט געמוזט זײַן אַ
דינסט אין זײַן פּאָטערס הױז, װילד־פרעמד מיט זײַן גיפטיקער טינע
צו דער מאַכט, װאָס האָט איר, טאַסיען, דאָס לעבן געעפנט, און
איצט איז ער איר ביז בלוט פרעמד מיט זײַן דינען די דײַטשן. זי
װײסט נאָך ניט, װי װײַט ער דינט זײ, נאָר דאָס, װאָס ער איז

מיט זיי צוזאמענ געקומענ אהער, אונ דאָס, וואָס ער האָט זיי געשיקט
דערהארגענענ לייבושנ, צונ אפילע דאָס, וואָס ער האָט אָנגעוויזנ,
מע זאָל זי לאָזנ לעבנ, לאָזנ צוליב דעמ, אז זי זאָל, כאָטש שוינ
אנ אנדערנס ווייב, דאָכ ארײַנפאלנ אינ זײַנע הענט, — דאָס אלצ האָט
ארויסגערופנ אינ טאסיענ גרויליקנ האס אונ גרימצאָרנ. זי איז שוואכ,
זי איז אײנזאמ, זי איז פארטריבנ אינ וואלד, צוגעשמידט צומ גע-
פערלעכ קראנקנ אונ פארווונדעטנ לייבושנ. נאָר, אָ, ווענ זי האָט
אינ זיכ קראפט, דאנילא וואָלט דאנ געוווסט די מאָס פונ איר סינע!
זי גיט טרינקענ לייבושנ, וואָס נעמט אינ זײַנ פארטראָגנקײַט
זיכ באוועגנ פונ היצ אונ פונ שטומענ פײַנ. א מינ גוואר ער איז,
אונ ווי שיינ, אפילע איצט, א מעסוקנ קראנקער. דער רעגנ האָט
אופגעהערט, די לעוואָנע איז אפ א קורצער צײַט אופגעגאנגענ צווישנ
צעריסענע וואָלקנס אונ פארגאָסנ מיט א שטילער שײַנ דעמ וואָגנ
אונ לייבושנ. טאסיע דעקט אימ בעסער אײַנ מיט דער קאָלדרע, ווײַל
ס'האָט א פריש ווינטל א צי געטאָנ פונ וואלד, זי ברעכט אָפ עט-
לעכע ווייכע יאסענ-צווײַגנ, בייגט זיי אויס איבער דער דראבינע,
פארשטעקט די עקנ אינ שטרוי אונ פונ אויבנ ציט זי אָנ א דיקנ לײַ-
לעכ. ס'באקומט זיכ א מינ ציגײַנער-בויד — טאָמער וועט ווידער נע-
מענ גיסנ א רעגנ. דערנאָכ שלעפט זי אראָפ די שטיוול אונ זעצט
זיכ אוועק אינ וואָגנ, בא לייבושנ צופוסנס. בא אימ זײַנענ אײַנ-
קאלט די פיס, אונ זי נעמט מיט אירע פיס אונ מיט איר אייגנ לײַב
זיי דערווארעמענ.
אזוי זיצט זי אָפ די נאכט אינ האלבנ כאָלעמ, אינ מעטושטע-
שער פארטראָגנקײַט, אונ דאָכ איז אינ איר וואכ יעדער אייווער אונ
איר אויער פארכאפט יעדנ מינדסטנ שאָרכ פונ וואלד, יעדע שוואכס-
טע באוועגונג לייבושעס. עטלעכע מאָל פאר דער נאכט טראָגט זי
אימ צו די פלאש וואסער צו די ליפנ, זי פאריכט אימ די קאָלדרע
טייקעפ, ווי נאָר ער דעקט זיכ אָפ מיט דער לינקער, געזונטער האנט,
אונ אינ דער זעלבער צײַט הערט זיכ ניט אופ בא איר אינ קאָפ
ווערנ די קייט כאלוימעס, דאָסראָוו זיסע, בארויקנדיקע. זי זעט, ווי
לייבושעס מוטער, פעסיע, ברענגט א קויש טריסקאווקעס אפ פרעג-
לענ אײַנגעמאכטס. „אינ א קימפעט, — זאָגט זי, — ווילט זיכ דערקוויקנ
דאָס הארצ מיט א מינ זיסקײַט, כוצ דעמ איז עס בלוט, עס צעגייט
זיכ גלײַכ אינ אלע גלידער...” טאסיע העלפט איר אָפרייניקנ די טריס-
קאווקעס פונ די פרישע שארפצייניקע בלעטעלעכ, וואָס האָבנ זיכ צו
זיי צוגעקלעפט, איבערשיטנ זיי מיט זאמד-צוקער. אונ ווענ דאָס אײַנ-
געמאכטס פרעגלט זיכ שוינ, נעמט די אלטע פעסיע אראָפ מיט א
לעפל די ערשטע ארופגעשווומענע טריסקאווקעס אונ שעפטשעט דער-

בײַ א באַזונדערן ייִדישן שפּרוך. פון דער הימלעכקײַט צעגייט זיך בא טאַסיען אין האַרצן אַזאַ זיסע װאַרעמקײַט.

עס נעמט טאָגן אין װאַלד. פייגל צװיטשערן, א פּאַרשפּעטיקטע סאָװע פליט בלינד דורך, אָנשלאָגנדיק זיך מיט די פליגל אין די צװײַגן פון די יאָדלעס. א קוקאװע נעמט אױסרופן איר אומרויִקן און לײַדנשאַפטלעכן „קו־קו". דורכגענומענע פון דער פאַרטאָגיקער קעלט און דאָך דערװאַרעמט פון אומקלאָרע האָפענונגען, נאָך דרימלענדיק און דאָך װאַך מיט איר גאַנצן אונטערבאַװוסטזײַן, נעמט טאַסיע מיט קינדערישער פאַרגלייבטקײַט ציילן, װיפל די קוקאװע װעט אױסרופן יאָר, און װעמענס יאָר — אװאַדע לייבושעס. די קוקאװע הוקעט און הוקעט, בא טאַסיען צאַפּלט דאָס האַרץ יעדעס מאָל, װען דער װײַטער פויגל פאַרשפּעטיקט א װײַלע, זי האָט שוין אָנגעציילט א סאַך, זי האָט זיך מוירע פאַרפאַלאָנטערן, זי באַקעמפט דעם דרימל און פלײַסט זיך עפענען די אויגן. פלוצעם דערהערט זי אַזוי נאָענט לעבן זיך א מענטשלעכע שטים, אַז ס'טוט זי אַזש א װאָרף:

— בירגערן, װוּהין קלײַבט איר זיך דאָס?

זי עפנט די אויגן, עפּעס דערגייט ניט מיטאַמאָל צו איר אײַ־בערגעמידטן באַװוסטזײַן, אַז דאָס שטייט אונטעגן איר א פּאָשעטער באָכער אין א שפּיציקן שפּעסענעם יאָלעם, אין א פּידזשאַק, אונטערגעגאַרטלט מיט א רימען, אַף זײַן אַקסל הענגט א קאַראַבין מיט דער קאָלבע אַרוף. איין רעגע דוכט זיך איר, אַז דאָס איז א דײַטש, נאָר זיי זײַנען ניט אַזוי געקליידט, זי האָט עפּעס זײַנע װערטער ניט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט דאָך גערעדט רוסיש. דער באָכער קוקט אַף איר פאַרשעריש און מיט צוריקגעהאַלטענעם מיטלייד.

אין פאַרלוירנקײַט און פאַרצװייפלונג, ניט װיסנדיק, מיט װעמען זי האָט זיך באַגעגנט, נאָר דאָך עפּעס באַרויִקט פון זײַן רוסיש ריידן, זאָגט טאַסיע דעם עמעס:

— ס'איז מײַן מאַן.

— שלאָף? — דער באָכער קוקט עפּעס א ביסעלע װייניקער פאַרשעריש און מער מיטפילנדיק.

— קראַנק און פאַרװוּנדעט, — זאָגט טאַסיע מיט פלוצעמדיקער פאַרביטערטקײַט, הײַנט גלײַך כאַראַטע דערוף און פאַרבײַכט א ליפּ.

— פאַרװוּנדעט?.. װאַרט, איר זײַט ניט דעם טראַקטאָריסטס װײַב, װאָס אָט דאָ אין יישעװ... ניט לייבוש איז אײַער מאַן? איז ליגט דאָ לייבוש פאַרװוּנדעט! דאַרפט איר מיך דאָך אװאַדע געדענקען, כ'האָב אָט דאָ ניט לאַנג בא לייבושן אױסגעביטן א דעטאַל און האָב בא אײַך אין שטוב זי באַקומען. איר האָט דאַן פּונקט געװאַלקעװעט ברויט. װוּהין איז ער פאַרװוּנדעט, לייבוש?

דאָס הארצ נעמט פריידיק קלאפּנ בא טאַסיענ, דאָס ערשטע מאָל פאר די דאָזיקע טעג באגעגנט זי א מענטשנ, וואָס איז איר א פריינט. זי געדענקט ניט, ווענ ער איז בא איר געווענ אינ שטוב, נאָר דאָס, וואָס ער האָט איר דערמאָנט, ווי זי האָט געבאקנ ברויט, ווייעט אָנ אפ איר אינ איינ רעגע אזויפיל גוטע דערמאָנונגענ ווענג איר פאָשעטנ אונ זאָרגלאָזנ לעבנ, אז דער דאָזיקער באָכער ווערט איר מיטאמאָל נאָענט אונ אייגנ.

— די דייטשנ האָבנ אים פארווונדעט, — זאָגט זי, — דאַנילא סיטש האָט אים ארויסגעגעבנ.

— סיטש? — טוט יענער זיך א כאפּ, — ווידער ער! דער דאָזיקער סיטש האָט שוינ ניט איינעם ארויסגעגעבנ. ווארט דאָ צו א ווײַלע, כ'וועל זיך באלד אומקערנ... דאָ איז א דאָקטער פאראנ. — מיט אָט די ווערטער איז דער באָכער פארשווונדנ אינ די קוסטעס. טאסיע האָט מיט אנ אומרויק-קלאפּנדיק הארצ זיך צוגעהערט צום זיך דערווײַטערנדיקנ רויש פונ זײַנע טריט אינ גאָענטנ טאָל, צווישנ די ביימער. דאנ האָט זי האסטיק ארופגעשלעפּט אפ זיך די שטיוול, אראָפּ פינ וואָגנ, מיט די פינגער אָפּגעשארט די לײַכטע קוטשערנ פונעמ שטערנ, שטײַפער פארפלאָכטנ אירע צוויי דיקע, קורצע צעפּלעך.

דער באָכער האָט ווירקלעך זיך אומגעקערט אינ א צוואנציק מינוט ארום, נאָך אים איז אינ זײַנ געקעסטלטנ פאלטאָ, אינ די האָרנ-ב ילנ, אינ דער ברוינער, שווערער קעפּקע, פארוקט אפ א זײַט — זעט אויס פארטשעפּעט זיך אינ א צווײַג, — ארויס דער דאָקטער קוכארסקי. ער איז צוגעגאנגענ צו דער פור, דערזענ טאסיעס טיפע פארווונדערונג אונ דעמ שטומענ פרייד-אויסדרוק אפ איר אויסגעבלייכט געזיכט, דערפילנדיק איצט באזונדערס שטארק די גאנצע אומגעווײנלעכקײַט פונ זײַנ לאגע אונ עפּשער טאקע ווענדיק זיך אליינ אינערלעך א מונטער טאָנ, האָט ער א זאָג געטאָנ, צעציענדיק זײַנ ברייט, עט-וואָס פארוואקסנ געזיכט אינ א ווייכנ שמייכל:

— קוכארסקי איז אוועק אינ וואלד, גייענ אים נאָך די כאַלאַמ אהער, פײַנ, פײַנ... באווײַזט אָקאָרשט, וואָס מאכט דער שלאפער!

ער האָט אופמערקזאמ באטראכט לייבושנ, געכמורעט דעמ שטערנ. לייבוש האָט געקרעכצט. שוואך אונ ווי צוגעשמידט צומ וואָגנ, האָט ער באוועגט מיט דער ניט צעשעדיקטער האנט, ווענ קוכארסקי האָט מיט צוויי פינגער אונטערגעהויבנ די פארבלוטיקטע לײַוונטענע באנדאזשנ אונ פאָרזיכטיק ארומגעטאפּט דאָס פארבלוטעטע לײַב. טאסיע האָט געזענ די דאָזיקע אנגסט-באוועגונג פונ לייבושעס האנט, געזענ די כמורנעקײַט פונ קוכארסקיס געזיכט אונ געפילט, אז די קויכעס פארלאָזנ זי.

ייִדישע פֿאָלקס ביבליאָטעק
Montreal - מאָנטרעאָל
25301

— וויאַזוי איז מיט זײַן לונגען־אָנצינדונג? דער קריזיס איז שוין געווען? — האָט קוכאַרסקי באַשעפטיקט געפרעגט.

— געווען.

ער האָט דערנאָך געשמירט די ווונדן מיט אַזאַ גרינער פליסיקייט פון אַ פלעשעלע, וואָס ער האָט געטראָגן אין בוזעם־קעשענע פון פּאַלטאָ, לאַנג איבערגעבונדן זי מיט אַ מאַרליע־באַנדאַזש, וואָס דער באָכער האָט אים דערלאַנגט פון אַרבל. טאַסיע האָט עטלעכע מאָל זיך אָפּגעקערט, ניט קאָנענדיק צוזען, ווי אָנמעכטיק און צעקאַליעטשעט ס'איז לייבושעס ריזיקער קערפּער, און געוואַרט אויף קוכאַרסקיס אַ טרייסט־וואָרט. דער באָכער מיטן קאַראַבין אויפן אַקסל איז די גאַנצע צײַט אומגעגאַנגען בײַ אַ זײַט, צווישן די ביימער, אײַנגעקוקט זיך אין דער ווײַט, אײַנגעהערט זיך אין יעדן וואַלד־שאָרך.

— אַ הערקולעס, — האָט קוכאַרסקי געזאָגט, קוקנדיק מיט אַנצי־קונג און מיט פאַרבאַהאַלטענעם טרויער אין די אויגן אויף לייבושן, וואָס איז ווידער אַן אײַנגעדעקטער, אַ פאַרטראָגענער געלעגן אויפן וואָגן, — אַזאַ איינער מוז לעבן. ער וועט זיך נאָך שלאָגן קעגן דײַטש, ער וועט נאָך עפּשער ווידער אַרײַנפאַלן אין מײַנע הענט — דאָס איז דאָך מײַן מעלאָכע, — לאַטען און לאַטען, דער גרעסטער לאַטוטניק אין דער וועלט!

דער באָכער קומט צו און נעמט זיך עפּעס יישעוון מיט קוכאַרסקין. טאַסיע קוקט, ווי דער באָכער באַווײַזט מיט דער האַנט אין דער ריכטונג, פונוואַנען ער האָט פריער געבראַכט דעם דאָקטער, — דאָרט ציט זיך וואַלד, זומפּן און זעמלאַנק־ערטער אויף פיל קילאָמעטער. אַהין, אייגנטלעך, האָט זי זיך געקליבן גיין אָפּזוכן אַ שטיבל פון אַ סמאָלע־טרײַבער, קעדיי פאַרבאַהאַלטן זיך מיט לייבושן. פאַרגליווערט אין איר אומגליק, וואָס האָט אַלע אירע איינווערים און אַלע געדאַנקען געפּענטעט, האָט טאַסיע עפּעס זיך גאָר ניט פאַרטראַכט די גאַנצע צײַט וועגן דעם, פונוואַנען האָט זיך גענומען אָט דער באָכער און ווי קומט אַהער קוכאַרסקי. די דאָזיקע מענטשן האָבן איר געהאָלפן, קוכאַרסקי האָט פאַרגרינגערט לייבושן די ליידן — איז זי דאַנקבאַר. אָבער איר ווייטעק איז נאָך אַזוי גרויס, איר פאַרצווייפלונג — נאָך אַזוי שטאַרק. כוץ דעם האָט זי שוין איבערגעלעבט: זויפיל דערשיטערונגען, אַז אַזאַ געשעעניש, ווי קוכאַרסקיס דערשײַנען אינמיטן וואַלד, דעם באָכערס אַרומדרייען זיך דאָ, רופט בײַ איר קיין שום פראַגן ניט אַרויס. עפּעס קומט דאָ פאָר אין וואַלד? נו, איז זאָל פאָרקומען. וווהין וועט זי זיך אַהינטאָן מיט לייבושן? ערגעץ וועט זי זיך דאָך אַהינטאָן. אויב קוכאַרסקי מיטן באַוואָפנטן באָכער וועלן זי מיטפירן מיט זיך, וועט זי מיטפאָרן. אויב ניט — איז ניט,

וועט זי פאָרזעצן דעם וועג, וואָס זי האָט זיך פון נעכטן אָנגעמערקט. דעריקער — לייבוש קומט אלץ ניט צום באוווסטזיין. נאָר קוכארסקי זאָגט, אז אזא איינער כוז בלייבן לעבן, מיסטאמע ווייסט ער...

קוכארסקי און דער באָכער האָבן זיך ענדלעך אויסגעיישעווט. זיי גייען צו צו דער פור און נעמען איינשפאנען אין איר די קו. טאַסיע האָט זי באנאכט אויסגעשפאנט, זי זאָל זיך פאשען און דעם וואָגן ניט שלעפן. זי העלפט זיי, ניט פריעגנדיק, צוליב וואָס מע טוט דאָס. דערנאָך פאָרט מען א מינוט צוואנציק מיט דעם נידערטייל פון וואלד צווישן ניסביימלעך, יונגער אָלכע און הויכע, וועלקנדיקע גראָזן. דעם וואָגן טרייסלט, טאסיע גייט איבערגעבויגן איבער דער דראבינע און האלט צארט צו לייבושעס גוף, ס'זאָל אים אזוי ניט ווארפן. בא איינן שטארקערן טרייסל עפנט ער די אויגן, פארנעפלטע, פארטראָגענע, טוט א בלאָנדזשע מיט זיי איבערן הויכן, אינדערפריענדיקן הימל, און באלד שליסט ער זיי ווידער שווער צו.

מע פאָרט צו צו א וואלד-ביידל, וואָס איז גוט פארשטעקט צווישן די קוסטעס. קוכארסקי און דער באָכער גייען אהין אריין. זיי קערן זיך אום, פירנדיק אונטער די הענט א פויער אין די מיטעלע יאָרן. דער פויער שפרינגט אונטער אף איין פוס, דעם צווייטן, א פארוווּנדעטן, האלט ער אונטערגעבויגן. טאסיע דערקענט אין דעם דאָזיקן פארוואקסענעם אויסגעבלייכטן מענטשן דעם בריגאדיר פון דעם שכייניש‌ן קאָלווירט אלעקסיי טשורקאלאָ. ער ליידט, זעט אויס, פון שטארקע ווייטעקן. ער דערקענט טאסיען, טוט ניט קיין פרייען זיך, פיינלעך-פארביטערטן בליק אף איר און כאפט זיך אָן מיט גרויסע האָריקע הענט פאר א דראבינע. קוכארסקי און דער באָכער העלפן אים זיך ארויפזעצן אפן וואָגן בא לייבושן צופוסנס. אלעקסיי טוט אומרויק א קוק אף לייבושן, בא וועמען דאָס פּאָנעם איז ביז האלב צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, נאָר ער פרעגט גאָרנישט. דער באָכער טוט ניט דער דלאָניע א לייכטן פאטש די קו איבערן האלדז, טוט זי א ציי פארן האָרן, און יענע נעמט שלעפן דעם וואָגן.

מע פאָרט אין דער ריכטונג צו די זינק-ערטער און וואלד-זומפן, מע מאכט גרויסע און געדרייטע קרייזן, קעדיי די שפורן צו פארפלאָנטערן און אויך קעדיי אויסצומיידן די ערטער, ווו דער וואָגן קאָן ניט דורכגיין. אין איין אָרט שטעלט קוכארסקי אָפ דעם וואָגן און זאָגט טאסיען:

— מע וואָלט באדארפט די קו אויסמעלקן. דער אייטער ווערט בא איר שיר צעפלאצט.

מע שפאנט אויס די קו. קוכארסקי און דער באָכער מיטן קאַראבין פארייכערן, לייגן זיך צו אין גראָז, אלעקסיי טשורקאלאָ ריי-

כערט, זיצנדיק אפנ וואָגנ, און טאַסיע מעלקט די קו אינעם עמער, וועלכנ זי האָט פארכאפּט פונ דער היימ. זי מעלקט אָנ א האלבנ עמער עטוואָס געלבלעכע מילכ, וואָס האָט שוינ אָנגעהויבנ איבער-ברענענ.

— נו, אָט, — זאָגט קוכארסקי, — גיב א ביסל מילכ דעמ קראנקנ, צעעפנ אימ כאָטשבי מיט א לעפל די ציינ און גיס אימ ארייַנ אינ מויל, גיב א ביסל מילכ דעמ פארוווּנדעטנ טשורקאלאָ, ער האָט אויכ היפּש קויכעס געפּאטערט, טרינק זיכ אליינ אָנ, וואָרעמ דו וועסט שוינ באלד ווערנ אינגאנצנ דורכזיכטיק, און אויב עס וועט בלייַבנ, — האָט ער צוגעגעבנ מיט א ווונק, — וועסטו מיר און דעמ כאווער גריגאָרי אויכ געבנ א כלעפּטשע טאָנ... מיר זאָגנ זיכ קיינמאָל ניט אָפּ בא א געלעגנהייַט פונ א גלעזל מילכ.

לייבוש שלינגט זייער פּאמעלעכ, מער מילכ גיסט זיכ אָפּ דער שטרוי. אָבער וואָס ווייַטער, אלצ געהאָרכזאמער ציפּעט ער פאנאנדער די ציינ, אלצ מער מילכ שלינגט ער אראָפּ, און טאסיע פילט, אז ער לאָזט זיכ האָדעוועג, ווי דער באוווסטזייַנ זאָל זיכ אומקערנ צו אימ און זאָל וועקנ אינ אימ א לעבנס-פונק. קוכארסקי צווינגט טאסיענ זיכ אויכ אָנטרינקענ פונ עמער, דערנאָכ טרינקט אלעקסיי, ער און גריגאָרי.

מע פאָרט ווייַטער. עס ציִענ זיכ דורכויסיקע זינק-ערטער, און מע מוז פּאטערנ א סאכ צייַט צו געפינענ א טרוקנ אָרט אָפּ דורכ-צופאָרנ. ענדלעכ וואקסט ווי פונ אונטער דער הוילער ערד ארויס א באיאָר-טער, גרוי-בערדיקער מענטש, באוואָפנט מיט א ביקס און אונטערגע-גארטלט מיט א שטריק, ווי א פּאסטעכ. דאָס איז טאקע דער קאָל-ווירטישער פּאסטעכ מאקסימ. ער טוט שטרענג א טראָט עטלעכע שפּאנ אנטקעגנ דער פור. פונ ניט געווינטשאפט, ווייַזט אויס, האלט ער די ביקס א ביסל אזוי, ווי מע האלט א שווערע בייַטש. באלד לאָזט ער אראָפּ די ביקס און בלייַבט שטיינ א פארווונדערטער, אנ איבעראשטער:

— טאסיע... ביסט, טאסיע, אויכ געקומענ אהער? און וועמענ פירסטו דאָס אינ וואָגנ — אוואדע לייבושנ? פארשטייט זיכ — סיטש איז געקומענ, טאָר מענ שוינ דאָרט ניט זייַנ. און וואָס זיצסטו, אלעקסיי, אָפּ דער פור — דער פּוס איז דורכגעשאָסנ? איַי, איַי, איַי! מע דארפ גיינ דעמ קאָמאנדיר זאָגנ, זאכארנ! — ער שאָקלט מיטנ קאָפּ, טשמאָקעט מיט דער צונג אינעם אָנצייניקנ מויל און באווייַזט מיט דער האנט, די פור זאָל זיכ אָפּשטעלנ, ווייַל ער דארפ גיינ צו וויסנ געבנ דעמ קאָמאנדיר, אז מע איז געקומענ צו פאָרנ. אזא איז די אָרדענונג.

ס'איז געקומענ דער קאָמאנדיר פונ אָטריאד — דער געוועזענער ווירטשאפט-פארוואלטער פונ קאָלווירט זאכאר שעמעט: א הויכער, ברייטפלייציקער מאנצבל, מיט גרוילעכע, לאנג ניט געגאָלטע האָר אפנ דארנ ברייטביינערדיקנ פאָנעם, מיט געדיכטע ברעמענ, וואָס הענגענ אראָפ איבער די שטרענגע, פארטראכטע אויגנ. שעמעט האָט א ברייטנ שפאנ געטאָנ צו טאסיענ. שווייגנדיק איר געדריקט די האנט. א קורצנ בליק געטאָנ אפ לייבושנ, אונטערהייבנדיק עטוואָס די קאָלדרע, וואָס האָט פארדעקט די אונטערשטע העלפט פאָנעמ. ער האָט זיכ איבערגעקוקט מיט קוכארסקינ, שווייגנדיק אזוי געפרעגט אימ, ווי מיינט ער, ווי איז דעמ קראנקנס לאגע, אונ יענער האָט אויכ שווייגנדיק אימ געענטפערט מיט א שאָקל פונעמ קאָפ אונ א הייב פונ די ברעמענ, ס'הייסט, עס האָט געמעגט זיינ בעסער. ערשט דאנ האָט שעמעט ארויסגעזאָגט צוויי ווערטער: — נו, גוט, — די ווערטער, וואָס ער פלעגט פרידנצייט, בייס זיינ ארבעט אינ קאָלווירט, ארויסזאָגנ נאָכ דעמ, ווי ער האָט שוינ אלעמענ אויסגעהערט, אלצ אָפגעוועגנ, באטראכט, „נו, גוט“, — הייסט עס, אז בא שעמעטנ זיינענ שוינ קיינ פראגנ ניטאָ, ער ווייסט שוינ, וואָס ער האָט צו טאָנ...

ער האָט אויסגעקערעוועט דעמ קאָפ צו אלעקסיי טשורקאלאָ, אופגעהויבנ עטוואָס איינ אקסל, ווייזנדיק דערמיט, אז ער איז אימ גרייט הערנ.

— איכ בינ געוועזנ אינ דאָרפ, — האָט אלעקסיי געזאָגט, — ארייַנגעגאנגענ אינ די הייזער, וווהינ מע האָט באדארפט ארייַנגיינ, אלצ ווערט געטאָנ, ווי מיר הייסנ. אויב ס'וועט זיכ באווייזנ עמעצער מיט א קאָרע-צעטעלע אינ לאצ, וועט מענ אימ צוווייזנ, ווו צו זוכנ אונדז. נאָר ס'איז שווערער געוואָרנ, זאכאר מאקאראָוויטש, גיינ אינ דאָרפ — סיטש האָט זיכ דאָרט באוויזנ. עמעס, מ'האָט מיכ וועגנ דעמ באצייטנס געוואָרנט. בינ איכ אוועק מיט די גערטנער, אונ פאָרט אָנגעשפרונגענ אפ אימ. א ניטגוטער, דרייט זיכ עפעס אומ, ווו מע וואַרט ניט, טאקע ניט ווייט פונ לייבושעס שטוב האָב איכ אימ באגעגנט... ער האָט אפ מיר אָנגעוויזנ א דייטש, כ'בינ קוימ ארייַנ אינ וואלד. ס'איז אויסגעקומענ שיסנ.

— נו, גוט, — האָט געזאָגט שעמעט.

טשורקאלאָ האָט א הייב געטאָנ די האנט, באווייזנדיק, אז ער האָט נאָכ ניט אלצ געזאָגט:

— סיטש האָט אָנגעוויזנ די דייטשנ אפ א קלוניע, ווו ס'האָט זיכ פארקליבנ אפ נאכטלעגער אנ איבערגעטאָגענער מיליציע-טוער פונ שכיינישנ ראיאָנ, וואָס האָט געוואָלט דורכגיינ די פראָנט-ליניע. די דייטשנ האָבנ ארומגערינגלט די קלוניע, יענער האָט זיכ געווערט.

נאָר אנטלויפנ האָט ער ניט באוויזנ, ווײַל מ'האָט אימ שווער פארווונדעט, האָט ער זיכ דערשאָסנ. די דײַטשנ האָבנ אָפּגעלאָזט הינט אפ אימ, אונ די האָבנ צעטראָגנ דעמ מענטשנ אפ שטיקלעכ...

שעמעט האָט געשוויגנ. די מוסקולנ אפנ פּאָנעמ האָבנ זיכ, ווי מילשטיינער, א באוועג געטאָנ.

צומ וואָגנ האָבנ זיכ דערנעענטערט נאָכ עטלעכע פּארטיזאנער — יונגע כעוורע, אלטע לײַט, סאכאקל א מענטשנ אכט-נײַנ, דאָסראָווו טאסיעס באקאַנטע. מ'האָט שווײַגנדיק זיכ אוועקגעזעצט אפנ גראָז. באוואָפנט איז מענ געווענ ווער מיט א גראנאטע, צוגעבונדנ מיט א שטריקעלע צומ רימענ, ווער מיט א יעגער-ביקס, ווער מיט אנ אווטאָמאט. שעמעט האָט געטראָגנ א נאגאנ אינ א געווענטענער קאָבורע. טאסיע האָט זיכ ארומגעקוקט. זי האָט געזוכט עפּעס א שטיבל, בײַדלעכ, נאָר אזוינס איז דאָ ניט געווענ, א קליינער שײַטער האָט געברענט צווישנ די ביימער. זי האָט אויכ דערזענ דאָרט, אינ א זײַט, עפּעס א מינ דעכל הארט איבער דער ערד אונ האָט פארשטאנענ, אז דאָס איז א בלינדאזש צי אנ ערד-שטיבל.

שעמעט האָט געוויזנ, מע זאָל לײַבושנ אראָפּנעמענ פונ דער פור, דאָס האָט געטאָנ מיט א באזונדערער פּאָרזיכטיקײַט קיכארסקי. אימ האָבנ געהאָלפנ גריגאָרי אונ מאקסימ, מ'האָט לײַבושנ אוועקגעטראָגנ טאקע אינעמ ערד-שטיבל, וואָס טאסיע האָט באמערקט פונווײַטנס. אינווייניק איז עס געווענ באשלאָגנ מיט פרישע סאָסנע-דרענגלעכ, בא די ווענטלעכ האָבנ זיכ געצויגנ נארעס, אויסגעשפּרייטע מיט צווײַגנ.

אלעקסיי טשורקאלאָנ האָבנ צומ ערד-שטיבל צוגעפירט אונטער די הענט צוויי כאווײרימ. ער האָט פאמעלעכ זיכ אראָפּגעלאָזט אפ א קלאָץ לעבנ ארײַנגאנג. טאסיע האָט פארשטאנענ, אז דאָס ערד-שטיבל איז אויסגעטיילט פאר פארווונדעטע.

פונ דעמ, וואָס מע האָט אימ באוועגט אונ געטראָגנ, איז לײַבוש געקומענ צו זיכ. זעט אויס, מ'האָט אופגעוועקט זײַנ ווייטעק. ער האָט געקריצט מיט די ציינ, גענומענ באוועגנ אראָפּ אונ ארופ מיט דער ניט צעשעדיקטער האנט. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבנ באדעקט זײַנ שטערנ. טאסיע האָט אימ גענומענ אײַנשטילנ, זי האָט גערעדט צו אימ, צארט געבעטנ אימ, ער זאָל ליגנ רויִק. ביטאמאָל איז צו זײַנ באוווסטזײַנ ווי דערגאנגענ איר שטימ, ער האָט אופגעהערט ווארפנ מיט דער האנט, צונויפגעפּרעסט די ציינ אונ זיכ אײַנגעהערט א ווײַלע. ער האָט געמאכט אנ אָנשטרענגונג צו עפענענ די אויגנ, נאָר ס'האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ אופהייבנ די שווארצ געוואָרענע אויגנלעפּלעכ בלויז ביז האלב, באלד האָבנ זיי ווידער לאנגזאמ

זיכ גענומענ אראָפלאָזנ, די האַנט איז מאַכטלאָז געבליבנ ליגנ אַפ דער קאָלדרע. ער איז פאַרזונקענ אינ היצ-שלאָפ...

טאַסיע איז ארויס פונ עוד-שטיבל. באַמ טשאַדענדיקנ שײַטערל זײַנענ געווענ פאַרזאַמלט פאַרטיזאַנער. זיי זײַנענ געזעסנ ארומ פײַער אינ פאַרשיידענע פאָזעס. אַפ אַנ ארומגעבראָכענעמ בוימ-שטאַמ איז לעבנ שײַטער געזעסנ זאַכאַר שעמעט. ער האָט מיט אַ פריש-געשניצט שטעקל געקלאַפט איבער עטלעכע אַרויסגעשאַרטע קוילנ, וואָס זײַנענ געלעגנ אָנ אַ זײַט פונ פײַער, פאַמעלעכ צעהאַקט זיי אַפ פיצ-פיצלעכ, גערעדט האָט ער הייזעריקלעכ, מיט פאַרבראָגענער קראַפט, אָפּוועגנדיק אינ זיכ יעדעס וואָרט:

— מע דאַרפ דאַנילאַ סיטש אָפּראַמענ פונ דאָרפ, ער האָט שוינ אונדז אָנגעטאָנ פיל שאָדנ אונ קאָנ אָנטאָנ נאָכ מער. אינ דאָרפ איז ער דערווײַל אייִנער קעגנ אונדז, ער האָט נאָכ ניט אַזעלכע, וואָס זאָלנ אימ אונטערהאַלטנ, נאָר ער קאָנ זיי קריגנ. אַ שלעכטער בײַשפּיל איז אָנשטעקנדיק, כוּצ דעמ געפינענ זיכ אַלע מאָל אַזעלכע, וואָס באַקומענ דערעכערעצ פאַר אַ נײַער מאַכט. ער האָט שוינ צומשולדיק בלוט אַפ זײַנ געוויסנ, — ער האָט אַ קוק געטאָנ אַפ טאַסיענ, זי האָט זיכ אַ צאַפּל געטאָנ אונ אראָפּגעלאָזט די אויגנ, — נאָר מע דאַרפ דאָס אַזוי טאָנ, דאָס דאָרפ זאָל דערפונ ניט לײַדנ.

צווישנ די ביימער האָט זיכ באַוויזנ אַ פרוי, וועלכע האָט אײַליק זיכ דערנעענטערט אונטער דער שטרענגער וואַכ פונ מאַקסימ דעמ פאַסטעכ. ווענ זי איז צוגעגאַנגענ נעענטער, האָט טאַסיע אינ איר דערקענט אָדאַרקאַ פונ דער הרעבליע, אַנ עלטערע פויערטע מיט אַנ אײַנגעהויקערטער פלייצע אונ אַ פאָנעמ פול מיט בראָדעוווקעס —

„זי?" — האָט טאַסיע זיכ פאַרוווּנדערט. אָדאַרקאַ איז שטענדיק געווענ שאַרפ אַפ דער צונג. זי האָט דאַכקע גאַנצ פלינק געאַרבעט אינ קאָלווירט. אָבער פאַר איר צונג האָט זי טאַסיע ניט ליב געהאַט. אָדאַרקאַ איז צוגעגאַנגענ צומ שײַטער, ענערגיש אַ פאַרצי געטאָנ מיט די דאַרע הענט ביידע עקנ פונ דער פאַטשיילע, פונ וואָס איר קינ מיט די בראָדעוווקעס איז ארויסגעטראָטנ נאָכ שאַרפער, אונ אײַנבייגנדיק זיכ פונ פירויס, האָט זי געזאָגט:

— גאָט העלפ אײַכ, מענטשנ ליבע... איכ בינ אײַכ געקומענ צו וויסנ געבנ, אַז ער רופט אַפ אַ סכאָד מאָרגנ אינדערפרי דאָס גאַנצע דאָרפ, בײַ זײַנ הויז דאַרפ מענ זיכ פאַרזאַמלענ, ער וועט פונעמ גאַנעקל ריידנ, דאַנילאַ סיטש... אונ צוויי דײַטשנ וועלנ זײַנ, זיי נעכטיקנ בײַ מיקאָלאַ ניקאָנקאַ, דעמ לערערס פאָטער. ער האָט מיר אַ פאַרצאַפּלטער דערציילט, דער אַלטער ניקאָנקאַ, אַז ער גייט אַפ די שפיצ פינגער אומ בײַ זיכ אינ שטוב, ווײַל זיי שלאָפנ, די דײַטשנ,

אײנמיטן טאָג, ס'הייסט, איינער שלאָפט, און דער צווייטער היט אים. דערנאָך פאָרן זיי אַפּ אַ מאָטאָציקל, שרויפן פאַנאַנדער פּיסטאָלעטן און רייניקן זיי אונטער די איקאָנעס, די אַנטיכריסטן, אַנטקעגן גאָטס זונס ליכטיקן בליק... בין איך געקומען פרעגן, ווי זאָל טאָן דאָס דאָרף, גיין אַפּן סכאָד, צי ניט?.. נישקאָשע, כ'האָב דאָס בינטל האָלץ געלאָזט פאַר די אָזערקעס, כ'וועל זיך אומקערן, אַז קיין לעבעדיקער נפֿעש וועט ניט וויסן, ווו כ'בין געוועזן... איז ווי זשע זאָגסטו, זאַכאַר?

שעמעט האָט אַ פּיר געטאָן מיט זײַנע אײַנגעפאַלענע אויגן איבער די פאַרזאַמלטע פאַרטיזאַנער. אַלע האָבן געוואַרט אַפּ זײַן באַשלוס.

— מע דאַרף גיין, — האָט ער געזאָגט.

— אָ, — האָט אָדאַרקאַ זיך אַ כאַפּ געטאָן, — און איך האָב אויך אַזוי געטראַכט, אַז מע דאַרף גיין... ניט גיין איז נאָך ערגער. און אַז מע וועט הייבן עפּעס טאָן, נו, דאָס וועלן מיר אַ קוק טאָן...— מיטאַמאָל האָט זי אויסגעקערעוועט איר פּאָנעם צו טאַסיען, אָנגעשטעלט אַפּ איר די כיטרע, קליינע און אין קנייטשן פאַרשניטענע אויגן, אַ ווײַלע זיך ווי צוריקגעהאַלטן, עפּעס אַזאַ ריין־ווײַבערשע ציקאַוועס און בייזקײַט אין זיך באַקעמפט, און דערנאָך מיט מיטלײַד אַ זאָג געטאָן:

— אוי, האַרצעניו, טאַסינקע... די שוויגער דײַנע, די פּעסיכע, זי ליגט דאָך אַ דערשאָסענע לעבן דײַן שוועל, ווייסט אוואַדע ניט פונעם אומגליק... זי איז געקומען צו לויפן פונעם שטעטל, די אומגליקלעכע, און גלײַך געטראָפן דאַנילאָן אַפּ די אויגן. האָט ער אַפּ איר אָפּגעלאָזט זײַנע הינט און באַם שוועל זי דערשאָסן.

אין טאַסיען האָט אַלץ אינעווייניק געגעבן זיך אַ דריק צונויף. זי איז מאָדנע טונקל געוואָרן מיטאַמאָל. עמעצ פון די פאַרטיזאַנער האָט געזאָגט: „אָט אַ אויסוואורף“... און טאַסיע האָט אין דער רעגע אַ טראַכט געטאָן, ווי נאַריש זי איז און ווי נאַריש עס זײַנען אירע טרוימען. אָט האָט זי געקלערט אוועקפאָרן טיף אין לאַנד און דאָרט די מילכאָמע איבערזיצן, געבוירן אַ קינד און אינדערשטיל עס האָדעווען. דערנאָך האָט זי געקלערט אָט דאָ אין וואַלד, אַליין אָדער צווישן די פאַרטיזאַנער די מילכאָמע איבערקומען. איר זאַך, האָט זי געקלערט, איז ראַטעווען לייבושן, געבוירן אים אַ קינד. איז אָבער ניין, אין ווייטעק און פּײַן הייבט איר צו קלאָר צו ווערן, אַז עס קומט נאָך פון איר אַ כויוו.

— שעמעט, — האָט זי געזאָגט, — אָדאַרקאַ מעג שוין אוועקגיין? שיקט זי אָפּ.

אָדאַרקאַ האָט אַ קוק געטאָן אַפּ טאַסיען פאַרלוירן, באַליידיקט, נאָר אויך מיט אָפּשײַ. שעמעט האָט אויסגעקערעוועט צו איר דעם קאָפּ, מיט אַ ווונק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי מעג שוין גיין און געזאָגט: „נו, גוט, אַ דאַנק...“

ווענ אָדארקא איז פארשווּנדנ צווישנ די ביימער, האָט טאסיע געזאָגט:

— איכ ווייס ניט, וויאזוי איר וועט מיט דאנילאנ, נאָר איכ וועל אייכ ארייַנפירנ צו אים אינ הויז. איכ ווייס דאָכ דאָרט יעדע שפּארונע אינ זייַנ הויפ, אונ איכ מיינ אויכ, אז דאנילא וועט מיכ ארייַנלאָזנ אינ שטוב, ער האָט מיכ געבעטנ קומענ, ער האָט געוויסע אויסזיכטנ אפ מיר... — זי איז רויט געוואָרנ, נאָר קיינער האָט זי מער גאָרניטשט ניט געפרעגט.

פארנאכט האָט מענ זיכ געלאָזט אינ וועג מיט דער אויסרעכענונג, אז צום דאָרפ זאָל מענ צוקומענ קאַיאָר. פאָרויס זייַנענ ווייַט איינער פונעם צווייטנ געגאנגענ מאקסים דער פאסטעכ אונ גריגאָרי. שעמעט אונ טאסיע זייַנענ געגאנגענ הינטנ, דערבייַ איז שעמעט גאנצ אָפט אָפּגעשטאנענ פונ איר אָדער, פארקערט, אָפּגעשטעלט זי אונ אליינ אוועק פאָרויס א קוק טאָנ, צי מע מעג דורכגיינ, איבערהויפּט דאָרט, ווו וואלד-וועגנ האָבנ זיכ געקרייצט, אונ ערשט דאנ זיכ אומגעקערט נאָכ איר.

ווענ מ'איז צוגעקומענ צום דאָרפ, האָט דער האָריזאָנט קוים געהעלט אפ טאָג. אינ דער קילער אונ שלעפעריקער שטילקייַט האָבנ נאָענט אונ ווייַט געקרייעט הענער. מ'איז געגאנגענ מיט די גערטנער, באדעקטע מיט טוי.

טאסיע איז געגאנגענ איבער א פייַכטער מעזשע נאָכ שעמעטנ, גריגאָרינ אונ מאקסימענ. זי האָט זיכ איינמאָל אויסגעגליטשט, נאָר זיכ אייַנגעהאלטנ אפ די פיס. דערנאָכ איז איר אויסגעקומענ אריבערקריכנ איבער א פלויט פונ בעריאָזע-דרענגלעכ. זי האָט מיט אומרו א טראכט געטאָנ, צי זי וועט כאָטש גאָרנישט צעשעדיקנ אינוויינִיק. גייענדיק אזוי אנ אָנגעשטרענגטע, א ציטערנדיקע פונ דער פארטאָגיקער פרישקייַט אונ פונ טיפער אופרעגונג, וועלכע זי האָט שוינ ניט געקאָנט צוימענ, האָט טאסיע געטראכט וועגנ דעם לעבעדיקנ באשעפעניש, וואָס ליגט איצט א צונויפגעוויקלטס בא איר אונטערנ הארצנ אונ גייט אויכ מיט איר צוזאמענ מאכנ א סאָפ צו דאנילאס... עס שווייַגט, אונ זי ווארט אזוי, ווענ ס'וועט שוינ געבנ צו וויסנ וועגנ זיכ, ווענ ס'וועט זיכ אָפּרופנ אינ איר. זי ווייסט נאָכ ניט פונ דעם דאָזיקנ געפיל, נאָר זי שפּירט מיט איר גאנצנ וועזנ, אז אָט דארפ עס קומענ אונ אז פונ יענער רעגע אָנ וועט זי זיכ ערשט רעכט באהעפטנ מיטנ נייַעמ לעבנ, וואָס זי נערט מיט איר בלוט, וואָס זי היט אָפּ מיט איר בלינדער צארטקייַט אונ וואָס זי הויכט אינ דעמ ארייַנ לעבנ מיט יעדנ קלאפ פונ איר הארצנ...

מ'איז צוגעקומענ צו דאנילאס הויז פונ דער זייַט, ווו די גערט-

נער. גריגאָרי' האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אין די בעז־קוסטעס לעבן דער פּאָרטקע, זען, אַז קיינער זאָל זיך אומדערוואַרט ניט באַווייַזן. שעמעט און מאַקסים האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן בא דער דרויסן־טיר, גרייט, ווי נאָר זי וועט זיך עפענען, אַרייַנרייַסן זיך אינעווייניק. טאַסיע איז צו צום פענצטער פון קיך און שטיל אָנגעקלאַפּט אין שויב. זי האָט אומיסטן געקלאַפּט אין פענצטער פון דער קיך, כאָטש זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאַנילאַ שלאָפט אין אַלקער. נאָר זי האָט, ערשטנס, געוואָלט, אַז ער זאָל ניט טייקעף דערהערן איר קלאַפּן און זיך ניט דערשרעקן ראַפּטום, — דאָס קאָן פאַרשטאַרקן זייַן פאָרזיכטיקייַט, צווייטנס, אויב ער וועט אַ קוק טאָן פון אַלקער־פענצטער אין הויף, קאָן ער נאָך באַמערקן די, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרבאַהאַלטן.

דאַנילאַ האָט זיך אופגעכאַפּט ערשט נאָך איר דריטן קלאַפּ, ער האָט הייזעריק און אומצופרידן געפרעגט, ווער איז, אַראָפּ פון בעט, נאָר צום קיך־פענצטער, זעט אויס, ניט געוואַגט גלייַך צוגיין. אין דער רעגע האָט טאַסיע זיך שטאַרק פאַרלוירן, נאָר זי האָט צונויפגענומען אַלע קויכעס און געענטפערט:

— ס'איז איך, דאַנילאַ...

— ווער איז דאָס? — זייַן שטים האָט געקלונגען אומצופרידן, נאָר גלייַכצייַטיק האָט זיך שוין געהערט אין איר אויך נייַגער.

— דאָס בין איך...

דאַנילאַ איז צו צום פענצטער, אָפּגעשאַרט עטוואָס דאָס פאַרהענגל. טאַסיע האָט דערזען זייַן שוואַרצע האָריקע ברוסט (דאָס העמד איז געווען פאַנאַנדערגעשפּיליעט), זייַן גרויסן, צעפּאַטלטן קאָפּ, די צעשויבערטע וואָנצעס. ער האָט עטוואָס געעפנט דאָס מויל פאַר פאַרוווּנדערונג, געשטאַנען אַזוי אַ רעגע, דערנאָך אופגעפּראַלט דאָס פענצטער. טאַסיע האָט דערפילט, אַז ס'האָט איר דעם אָטעם פאַרכאַפּט, אַלע ווערטער, וועלכע זי האָט גייענדיק אהער צוגעגרייט, זייַנען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן בא איר פון קאָפּ. זי האָט זיך געצוווּנגען אַ שולדיקן און פאַרלוירענעם שמייכל צו טאָן, נאָר אַזוי, מיט פאַרבאָרגענעם, צוזאָגעדישן רייַץ, מיט פרויִשער שפּיל, וואָס איז איר אייגנטימלעך געווען — זי האָט אים געקוקט גלייַך אין די אויגן בעטנדיק און מיט טרויעריקער צערטלעכקייַט.

— דאַנילאַ, — האָט זי געזאָגט מיט אינערלעכער געפאַלנקייַט, — איך קאָן מער ניט... כ'האָב אומגעבלאָנקעט אין פעלד, ער גייט מיר נאָך... איך זיץ שוין דאָ פון טיפער נאַכט אָן, כ'האָב דיך ניט געוואַגט וועקן... ביסט מיר אַ פרייַנט, דאַנילאַ, דו האָסט מיך אויסגעבעטן בא די דייַטשן, איצט פאַרשטיי איך דאָס... איך קאָן מער ניט זייַן אַליין — לאָז מיך אַרייַן... כ'וועל אין אַ ווינקל זיך באַהאַלטן.

דאנילא האָט געקוקט אפ איר שווײַגנדיק. ער האָט האנאָע געהאט. דאָס איז געווענ א לוינ פאר זײַנ געדולד אונ אײַנגעשפארטקײַט. אונ דאָס גוטע וועט ערשט קומענ באלד, אָט-אָ דאָ, נאָכ הײַנט קאיאָר. זײַנ לײַב האָט זיכ אָנגעגאָסנ מיט זיסער קראפט פונ דערווארטונג. אָנגעבויגענערהייט, אָנגעשפארט מיט די הענט אינעמ פענצטער, האָט ער זיכ א צי געטאָנ צו איר, מיט די אויגנ זיכ אײַנגעזויגנ אינ טאסיענ, וועלכע איז א פארוויקלטע אינ דער שאל, א צונויפגעניורעטע, א פארגליווערטע פונ דער קאיאָריקער פרישקײַט געשטאנענ אונטנ.

— ביסטו געקומענ צו מיר?.. — האָט דאנילא געזאָגט מיט שלעכט פארבאהאלטענער פרייד אונ שטאָלצ.

— יאָ... — האָט טאסיע שטיל אימ געענטפערט, אונ ער האָט בלויז לויט דער באוועגונג פונ אירע ליפנ געקאָנט דורכלייענענ דאָס דאָזיקע וואָרט.

ער האָט אראָפּגעלאָזט דאָס פאָרהענגל, אונ ס'האָט זיכ דערהערט, ווי ער גייט צו דער קיכ-טיר. טאסיע איז צו אהינ, אופגעהויבנ זיכ אפ די צוויי טרעפּלעכ, זי איז אומיסטנ צוגעגאנגענ נאָענט צו דער טיר, קעדיי פארשטעלנ מיט זיכ די זײַט וואנט, ווו ס'זײַנענ אָנגעשטרענגט געשטאנענ שעמעט אונ מאקסימ. דאנילא האָט זיכ געפּאָרעט א ווײַלע בא דער טיר, דערנאָכ א שווערנ ריגעווע געטאָנ מיט א פרענט אײַזנ. די טיר האָט זיכ געעפנט. דאנילא האָט געוואָלט א שפּאנ טאָנ אנטקעגנ טאסיענ, נאָר דאָ האָט זי האסטיק געגעבנ א טראָט אָפּ, אונ פונ הינטער איר פּלייצע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ צו דער טיר שעמעט אונ מאקסימ. דאנילא האָט געמאכט א פּאָר גרויסע אויגנ, אנ אויסגעשריי איז פארגליווערט געוואָרנ אינ זײַנ גאָרגל. שעמעט האָט מיט זײַנע ביינערדיקע לאנגע פינגער אימ א כאפּ געטאָנ פארנ האלדז אונ איינצײַטיק אימ אָפּגעשטופּט טיפער אינ פּאָרהויז ארײַנ. מאקסימ האָט אימ אויסגעדרייט די הענט אפ אהינטער. אינ א מינוט ארומ איז דאנילא שוינ געווענ געבונדנ, דאָס מויל איז בא אימ געווענ פארשטעקט מיט א שמאטע, טאסיע איז פלינק ארײַנ אינ קיכ אונ פארמאכט נאָכ זיכ די טיר אפנ קייטל.

דאנילא איז געזעסנ אינ קיכ אפ דער באנק, ווו טאסיע פלעגט אמאָל וואשנ דאָס געפעס. די אויגנ זײַנענ בא אימ געווענ אָנגעגאָסנ מיט בלוט. בלוט איז אימ אויכ גערונענ פונ דער נאָז — אפ די וואָנצנ אונ איבער דער שמאטע. טאסיענ האָט אנ עקל געטאָנ פונ אימ, זי האָט זיכ אָפּגעקערט.

מאקסים האָט געהאלטן אָנגעצילט א רעוואָלווער, און שעמעט האָט דערווײַל באפרײַט דאנילאן די רעכטע האנט, ער האָט אים גע-געבן א בלײַער און א שטיקל פאפיר.

— נא, — האָט ער געזאָגט, — שרײַב אָן דײַנע דײַטשישע באלע-באטים, אז דו ווילסט זיי מער ניט דינען, דו גייסט אוועק אין וואלד... שרײַב רויק... אײַל זיך ניט...

דאנילא האָט טעמפ א קוק געטאָן אף אים, נאָר דעם בלײַער גענומען, ער האָט לאכלוטן גאָרניט פארשטאנען, וואָס מע וויל דאָ פון אים. שעמעט האָט געגומען דיקטירן, דאנילא האָט געהאָרכזאם געשריבן, דאָס אָנגעשריבענע האָט מען פארכאסמעט אין א קאָנווערט און אוועקגעלייגט אפן טיש.

— איצט, — האָט שעמעט געזאָגט, און זײַן שטים האָט א קלונג געטאָן אזוי, ווי ער זאָל ארויסטראָגן אן אורטייל, — איצט וועט אָפּ־געווישט ווערן דער דאָזיקער פלעק פון אונדזער ערד. האָסט זיך דער-טאנצט, דאנילא סיטש... מיר צאָלן דיר פאר די טויטע און פאר די לעבעדיקע.

דאנילא האָט עפּעס געוואָלט א געשריי טאָן, ער איז אינגאנצן בלויז געוואָרן פון אָנשטרענגונג, נאָר די שמאטע האָט אים געשטיקט. די צווייטע האנט איז שוין ווידער געווען געבונדן אף הינטן, און אפן האלדז האָט זיך געבאָמבלט א שטריק. מאקסים און שעמעט האָבן אָנגענומען דעם שטריק פאר ביידע עקן און פאמעלעך אים אָנגעהויבן פארציִען. דאנילא האָט גענומען זיך שווער הייבן פונעם אָרט, שווייס איז ארויס אף זײַן שטערן, די פלייצעס זײַנע האָבן געצוקט, און דער שטריק האָט אלץ שטארקער זיך פארצויגן.

טאסיע האָט געקוקט, געשטאנען לעבן אויוון אָנגעשפארט מיט ביידע הענט אין א בענקל און געקוקט. אין דער רעגע האָט זי אלץ געהאט פאר אירע אויגן: לייבושן, וואָס ליגט א פארכאלעשטער אין וואלד, די אלטע פעסיע, וועלכע וואלגערט זיך זײַן זאמד בא איר זונס שוועל, איר גאנצן לעבן אין אָט דעם הויז, די ביזיוינעס, וואָס זי איז דאָ אויסגעשטאנען. און מיטאמאָל, ווען דאנילא האָט זיך גע-געבן א ווילדן הייב און שווער, ווי א זאק, צוריק זיך אראָפּגעלאָזט אף דער באנק, האָט טאסיע דערפילט, ווי טיף אין איר האָט זיך עפּעס א באוועג געטאָן, א וואָרף זיך געגעבן אונטער איר הארץ און שטיל און מאָנענדיק זיך גענומען דראפּען דאָרט, ווי עפּעס א בלינדס און ווונדערלעך-צארטס זאָל מיט די ווייכסטע פינגער ארומנעמען איר הארץ... זי האָט זיך א וואקל געטאָן, שטארקער אָנגעכאפּט זיך מיט די הענט אינעם ווענטל פון שטרויענעם שטול, עטוואָס זיך אויסגע-

בויגנ פאָרויס אונ דאָרשטיק זיכ געגומענ אײַנהערנ אינ זיכ. א גליק־לעכער שמייכל האָט באַלויכטנ איר געזיכט.

. . . .

— די דײַטשנ וועלנ הײַנט פרעגנ, ווו איז דאנילא, — האָט שע־מעט געזאָגט, — וועט דאָס דאָרפ ענטפערנ, אז עס ווייסט ניט. דא־נילא איז אוועק, אונ וואָס עס קומט אימ, האָט ער שוינ באקומענ...

מ׳האָט דעמ טויטנ ארופגעוואלגערט אפ א וואָגנ, וואָס גריגאָרי האָט צוגעפירט, פארוואָרפנ אימ מיט שטרוי אונ א טרײַב געטאָנ די פערד. דער וואָגנ איז פארשווונדנ אפנ וועג צומ וואלד, טאסיע איז געשטאנענ א רעגע אפנ מיט זונ פארגאָסענעמ גאנעקל, שטאָלצ מיט דעמ נײַעמ אונ ליכטיקנ, וואָס זי האָט איצט אינ זיכ געטראָגנ, דער־נאָכ איז זי אראָפ פונ די פאָר טרעפלעכ אונ זיכ געלאָזט דעריאָגנ שעמעטנ אונ מאקסימענ...

מארט 1942 — מארט 1944.

האָרפּינקע

מ'האָט אונדזער באַטאַליאָן אָפּגעפירט אַף אָפּרו אין אַ פּולשטענדיק צערויִנירטן דאָרף, אַ קילאָמעטער זעקס פון דער פראָנט-ליניע. ערגעץ ניט ווייט פאַלן נאָך מיט אַ קוואַק דעם סוינס מינעס, נאָר ווער קוקט זיך אַף דעם אום — עס איז פּונקט ווי אַ בילן פון אַ הונט, וואָס מע ווייסט, אַז ער בילט, נאָר ער בייסט ניט. מיר קוקן זיך אַרום אַף דער וועלט מיט פאַרכידעשטע און דאָרשטיקע אויגן. אונדז אינטערעסירט דאָס הינטל, וואָס איז אַ דאַרס, אַ מאָדנע צעפּאַטלטס און אומריינס פון ערגעץ אַרויסגעקראָכן אַף דער גאַס, ריכטיקער — אַף דעם פּלאַץ צווישן כורוועס, ווו ס'איז אַמאָל געווען אַ גאַס. דאָס הינטל וועט שוין דעם דאָזיקן טאָג האָבן צו געדענקען — סע עסט קאַלטע קאַשע, וואָס אַ רויטאַרמייער וואַרפט דעם פון זיין קעסעלע, אַ צווייטער רויטאַרמייער רוקט אים אונטער אַ שטיקל פאַרשטויבט וווּרשט, עמעץ וואַרפט אַ ריפּטל ברויט. דאָס הינטל ציטערט אַזש און וואַרגט זיך שיִר פון איילעניש.

איין רויטאַרמייער פּרוּווט אַ גלעט טאָן דאָס הינטל איבערן רוקן, איז עס אַזוי פאַרנומען, אַז עס ווענדט אַף דעם לעכאַטכילע אַפילע קיין אַכט ניט, דערנאָך טוט עס פאַרהאַוועט אַ שמעק די האַנט און שטעקט ווידער די מאָרדע אין דער מיט ערד אויסגעשמירטער קאַשע. די רויטאַו'מייער קוקן אַף דעם שמייכלענדיק און מיט עמעסער האַנאָע, ווי אַף אַ פאָרשטעלונג.

אַ ייִנגעלע אַ דאַרס, אַ באָרוועס איז אַרויסגעלאָפן פון אַ נאָרע — ערגעץ פון אונטער אַ באַרג בערוועגעס, עס קוקט אַף אונדז, אַף די אַרמייער, מיט פינקלדיקע און ערנסטע אויגן. עמעץ פרעגט שוין דאָס קינד, וויִאַזוי עס הייסט, אַ באַיאָרטער רויטאַרמייער גייט צו און באַקוקט אופמערקזאַם די שטריקלדיקע שלייקעס, וואָס קרייצן זיך איבער אַף דעם קינדס ברוסט און וואָס אַף זיי האַלט זיך נאָר אַלפי נעס אַ פּאָר צעריסענע הייזלעך. ווער ווייסט, אין וועמען דער פערציקיאָריקער גוואַר מיט די לאַנגע וואָנצעס האָט זיך דערמאָנט?

אַן אַלטיטשקער ראַטשקעוועט זיך אַרויס פון זיין גרוב, טרייסלט פון זיך אַראָפּ די ליים און גייט צו פאַרייכערן בא די סאָלדאַטיקעס. מע הערט דאָס מידלעכע קרעכצן זיינס און דאָס קכעקען מיט

עפּעס א לײַכטנ געמיט, מע קוקט אפנ פעלד, וווהינ ער ווײַזט, —
דאָרט ליגנ קאָפּיצעס, — ער ווייסט ניט, דער אלטער, צי מע מעג
שוינ ארויספירנ דאָס ברויט אונ צי וועט ער, דער דײַטש, ניט ווארפנ
אהינ זײַנע מינעס. סע איז ליב ארײַנלאָזנ זיכ אינ דעם דאָזיקנ גע-
שפּרעכ וועגנ ברויט, וועגנ גערעטעניש, ס'איז גוט דורכצודרינגענ זיכ
מיט די דאָזיקע זאָרגנ דעם אלטנס, הייסט עס, איז דאָ א וועלט ווי
געוועזנ, אונ ס'וועט זײַנ א וועלט, אונ מענטשנ לעבנ פּאָרט מיט זיי-
ערע טאָג-טעגלעכע זאָרגנ, באדערפענישנ אונ קאַוואָנעס...
ערשט נעכטנ זײַנען מיר דורכגעגאנגענ דאָס דאָזיקע דאָרף אינ
פײַער אונ אינ רויכ. נעכטנ האָבנ מיר דאָ קיינ איינ אײַנוווינער ניט
געזענ — אלצ האָט געברענט אונ איז געוועזנ העפקער. דערמאָרדעטע
דײַטשנ, פערד מיט אופגעריסענע בײַכער, צעקארדאטשעטע טאנקענ —
דאָס איז אלצ, וואָס מיר האָבנ דאָ געזענ אפ דער גאס; אונ גע-
טראכט האָבנ מיר — ווער ווייסט די געדאנקענ פונ א סאָלדאט אינ
שלאכט, אָט די הייסע, אָפּגעריסענע געדאנקענ: דערלויפנ, דערפּויזענ,
אָניאָגנ, אריבעריאָגנ, ארויסשלאָגנ... אונ הײַנט קאיאָר, וויפל — א שאָ
דרײַ צוריק, איז צו מיר אינ שוצגראָבנ, פּונקט ווי אינ די שוצ-
גראָבנס פונ אלע מײַנע כאווײרימ, ארײַנגעשפּרונגענ א רויטארמייער,
אנ אָפּגערוטער, אנ אויסגעגאָלטער, ער איז מיכ געקומענ פארבײַטנ.
אפ דער גאנצער פאָדער-ליניע האָט מענ זיכ געביטנ שטיל אונ איַי-
ליק. כ'האָב זיכ איבערגעוואָרפנ מיט עטלעכע ווערטער מיט אָט דעמ
מענטשנ, וואָס האָט פארנומענ מײַנ אָרט באמ ברוסטווער, פארייכערט—
פאָנעמ צו פאָנעמ, ציגאר צו ציגאר,—פארצויגנ זיכ, א פּיכקע געטאָנ
אינעמ פרעמדנ, פראָסטלעכנ אונ עפּעס טײַער געוואָרענעמ געזיכט א
קנײַלעכל רויכ אונ פאמעלעכ ארויסגעקראָכנ פונ שוצגראָבנ — אוועק
געניסנ פונ די פּאָר טעג אָפּרו.
אונ אָט איז זי, די וועלט, אזא, ווי דו האָסט זי אויסגעקעמפט,
ארויסגעריסנ באמ סוינע פונ די הענט, אָט איז עס, דאָס פעלד, וואָס
דו האָסט זיכ נעכטנ פאר דעמ געשלאָגנ, א ברייטס אונ גלאטס, א
שטילס אונ אומשולדיק-רויִקס, אָט איז דאָס דאָרף, וואָס דו ביסט
עס דורכגעגאנגענ אונ אָט זײַנענ זיי, די מענטשנ פונ הי...
איכ וויל זיכ אויסוואשנ דעמ קאָפּ אינ א שיסל מיט הייס וואַ-
סער, פּונקט ווי אינ דער היימ. מיר ווילט זיכ אזוי אָנטאָנ זיכ דעמ
דאָזיקנ פארגעניגנ איצט, ווענ כ'בינ ארויסגעקראָכנ פונ שוצגראָבנ.
אָט דער פארלאנג איז מיר געקומענ אינ קאָפּ ארײַנ, ווענ כ'האָב
דערזענ א גאנצ געבליבענע עמאלירטע שיסל לעבנ א כאָרעוו הויז.
ס'האָט זיכ ניט געגלייבט, אז די שיסל איז גאנצ געבליבנ. כ'האָב
זי אָפּגעהיִבנ אונ באטראכט דעמ דעק קעגנ דער שײַנ — גאנצ, פאָ-

שעט אפּ כּידושים, קיין איין לעכעלע... און אָט איז די באַלעבאָסטע פונעם כאָרעווע הויז און פון דער גאַנצער געבליבענער שיסל — אַ יונגע פויערטע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, מיט אַ ברויגעזלעך-פאַרדייגעט, אָבער קינדעריש-גוט, שיין, ראָז געזיכט. די ראָזקייט ליגט איר איבער דער גאַנצער באַק — אַ סימען פון געזונט און פרישקייט — און די בלויע אויגן דריקן אויס אַזאַ רויִקע גרייטקייט און אַזאַ האַרציקע מילדקייט, סע גלייבט זיך גאָר ניט, אַז די דאָזיקע אויגן האָבן געזען די קייווערדיקע טונקלקייט פון בלינדאַזשן, וווּהין זי האָט זיך געמוזט באַהאַלטן, געזען דייטשן לעבעדיקע און געהאַרגעטע, געזען ווי איר אייגן הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קופּע ברוך און אַש...

אַזוי האָב איך זיך באַקענט מיט האָרפּינקען. ווען כ'בין צוגעקומען, האָט זי מיט אַ בינטל ריטלעך צוגעקערט דעם פּלאַץ אַרום איר כאָרעווע הויז. רויִק און פּראָסט צוגעקערט דעם פּלאַץ, אָפּגערייניקט אים פון די אָנגעוואַלגערטע ציגל און האַלץ-ברוך, פּונקט זי זאָל צוראַמען דעם דיל בײַ זיך אין שטוב.

— ס'אַרא כורבן, — האָט זי געזאָגט צו מיר, — וויי, וואָס סע טוט זיך דאָ, ס'וועט אויסקומען אַלץ אופשטעלן אָפּסנײַ... אַ מין אויסוווּרף דער דײַטש איז, — און האָט ווײַטער געקערט מיט די צונויפגעבונדענע ריטלעך, אַזוי ווי דאָס זאָל זײַן דאָס ערשטע, פון וואָס זי האָט באַשטימט אָנהייבן.

בײַ אַ זײַט, לעבן אַ פאַרבליבענעם שטיק געפּלאָכטענעם לאָזעפּלויט זײַנען אַף קישנס געזעסן צוויי קינדער — ווײַסע קעפּלעך, ראָזע פּענעמלעך, פאַריסענע געזולעך און אַזעלכע קלאָרע, ערנסטע און האַרציקע אויגן, ווי בײַ האָרפּינקען. זי האָט אַלעמאָל פאַרזאָרגט אַ קוק געטאָן אין זייער זײַט, געפרעגט, צי האָבן זיי שוין אופגעגעסן די אוגערקעס. עפּשער געבן נאָך. גערעדט צו זיי ווי צו דערוואַקסענע, אַז אָט באַלד וועט זי ענדיקן צוראַמען דעם פּלאַץ, וועט זי אַרײַנהאַקן צוויי דרענגלעך אַנטקעגן דעם שטיקל פּלויט, איבערציִען אַ לײַוונט איבערן אָרט, וווּ זיי זיצן, וועט כאָטש זײַן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. זי האָט גערעדט אי צו זיי, אי צו זיך אַליין, אי צו מיר, דעם פרעמדן צושויער, ווי אַ מענטש, וואָס מונטערט זיך מיט די אייגענע רייד. און די קינדערלעך אירע, געהאָרכזאַמע און שטילע, האָבן זיך צוגעקוקט צו דער מאַמעס בעריִשע, פלינקע באַוועגונגען און זיך צוגעהערט צו אירע דערוואַקסענע רייד.

האָרפּינקע נעמט זיך געגרן אונטער אָנוואַרעמען פאַר מיר וואַסער. און איך באַשעפטיק זיך דערווײַל מיט אַרײַנקלאַפּן די דרענגלעך, קעדיי אָנציִען דעם לײַוונט איבער די קינדערס קעפּ. און אַ געפיל איז בײַ מיר, ווי כ'זאָל זיך אומקערן צו די כורוועס פון מײַן

אייגענעם הויז. ערגעץ גאָר נאָענט גיבן א פאל מיט א קוואק מי־נעס, נאָר וואָס גייט עס מיר איצט אָן? די קינדערלעך זעען פאר וויפל טעג דאָס ערשטע מאָל דעם הימל און קוקן אפ די גרויסע, ווייסע וואָלקנס, וואָס שווימען איבער אים. האָרפּינקע פּאָרעט זיך ארום דעם קעסל וואסער, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט אַפ צוויי פלאטשיקע שטיינער, און איך קלאפ די פלאָקנס אין דער ערד.

עס ווילט זיך מיר פרעגן — ווו איז האָרפּינקעס מאַן? נאָר איך קאָן דאָס שוין אזוי אויך טרעפן — ער איז אפן פראָנט. לעבעדיק צי ניט לעבעדיק — פונוואַנען זאָל זי וויסן? נאָר עס קומט מיר אויך אין קאָפּ אַן אנדער געדאנק, א סאָלדאטיש-פּראָסטער, אומשולדיקער און זינדיקער געדאנק — צי וועל איך זיך אויך קאָנען לייגן דאָ, אונטער דעם לייוונט, אויב די נאכט וועט צופאלן און מע וועט אונדז אין ערגעץ ניט אוועקפירן. וואָס איז שייך מיר, וואָלט איך גאָרנישט ניט געהאט קעגן. נאָר ווי איך האלט מיט האָרפּינקען, ווייס איך נאָך דערווייל ניט. איך מייסטרעווע ארום די פלאָקנס, איך ווייז אפילע ארויס איבעריקע פלייסיקייט און לייג אויס א שטיינערן ווענטל צוקאָפּנס, קעדיי די, וואָס וועלן דאָ שלאָפן, זאָלן זיין באשיצט פון עם ווינט, נאָר האָרפּינקע קוקט גאנצע זעלטן אין מיין זייט. זי איז מער באשעפטיקט מיטן וואסער, וואָס זי וואַרעמט פאר מיר, זי פרווט אלע מאָל מיט א פינגער, צי עס איז שוין הייס, ווארפט אונטער שפענדלעך אינעם פייער.

— איר וועט קאָנען אָנטאָן ביין מאנס א פּאָרל גרעט, — זאָגט זי צו מיר, ווען זי נעמט ארויס פון א פּאַק שמאטעס א דיקן לייוונט, וועלכן כ'דארף אָנציען אָנשטאָט א דעכל, — דאָ זיינען בא מיר פּאַראַן זיינע עטלעכע פּאָרלעך גרעט, ער דארף זיי שוין ניט, — איז קאָנט איר זיך איבערטאָן. כ'וועל אייער גרעט אויסוואשן, און ווען ס'וועט זיך אויסטריקענען, איז ווי איר וועט וועלן — איר וועט זיך קאָנען איבערטאָן צוריק.

דאָ טוט זי שוין א קוק אפ מיר ערנסט. פאַרהאַלט עטוואָס לענגער אפ מיר דעם בליק. איר געזיכט אָבער דריקט אויס בלויז באשעפטיקטקייט, דרייקייט, זי פרווט מיט די פינגער דאָס וואסער, צי עס איז שוין גענוג אָנגעוואַרעמט. און כ'קאָן זיך נאָך אלץ ניט געבן קיין ענטפער אפ מיין זינדיקער פראגע. נאָר כייוועי, ווי דאָס זאָל ניט זיין, זי איז מיר געפעלן, האָרפּינקע, זי איז א שטיק גאָלד. און יעדע באוועגונג אירע, אזא פלינקע און בערייישע, איז א גרויסע באלוינונג פאר מיין ווייסעך-וויפל געפינען זיך אין די שוצגראָבנס, אין שלאכט, צווישן לעבן און טויט.

דאָס לייוונטענע אָפּדעכל לעבן פלויט איז פארטיק. די קינדערלעך

ליגן דאָרט מיט ניט-דערהריזעטע גרינע אוגערקעס אין די הענט און האלטן בא אנדרעמלט ווערן אין שאָטן. דאָס וואסער איז שוין הייס. איך באָד זיך אין א יאם גליק. איך שטיי אָנגעבויגן איבער דער ווייסער, עמאלירטער שיסל, האָרפינקע שטייט דערביי און גיסט מיר אוף וואסער אפן קאָפּ, און אָט די ווארעמע שטראָמען רינען מיר איבערן האלדז און זייגען ווי האָרפּינקעס אָרעמס, ווי די הייסע קלאמערן פון אירע הענט. איך שטיי אָנגעבויגן און קוק אפ אירע באָרוועסע פיס, אפן גרויען קליידל, איך מוז אָבער באלד צומאכן די אויגן, ווייל די זייף קאָן אין זיי ארייַנרינען. אָבער צווישן די גרינלעכע און גאָלדענע רייפן, מיט וועלכע די שיין שלאָגט זיך דורך דורך מיינע פעסט צוגעמאכטע אויגן-לעפלעך, זע איך האָרפינקעס אויגן, מילדע און פארקלערטע, אירע ראָזע באקן... ווען כ׳וויש זיך אָפּ מיטן האנטעך און צעעפן די אויגן, פאָרעט זיך האָרפּינקע באם קעסל, זי שעפט אָן פריש וואסער אין שיסל, און איך בין דאָך קי-מאט ווי זיכער געווען, אז זי שטייט און קוקט אפ מיר...

איך וואש נאָך ארום די פיס אין דעם וואסער, וואָס האָרפינקע האָט מיר דערלאנגט, דערנאָך גיי איך אוועק פון יענער זייט צע-וואלגערטער שטוב, צווישן די ארומגעסמאליעטע ווינשל-ביימלעך אי-בערטאָן דאָס גרעט. איך קער זיך אום אייגאנצן א נייער. כ׳האָב נאָך ניט אָנגעטאָן די גימנאסטיאָרקע, כ׳וויל אזוי זיצן א ביסל אין די הויזן און אין איין העמד, אז דער ווינט זאָל מיך דורכנעמען. דאָס פרעמדע העמד איז א ביסל ענגלעך אפ מיר, און עס טראכט זיך מיר וועגן האָרפינקעס מאן, וואָס איז, זעט אויס, געווען שמע-לער אין די אקסלען פון מיר...

האָרפּינקע קריכט ארוף אפן סאמע שפּיץ פונעם בארג ציגל און איבערגעברענטער ליים לעבן דעם צעוואלגערטן אויוון און פּאָ-עט זיך דאָרט עפּעס.

— וואָס זוכסטו דאָרט, האָרפינקע? — פרעג איך.

— וואָס איך זוך? — ענטפערט זי פארזאָרגט, גלייכט זיך אויס און ציט צונויף די דינע, אויסגעבויגענע ברעמען, — א מעסער זוך איך, כ׳האָב קיין מעסער ניט. און עפשער וועל איך דאָ א טשוהונ-טשיק געפינען. דאָ אפן פריפעטשיק איז געשטאנען א טשוהונטשיק, ווען דער פארשאָלטענער דייטש איז אריינגעלאָפן אין שטוב, מיך און די קינדער ארויסגעטריבן אין דרויסן, אריינגעוואָרפן טאָל אין אויוון און אופגעריסן אלץ. עפשער איז דער טשוהונטשיק ערגעץ גאנץ געבליבן. און נאָך האָט דאָ געדארפט זיין פארוויקלט אין א האנטעך א בריוו...

— וואָס, א בריוו?

— א־הא...

— דעם מאנס?

— כּונוואנען דעם מאנס? ער שרײַבט שוין א צײַט ניט, אפילע פאר דעם, ווי דער דײַטש איז אהער ארײַן, — א פרעמדער בריוו, כ׳האָב אים געדאַרפט ארײַנוואַרפן אין פּאָסט-קעסטל...

איך טו א קנייטש מיט די אַקסל, און האָרפּינקע בייגט זיך אָן און זוכט ווידער צווישן די ציגל.

— אָ, כ׳האָב געפונען דעם מעסער! — זאָגט זי מיר אָן מיט פרייד, — ווי ער איז געלעגן אפן פּריפּעטשיק לעבן אויוון, אזוי ליגט ער, ווען כאַטש זײַן מיט וואָס אָפּשנײַדן א שטיקל ברויט און אָפּשיילן א קאַרטאָפליע.

זי זוכט ווײַטער, און איך קוק אף איר אומגעשטערט, זי שטייט אָנגעבויגן, איר געזיכט איז פון אָנשטרענגונג שטארק רויט, זי וואַרפט פאנאנדער מיט אירע געזונטע, הוילע הענט די ציגל, גראָבט מיט די פינגער די איבערגעבראָכענע ליים.

— דער טשוהונטשיק איז אויך דאָ, — זאָגט זי מיר אָן, — עמעס, אָפּגעשטשערבעט א ביסל, מיילע, וועל איך אים ניט דערגיסן פול. אָט זײַנען אָלעקסעס שיכעלעך, גוט, וואָס כ׳האָב זיי צונויפגעבונדן פאר די שנירלעך... נאָר דער בריוו איז ניטאָ.

— עפּשער זאָל איך דיר העלפן, האָרפּינקע?

— ניין, ניין, מע דאַרף ניט, וואָס וועט איר זיך גיין שמירן, איר האָט זיך דאָך ערשט ארומגעוואַשן. כ׳וועל שוין שפּעטער א זוך טאָן, ווען כ׳וועל דעם פּלאַץ רייניקן.

זי גייט אראָפּ פונעם בארג ציגל און זעצט זיך אוועק לעבן מיר אף א באלקן, אזוי פּאַשעט און פּאַרטרויליעך. זי ציט פּעסט אריבער דאָס קליידל איבער די קני, אזוי אז עס צייכענען זיך בוילעט אָן אירע געזונטע פיס. זי רוקט זיך צו קימאַט הארט צו מיר. א שאָטן פון באַדויערונג גייט דורך איבער איר קלאָרן, ריינעם שטערן און איבערן ראָזן געזיכט, זי טוט א פיר צונויף די ברעמען און א שאָקל מיטן בלאָנדן קליינעם קאָפּ מיט די גלאַט צוגעקעמטע האָר, וואָס זײַנען מיט א שטריקעלע פאַרבונדן אף הינטן. זי שווײַגט א ווײַלע.

— דאָס איז געווען הײַנטיקן סאָף ווינטער, — זאָגט זי שטיל און טוט אף מיר א קוק פון דער זײַט, קימאַט ניט אופהייבנדיק די וויִעס, — ווען אונדזערע זײַנען דורכגעגאַנגען אף כאַרקאָוו און דערנאָך געמוזט ווידער אָפּטרעטן. אין א גרויען, רעגנדיקן פאַרנאַכט האָט זיך אין אונדזער דאָרף אָפּגעשטעלט א מיליטערישער טייל. צו מיר איז ארײַנגעגאַנגען זייער קאָמאַנדיר, ניט גאָר קיין גרויסער נאטשאַלניק. די שטוב מײַנע איז נאָך, פאַרשטייט זיך, דעמלט געווען

גאנצ. ריין, דארפ איכ דיר זאָגן, איז אין איר אלעמאָל געווען, ריי־נער עפשער ווי אין אלע הײַזער פונ דאָרפ, איז פארוואָס ניט — זאָל א מענטש זיכ דערווארעמען און אויכטריקענען אפ זיכ די קליידער. די קו מײַנע איז נאָכ דאנ געשטאנען אינ שטאל, דער וויסטער דײַטש האָט זי בייס זײַנ ערשטנ זײַנ ניט דערטאפט, האָב איכ אים אָנגע־גאָסנ הייסע מילכ, דעמ קאָמאנדיר, ער איז עפעס געווען צוגעקילט, גערעדט הייזעריק. געווען איז ער א ביסל עלטער פונ דיר, א שוואר־צער אזא, פונ איינ ווּקס מיט דיר, נאָר מיט וואָנצעס. גערייכערט האָט ער ניט... איכ זע, דו רייכערסט יאָ, וויניק מאנצבלען רייכערנ ניט.

האָרפינקע באטראכט מיכ אזוי אָפנ און אופמערקזאמ, און מיר איז אָנגענעמ פילנ אפ זיכ דעמ דאָזיקנ בליק אירנ, א זיס ציטערנ נעמט מיכ דורכ.

— כ'האָב געמיינט, ער איז זיכ נאָר ארײַנ אָנווארעמען און א טרונק טאָן, ערשט — מ'האָט זיכ דאָ אָפגעשטעלט אפ נאכט. פאנאנ־דערפרעגנ אײַכ דארפ מענ דאָכ ניט, אז עס קומט די צײַט, זאָגט איר אליינ. ביז ס'איז פינצטער געוואָרנ, איז ער געווען באשעפטיקט מיטנ פאנאנדערשטעלנ דעמ טייל, אָפגעגעבנ עפעס באפעלנ, אזוי אז כ'האָב מיט אים אפילע קיינ פאָר ווערטער ניט אויסגערעדט. געזען האָב איכ, אז די רויטארמייער האָבנ אים ליב. א מענטש איז ער אנ ערנסטער, כאָטש נאָכ א גאנצ יונגער. אז ס'איז פינצטער גע־וואָרנ, האָב איכ פארשטאנען, אז ער וועט נעכטיקנ. האָב איכ אים אָפגעטראָטנ מײַנ בעט. די קינדערלעכ אוועקגעלייגט אפנ אויוון און אליינ זיכ אויסגעבעט אפנ טאפטשאנדל לעבנ אויוון. כ'האָב אים אָנגעוואר־רעמט וואסער, דעמ קאָמאנדיר, פונקט ווי דיר, ער האָט אויסגעוואשנ דעמ קאָפ, דערנאָכ האָב איכ אים אויכ געגעבנ דעמ מאנס א פאָרל גרעט איבערטאָנ, א מענטש איז פארוואָגלט, קומט פונ שלאכט און גייט אינ שלאכט, ווער וועט אפ אימ אכטונג געבנ. כ'האָב אים ארומ־געוואשנ די בלאָטע פונ די שטיוול, כאָטש ער האָט דאָס שטארק ניט געוואָלט, געשטעלט זיי טריקענען אפנ פריפעטשיק. דערנאָכ זיכ נאָכ גענומען אויסוואשנ אימ דאָס גרעט, ס'זאָל ביז אינדערפרי זיכ אויסטריקענען, אויב ער וועט וועלנ, וועט ער זיכ איבערטאָנ. און אזוי־אָ האָבנ מיר זיכ צערעדט. א גוטער מענטש איז דאָס געווען. ער האָט דערציילט, וויאזוי ער איז אוועק אפ דער מילכאָמע, ווי־אזוי ער האָט זיכ געזעגנט מיטנ ווײַב און מיט די קינדער — צוויי בא אימ, אזוינע ווי מײַנע, דעמ דיינעמ עמעס אויסדערציילט, אז ער איז ניט אלעמאָל געווען גליקלעכ מיטנ ווײַב, זי האָט ניט שטענדיק פארשטאנען, ווי גוט ס'איז איר. נו, איצט איז איר ביטער. ווייסט, עס טרעפט א מינוט, דוכט זיכ — גאָרנישט, נאָר מע זאָגט דיר א

וואָרט, אַז עס טרעפט אין כאמע הארצן. כ׳האָב דערזען אויך מײַן לעבן מיטן מאַן. כ׳בין דאָך אויך אַמאָל ניט גערעכט געווען קעגן אים. בײַ מיר איז דאָך אויך קימאַט אַזוינס געווען. יאָ, און די מישפּאָכע דעם דאָזיקן קאָמאַנדירס איז בײַ די דײַטשן פאַרבליבן. אַן עלנטער מענטש...

כ׳האָב אים אויסגעוואַשן דאָס גרעט, און ער דערציילט אַלץ. ווער ווייסט, עפּשער האָט דער מענטש דאָס ערשטע מאָל פאַר דער מילכאָמע אָט אַזוי זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ? הער איך אים און דערצייל אַ ביסל וועגן זיך אויך... ס׳איז שפּעט געוואָרן. מע דאַרף גיין שלאָפן, און איך וועל דיר זאָגן, קאָנסט זיך טראַכטן, וואָס דו ווילסט, נאָר ווען ער זאָל געווען קומען צו מיר אויף דער לעזשאַנקע, וואָלט איך אים ניט דורכגעטריבן. שוין צוליב האָב איך זײַן עלנטקייט דערפילט און זיך אַליין דערפילט עלנט. כ׳האָב אויסגעלאָשן די שײַן, ער רעדט, און איך ליג אַ פאַרטײַעטע און וואַרט, און ער איז ניט געקומען, — צי איז ער אַזוי לײַטיש געווען און ריין, צי איז אים ניט אָנגענעם געווען נאָך דעם, ווי ער האָט אַזויפיל דערציילט וועגן זײַן ווײַב און קינדער, נאָר ער האָט מיר געזאָגט „אַ גוטע נאַכט!“ און איז אײַנגעשלאָפן.

כ׳בין קימאַט ניט געשלאָפן די נאַכט. ס׳איז שווער געווען. אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען, געזעצט זיך צום טיש, געשריבן עפּעס, דערנאָך אַרײַנגעלייגט דאָס פּאַפּיר אין אַ קאָנווערט און אויפגעשריבן אויף אים אַן אַדרעס. „נאַ, — האָט ער מיר געזאָגט, — האָרפּינקע, דעם דאָזיקן בריוו. כ׳האָב אַ גרויסע ביטע צו דיר — ווען דו וועסט דערהערן, אַז פּאָלטאַווושטשינע איז פרײַ, זאָלסטו דעם בריוו אַרײַנוואַרפן אין פּאָסט-קעסטל. דאָס דערפל מײַנס ליגט פון יענער זײַט פּאָלטאָווע. צי וועל איך גאַנץ זײַן צו יענער צײַט, צי וועל איך דערלעבן, נאָר זאָלן מײַנע אייגענע וויסן, אַז אין דער און דער צײַט, אין אַזאַ און אַזאַ טאָג בין איך געווען לעבעדיק און געזונט און געטראַכט וועגן זיי. זאָלן זיי וויסן“, — אַזוי האָט ער געזאָגט און איז אַוועקגעפאָרן, און איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז כ׳וועל דעם דאָזיקן בריוו אָפּשיקן. איז נאַ — ליגט ער דערגעץ צווישן די שטיינער. ער זאָל כאָטש גאַנץ זײַן...

האָרפּינקע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן שטרענג, פרעגעוודיק, ווי זי זאָל וועלן וויסן, וואָס איך טראַכט וועגן דעם אַלעמען, נאָר באַלד אָפּגעקערט דעם קאָפּ, ווי ס׳זאָל איר אַלציינס זײַן, וואָס איך טראַכט, אָדער פאַרקערט — ווי זי זאָל גאָר פון פריער וויסן, אַז שלעכטס טראַכטן וועגן דעם קאָן איך ניט.

אויגוסט, 1943.

לייבעלע — טימקאָ

איבער לייבעלעס וועלטל פליט א בושל מיט ברייט-צעשפרייטע פליגל אונ מיט א ברענענדיקער שטרוי אינ שנאָבל. דאָס איז דער בושל, אינ וועלכנ ער האָט הײַנט אינדערפרי אויסגעשאָסנ פונעם פאראבעלום, וואָס פעדענקאָ האָט אים געשאָנקענ. דער דאָזיקער בושל איז, ווי א פארגליווערטער, געשטאנענ אפ איינ פוס איבער זײַנ נעסט אפנ שטרויענעמ דאכ פונ דער קלוניע, ווו לייבעלע אונ פעדענקאָ נעכטיקנ שוינ עטלעכע טעג, זינט דער פאָלק איז פונ דער פאָדערשטער פאָזיציע אריבערגעפירט געוואָרנ אפ א קורצנ אָפרו אינ דערפל. לייבעלע האָט אינדערפרי אופגעגאָסנ פעדענקאָ קאלט וואסער אפנ קאָפ, וואָס איז פול געווענ מיט שטויב אונ שטיקלעכ שטרוי, אפנ אָפגעברענטנ נאקנ אונ אפ דער ברייטער, ווײַסער פלייצע. יענער האָט אזש געפאָרשקעט פונ טײַנעג, אונ דערפאר דערלויבט לייבעלענ אויסשיסנ אינעם בושל אונ שוינ ביכלאל געשענקט אים דעם פאראבעלום. נאָר ער האָט אים אויכ געזאָגט, אז מע טאָר אינ א בושל ניט שיסנ אונ מע טאָר ביכלאל קיינ בייזס ניט טאָנ דעם דאָזיקנ פויגל, וואָס ברענגט גליק, ווײַל ער קאָנ אינ קאס ווערנ אונ אונטערצינדנ דעם הויפ. ער ברענגט אינ שנאָבל צו טראָגנ א ברענענדיקע שטרוי, צי א שטיקל פאקליע, צי א טליִענדיקנ קויל אונ צינדט אונטער. אונ אויב ניט ער, אויב מע דערשיסט אים, טוענ דאָס אנדערע בושלענ. פעדענקאָ האָט, ווי שטענדיק, געלאכט דריבנע אונ מיט א גוטהארציקנ קוויטשעלע, געוויזנ זײַנע ביז גאָר ווײַסע, געטאָקטע ציינ, וואָס זעענ אויס נאָכ ווײַסער אונטער די שווארצע וואָנצעס, וועלכע ער האָט זיכ ניט לאנג פארלאָזט. אונ לייבעלע האָט ניט געוווּסט, צי שפאסט ער אזוי, צי זאָגט ער עמעס. אָבער ער האָט דאָכ אויסגעשאָסנ אינעם בושל, כאָטש ער האָט שוינ טיפ אינ הארצנ מוירע געהאט דאָס צו טאָנ.

איצט זיצט לייבעלע אפ א בערווענע אינ א ווינקל הויפ, אונטער א צעצווײַגטנ עפלבוים, אונ פעדענקאָ לייענט אים פונ א גרויסנ בוכ די געשיכטע וועגנ דעם בונטאר קארמעליוק. לייבעלע הערט מיט פארטײַעטנ אָטעם, אונ איינצײַטיק וואקסט אינ אים די מוירע פארנ

בושל — עפשער וועט ער טאקע באנאכט נעמענ אונ אונטערצינדנ דאָס הויז, עפשער איז ער, דער בושל, שוינ גאָר קיינ בושל ניט, נאָר א פארשטעלטער מענטש? ער קוקט אפנ דאכ פונ דער קלוניע. זינט ער האָט אויסגעשאָסנ אונ דער בושל האָט צעשפרייט די פליגל, זיכ אופגעהויבנ א פאָר מעטער איבער דער נעסט אונ געלאסנ זיכ אוועקגעלאָזט אינעמ אָפענעמ פעלד, איז שוינ אוועק א היפשע צײַט אונ ער קערט זיכ אלצ ניט אומ. צי זוכט ער ניט, דער בושלעצ, דאָרט קיינ פײַער אינ די פאסטעכער־שײַטערס, צי עפשער איז ער גאָר אריבערגעפלויגנ צו די דײַטשנ אונ וועט ברענגענ אינ שנאָבל א טליִענדיקע האָלעוועשקע פונ א ברענענדיקנ הויז אינ אנ אונטערגעצונדענעמ דאָרפ. לייבעלע האָט שוינ געזענ א היפש ביסל אזוינע דערפער, אי ווענ ער איז געלאָפנ מיט דער מאמענ פונ ראָסאָש, אי שפעטער, בייס ער איז געווענ אפ דער פאָדער־ליניע מיטנ פאָלק.

פעדענקאָ לייענט אפ א קאָל וועגנ קארמעליוקנ, אונ די געשיכטע, וואָס ווערט דאָרט דערציילט, ווענדט לייבעלענ אָפ פונ די געדאנקענ וועגנ בושל. לייבעלענ דאכט זיכ, אז ער זעט מאמעש די דיקע ביימער פונ א געדיכטנ, טונקעלנ וואלד, באמערקט, ווי ס'נייגנ זיכ די צווײַגנ, ווי וועלפ מיט ברענענדיקע אויגנ לויפנ דאָרט אומ צווישנ די שטאמענ. אָט אינ אזא וואלד האָט עס זיכ געמוזט אויסבאהאלטנ אזא גוטער אונ דרייסטער מענטש ווי קארמעליוק.

לויט ווי אינ ביכל ווערט באשריבנ, האָט קארמעליוק געמוזט אויסזענ ווי סאווטשענקאָ, דער קאָמאנדיר פונ פאָלק. לייבעלע מאָלט זיכ אימ טאקע נאָר אזא — א הויכער, א געזונטער, בלויז די וואָנצעס זײַנענ בא אימ ניט פארדרייט אפ ארופ ווי בא סאווטשענקאָ, נאָר הענגענ אראָפ קימאט ביז דער ברוסט.

לייבעלע טראכט, אז דאָס אלצ, וואָס ווערט באשריבנ אינ ביכל, איז שוינ מיסטאמע געווענ לאנג, גאָר לאנג צוריק. ער אליינ, לייבעלע, לעבט שוינ אזא צײַט אפ דער וועלט. אָט האָט ער שוינ געהאט א טאטנ אונ א מאמענ, אונ איצט האָט ער קיינעמ ניט. דער טאטע איז בא אימ געשטאָרבנ נאָכ פאר דער מילכאָמע פונ א פארקילעכצ. אונ די מאמע האָט לייבעלע פארלוירנ אָט דאָ ניט לאנג, בייס זיי האָבנ זיכ געהאלטנ אינ אריבערקלײַבנ איבערנ דאָנ. די דײַטשנ האָבנ גענומענ פונ מינענווארפער באשיסנ די פלייטימ, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעשלאָגנ באמ ברעג. ס'איז געוואָרנ א גוואלד, א געדראנג, פערד האָבנ גענומענ ברעכנ די האָלאָבליעס, ווילד זעצנ מיט די קאָפיטעס אינ די וועגענער, אָקסנ האָבנ געריוועט; מ'ט די הערנער, פארפלאָנטערטע אינ די דראבינעס, מיט אָנגעבויגענע קעפ האָבנ זיי אינ

טעמפּן קאַס און שרעק געשלעפּט נאָך זיך אין טײַך אַרײַן די איבערגעקערטע װעגענער. לײבעלע האָט געזען, װי די מאמע האָט זיך פֿון יענער זײַט אומגעװאַלגערטן װאָגן א לאָז געטאָן צו אים, ער האָט זיך א װאָרף געטאָן איר אנטקעגן, נאָר דאָ האָבן זיך געהאלטן אײן אײנ באַװעגן זיך נאָך און נאָך װעגענער. ער האָט זיך פֿארפּלאָנטערט צװישן זײ, ס'האָבן געפּײַטשט און זיך געריסן מינעס, האָט ער געגומענע קריכן איבער דער ערד, צװישן רעדער און פּעק און האָט אזוי פֿארלוירן די מאמע. פּעדענקאָ האָט אים דערנאָך, פֿארנאכט שױן, געפֿונען אין א רױ, לעבן עפּעס אן אלטן. ער האָט געמײנט, לײבעלע, אז דער דאָזיקער אלטער איז א לעבעדיקער און אז ער האָט זיך בלױז צוגעשפּארט הינטער א שטײן, קעדײ צו באַהאלטן זיך פֿון די שפּליטערס, האָט ער זיך צוגעגיורעט צו אים און צופֿרידן געװען, װאָס ער טרײַבט אים ניט אװעק. ערשט דאָס איז געװען א טױטער. איצט כאָלעמט זיך אים דער אלטער יעדע נאכט.

באנאכט כאָלעמט זיך אים ניט נאָר דער אלטער. ער זעט אין שלאָף די מאמע, װי זי רופֿט אים פֿון יענער זײַט טײַך. ער זעט א דײַטש, װאָס שפּרינגט מיט א װילע אין קלוניע אַרײַן, קרימט זיך און שטשירעט די ציין. פֿון די באנטענעס הענגט אַראָפּ הײ, װײַזט זיך לײבעלען אױס, אז דאָס האָט דער טױטער אלטער צונױפֿגעזאמלט נאָך אזױנע אלטע, זײ ליגן און קוקן אָפּ אים פֿון דער הײך און עס הענגען אזױ אַראָפּ זײערע מעשונעדיק-לאנגע בערד...

א פֿארטריקנט עפּעלע טוט א פֿאל פֿונעם בױם אפּן אָפּענעם בוך, פּעדענקאָ װארפֿט עס אָפּ אָן א זײַט, דאָס װענדט אָפּ לײבעלען פֿון זײַנע שװערע געדאנקען. ער נעמט זיך װידער אַרײַנהערן אין דער געשיכטע װעגן קארמעליוקן. אָט האָט קארמעליוק, אן איבערגעטאָנענער, אַרײַנגעריסן זיך אין א פּריצישן פּאלאץ, װוּ עס קומט פֿאָר א באל. אין א ליכטיקן זאל טאנצן שליאכטשיצעס און פּאניענקעס. פּלוצעם דערהערט זיך א דונער-שטים:

— גענוג, איך בין קארמעליוק! — די פּאניענקעס כאלעשן, די שליאכטשיצעס כאפּן זיך פֿאר די שװערדן, קארמעליוק שלאָגט זיך מיט עטלעכע פֿון זײ, דורך די טירן שפּארן פּױערים מיט דראָנגעס און מיט ברענענדיקע פּאקעלן, און לײבעלעס הארץ װערט אָנגעפֿילט מיט סאקאָנעדיקער דרײסטקײַט און שטאָלץ, — שטאָלץ פֿאר פּעדענקאָ און פֿאר זיך. אָט דערציילט מען דאָך אין פּאָלק װעגן פּעדענקאָ, אז ער איז אַרײַן אין א דאָרף, װוּ ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט דײַטשן, אָנגעקלאפּט שטיל אין קיך-פֿענצטערל פֿון דער עקסטער שטוב, אַרױסגערופֿן די באלעבאָסטע, און, דערװוּסט זיך, אז בא איר אין קלוניע שלאָפֿן זעקס דײַטשן, האָט ער זײ פֿארװאָרפֿן מיט גראנאטעס.

איינעמ, וועלכער האָט א מעוווילוועלער זיכ געלאָזט צו דער טיר, האָט ער געכאַפּט פּאַרנ קאָלנער אונ א לעבעדיקנ געבראַכט צו פּירנ אינ שטאַב. ער, לייבעלע, מוז פּויעלנ באַ פּעדענקאָ, ער זאָל אימ אויכ מיטנעמענ אפּ אזא שטיקל ארבעט. אונ אויב ער וויל אימ ניט מיטנעמענ, וועט ער אימ נאָכגיינ אומבאמערקט. ער איז דאָכ שוינ איינמאָל אויסגעוואַקסנ לעבנ פּעדענקאָ, ווענ יענער האָט אפילע ניט געטראַכט וועגנ אימ. דאָס איז געווענ אָט דאָ מיט עטלעכע טעג צו-ריק אפּנ טײַכ טשאָרנאַיאַ קאַליטווא. נאָכ אנ אויסשפּירונג איז גרי-גאָרי איינער אליינ פּאַרבליבנ מיט א לײַכטנ קוילנוואַרפער אונ מיט אנ אווטאָמאַט אפּ יענער זײַט טײַכ, קעדיי צו געבנ א מעגלעכקײַט די כאַווײרימ אריבערקלײַבנ זיכ איבערנ טײַכ. צוביסלעכ איז גריגאָרי אָפּגעטראָטנ צומ טײַכ, נאָר אפּנ צווייטנ ברעג האָבנ אימ די דײַטשנ ניט אריבערגעלאָזנ. איז דאנ לייבעלע (אלע אינ פּאָלק קאָנענ דאָס באַשטעטיקנ) אריבערגעשווומענ צו פּעדענקאָ, — ער שווימט, לייבעלע, ווי א פּישל, — זיכ א טוק געטאָנ, אינ א מינוט ארומ ארויסגעשווו-מענ אינמיטנ טײַכ, א שלונג געטאָנ לופט, ווידער אראָפּגעלאָזט זיכ אונטערנ וואַסער אונ ארויס שוינ באַמ צווייטנ ברעג. א פּיטש-נאַסער, א באָרוועסער, אינ איינע הייזלעכ האָט ער זיכ ארופּגעקראַטשקעט צו פּעדענקאָ אפּנ הויכנ, שטייניקנ ברעג, מיט א פולנ היטל גרע-סערע אונ קלענערע קוילנ, וואָס ער האָט באַוויזנ מיטנעמענ. ער איז ליגנ געבליבנ לעבנ פּעדענקאָ אונ גענומענ העלפנ אימ. לייבעלע האָט מיט די קוילנ, וועלכע ער האָט געבראַכט, גענומענ אָנפּילנ דעמ דיסק פונ קוילנוואַרפער, בײַס פּעדענקאָ האָט געשאָסנ פונ אווטאָמאַט, אונ דערנאָכ — דעמ אווטאָמאַטנ-דיסק, בײַס יענער האָט געשאָסנ פו-נעמ קוילנוואַרפער.

אָט אזוי האָבנ זיי זיכ געהאַלטנ, ביז מע האָט פונ צווייטנ ברעג גענומענ שיסנ מיט ארטילעריע אונ געגעבנ זיי א מעגלעכקײַט אונ-טער דעמ דאָזיקנ פײַער אריבערשווימענ צוריק.

סאַווטשענקאָ אליינ האָט דאנ ארויסגערופנ לייבעלענ צו זיכ אונ אימ געזאָגט, אז ער איז א מאָלאָדיעצ. ער האָט אימ אפילע צוגע-זאָגט געבנ א פּערד. גאַווריליוקס שקאַפּע — זי טראָגט, איז אָט, ווענ זי וועט האָבנ א לאָשעקל, וועט מענ אימ עס געבנ. אזוי זאָגט סאַוו-טשענקאָ, אונ אזוי זאָגט אויכ פּעדענקאָ, בײדע לאַכנ זיי עפּעס דערבײַ. אָבער די שקאַפּע וועט דאָכ פּאָרט האָבנ א לאָשעקל.

אלצ איז באַ פּעדענקאָ עפּעס אזוי אונ ניט אזוי, יאָ מיט ניינ גלײַכ. אָט שיס אינעמ בושל, אונ אָט — שיס ניט. פאַרוואָס ניט? אָט זאָגט ער אימ צו אשטייגער נעמענ ערגעצ, אונ אז עס קומט צו עפּעס, גייט ער אוועק אליינ. לייבעלעס נאָמענ ווייסט ער שוינ,

דאכט זיך, גוט, יאָ? אין דער מעטריקע, וואָס די מאַמע האָט פאַרן אוועקפאָרן פון דער היים פאַרבונדן אין א טיכל, און אין דער צייַ־געניש וועגן דעם, אז ער האָט פאַרענדיקט דעם ערשטן קלאַס, שטייט בעפּיירעש געשריבן, אז ער הייסט לייבעלע, ליעוו, און פעדענקאָ רופט אים גאָר טימקאָ. דאָס איז דערפאַר, ווייַל ער האָט געהאַט א יינגעלע, פעדענקאָ, האָט מען עס גערופן טימקאָ. דאָס יינגעלע איז ערגעץ דערהארגעט געוואָרן בייס א באָמבאַרדירונג, צוזאַמען מיט דער מאַמען דערהארגעט געוואָרן. לייבעלען איז עס בעפּיירעש א שאָד, ער האָט אוואדע ראַכמאָנעס אף יענעם טימקאָ און האָט ראַכמאָנעס אף פעדענקאָ, וואָס האָט טימקאָן פאַרלאָרן, אָבער פאַרוואָס דאַרף ער טראָגן א פרעמדנס נאָמען און געדענקען, אז ער דאַרף זיך אָפּרופן אף אים? כאָטש, פון דער צווייטער זייַט, איז אים געפעלן, וואָס ער האָט צוויי נעמען. פעדענקאָ זאָגט, אז ער איז א ביסל ענלעך אף טימקאָן. יענער איז אויך געווען א שוואַרצער, נאָר ניט קיין קוטשע־ראַווער, און געשווומען איז ער אויך גוט. פעדענקאָ אליין האָט אים גע־לערנט. נאָר דאָך איז לייבעלען א ביסל מאַרקאָטנע, וואָס ער טראָגט א נאָמען נאָך א טויטן יינגל, וועלכן ער האָט אפילע קיינמאָל ניט געזען...

א האַרמאַטן־שיסערייַ דערטראָגט זיך פונווייַטן. אין שכיינעסדיקן הויף רייכערט זיך א פעלד־קיך. דאָרט פּאָרעט זיך זאַרעמבאַ, א רוי־טער, פּעסטער באָכער. צוויי הענער שלאָגן זיך ניט ווייַט פון דער פעלד־קיך. און עפּעס זעט אלץ אויס אזוי פּראָסט און וואָכעדיק, אזוי געוויינלעך, גאָר נישט ענלעך אף דעם, וואָס ווערט באַשריבן אין פעדענקאָס ביכל. לייבעלען ווערט אומעטיק.

מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי אַריבער די דעכער פון דער גלייַכער גאַס פליט דער בושל. עפּעס טראָגט ער אין שנאָבל. א שוואַרצס אזוינס. עפּשער טאַקע א האָלעוועשקע? פעדענקאָ הערט אוף אין דער רעגע צו לייענען, נאָר ער קוקט גאָר ניט אפן בושל, ער פאַרקוקט זיך אין שכיינעסדיקן הויף. דאָרט לעבן דער פעלד־קיך שטייט א ציווילע פרוי, אהער מיט דער פּלייצע, און זאַרעמבאַ גיסט איר אָן א טעפּעלע זופּ. מיטן ליידיקן טשערפּאַק טוט זאַרעמבאַ א טרייַב די הענער, וועלכע שלאָגן זיך מיט גרויס פאַרביטערונג, יענע גיבן א שפּרונג אָפּ. די פרוי קערעוועט אויס דעם קאָפּ א קוק טאָן, ווען דער קעכער האָט עס אָפּגעטריבן, און לייבעלע בלייַבט מיטאַמאָל זיצן א דערשיטערטער. ער וויל א געשריי טאָן און קאָן ניט. דאָס איז זייַן מאַמע. לייבעלע דערפילט בלויז אף איין רעגע אן אומזיכערקייַט — עפּעס איז דאָס אָנטאָן אף איר אָפּגעטראָגן: די טערקישע שאַל איז צעריסן, די שיך צעקרימט, נאָר ער גיט באַלד א שפּרונג אוף. די

מאמע האָט אים אויכ דערזענ. זי מאכט עטלעכע ניט זיכערע טריט, באלד אָבער איבערצײַגט זי זיכ, אז ס'איז ער. איר ברוינ געזיכט טוט זיכ א קרימ איבער, די אויגנ גיבנ ברייט זיכ א צעעפנ, זי גיט א קורצ געשריי, ווי א קרעכצ, דאָס ערדענע טעפעלע פאלט פונ די הענט ארויס, זי לויפט האסטיק צו צו לייבעלענ.

— קינד מײַנס, קינד מײַנס! — טוט זי א געשריי, אונ דאָס גע-וויינ דערשטיקט אירע ווערטער, זי כאפט אים האסטיק ארומ אונ דריקט אים צו זיכ.

לייבעלע גראָבט זיכ אײַנ מיטנ פּאָנעמ אינ דער מאמעס שויס, ער הערט זיכ אײַנ אינ איר פריידיק געוויינ. ס'גיט זיכ אים איבער איר צאפל. „מאמינקע, — האלט ער אינ איינ כאזערנ, — מאמינקע". ער דערפילט מיטאמאָל, ווי איינזאמ ער איז געווענ. ס'קײַקלט זיכ אים צו צומ גאָרגל אזויפיל ביטערס אונ שווערס אפ אויסדערציילנ עס דער מאמענ, קלאָגנ זיכ כאר איר, פאָרוואָרפנ איר, פארוואָס זי האָט אים פארלאָזט, נאָר ער זאָגט גאָרניט. ער קאָנ גאָרניט זאָגנ.

די מאמע גלעט אים מיט אירע ווארעמע הענט, רוכט אים אָנ מיט צארטע נעמענ. ער הערט זיכ אײַנ אינ זיי אונ מליעט אזש פאר גליק. פלוצעמ אָבער פארשעמט ער זיכ, ער באפרײַט זיכ א ביסל ארויס פונ אירע הענט. פונעמ הויכנ טרעפל פונ זײַנ פעלד-קיכ קוקט אהער א שמייכלענדיקער דער קעכער זארעמבא, דורכנ אָפענעמ פענצ-טער פונעמ שטיבל, ווו סאווטשענקאָ וווינט, האָט די טעלעפאָניסטקע ארויסגערוקט דעמ קאָפ מיט א צוגעבונדענעמ טרײַבל צומ אויער. גוט, וואָס סאווטשענקאָ אליינ איז ניטאָ. ער איז נאָכ אינדערפרי אוועקגעפאָרנ צומ קאָמאנדיר פונ דיוויזיע. דער וואכמאנ, וואָס שטייט לעבנ סאווטשענקאָס גאנעקל, האָט די ביקס צוגעשפארט צו דער ברוסט, ער פארדרייט מיטביידע הענט א ציגאר אונ קוקט אהער א פארכידעשטער. פעדענקאָ שטייט בא דער זײַט, שמייכלט עפעס אי פארלוירנ אי אופגערוימט.

די מאמע באטראכט לייבעלענ פונ קאָפ ביז די פיס, אירע אויגנ, פולע מיט טרערנ, שײַנענ. זאָרגעוודיק כארכט זי אים מיט די דינע פינגער דעמ רימענ, אפ וועלכנ ס'הענגט דער שווערער פאראבעלומ. זי טוט א שאָקל מיטנ קאָפ, נאָר זאָגנ זאָגט זי מיט א שמייכל:

— נו, נו, ביסט שוינ א גאנצער בודיאָנאָוועצ.

פעדענקאָ צופט די שווארצע שטעכלקעס אונטער דער נאָז — זײַנע ניט לאנג פארלאָזטע וואָנצעס. ער האלט זיכ בא לייבעלעס זײַט, ווי א שטיקל קאָרעוו, ער האָט עפעס צו זאָגנ, נאָר ער שווײַגט אלצ אונ וויל ניט שטערנ. לייבעלענ פארוווּלט זיכ מיטאמאָל א בארימ טאָנ זיכ פאר דער מאמענ מיט פעדענקאָ, דערציילנ איר, אז דאָס

איז דער גרעסטער העלד פון פאָלק. ער וואָלט ביכלאל וועלן, די מאמע זאָל עפּעס זאָגן פעדענקאָ, נאָר דאָ קומט אונטער די באלע-באָסטע פון הויז, א פויערטע מיט א שארפער נאָז און צווי פּא-טשיילעס — מיט איינער איז בא איר ארומגעוויקלט דער קאָפּ, און מיט דער צווייטער איז אונטערגעבונדן די קין, — זי האָט ערשט היינט אינדערפרי געהאט אָנגעשריגן אף לייבעלען, אלעמיי ער האָט אין גאָרטן אויסגעבראָכן א סאָנישניק פאר פעדענקאָ. איצט האָט זי עס פארגעסן. זי האָט נאָרוואָס א טאפ געטאָן א הינ, צי זי האָט זיך שוין געלייגט, אָפּגעלאָזט זי און ווישט איצט אינעם פארטעך די פינגער. זי זאָגט מיט א צוקער-זיס פּאָנעם, צונויפציִענדיק די שמאָלע ליפּן:

— וואָס, דאָס זונעלע געפונען?

— יאָ, געפונען, — ענטפערט אים די מאמע פארלאָרן און גליק-לעך: — אז עס פירט צו גוטן, גייט מען אף איין סטעזשקע און מע באגעגנט זיך...

די פויערטע שאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז גרייט אויסהערן א גאנצע געשיכטע, צי, אדעראבע, אליין עפּעס דערציילן, נאָר לייבעלען הייבט אזש פונעם אָרט צו באקענען די מאמע מיט פעדענקאָ, ער טוט א צי די מאמע פאר אן ארבל:

— אָט איז דער כאוועד פעדענקאָ, וואָס האָט מיר א פאראבע-לום געשאָנקען, און ער האָט מיך געפונען אין רוי, ווען דו האָסט מיך פארלוירן... מיר שיסן מיט אים אין בושלען.

— ווארט, ווארט, טימקאָ.. אין בושל שיסטו אליין, — טוט פע-דענקאָ זיך א צעלאכ, — און ער וועט דיך נאָך אָנלערנען, דער דאָ-זיקער שטילער פויגל...

די מאמע טוט פארכידעשט א הייב די ברעמען:

— טימקאָ האָט ער דיך אָנגערופן... דו הייסט דאָך לייבעלע, פארוואָס האָסטו זיך אָנגערופן טימקאָ?

א ווייטעקדיקער ציטער קרימט פעדענקאָס ליפּן.

— אך, יאָ, מיר... ס'הייסט, איך רוף אים טימקאָ... לייבעלע... מיר ווייסן... — ער גיט זיך א גלייך אויס, גייט צו צו דער מאמען, דערלאנגט איר די האנט און זאָגט מיט פלוצעמדיקער פעסטקייט:

— לאָמיר זיין באקענט: גריגאָרי פעדענקאָ.

די מאמע קוקט אף אים מיט פייכטע, אנציקטע אויגן. זי איז אזוי שיין אין אָט דער רעגע. לייבעלע דערפילט דאָס מיט א מין אומקלאָרער באפרידיקונג. אירע שווארצע, קוטשעראווע האָר האָבן זיך צעשויבערט און פאלן אראָפּ איבער דער טעמקישער שאל, וואָס ליגט אף אירע שטאָלטנע, איצט עטוואָס שטארצנדיקע אקסל, איר מויל איז האלב אָפן. די ליפּן, כאָטש צעטריקנטע, האָבן אין זיך אזויפיל

כּיין און צאַרטקייט, אירע ווײַסע, פּעולדיקע ציין גלאַנצן, שווערע אוידינגלעכ העגגען פון די אויערן-לעפּלעכ.

— זייער אָנגענעמ,— זאָגט זי גריגאָרין,— טײַבל שאַליט... איכ ווייס אײַכ גאָר ניט וויאַזוי צו באדאנקען, וואָס איר האָט מיר געראַטעוועט דאָס קינד... ער איז דאָכ אַ איינ-איינציקער בא מיר. כ'האָב זיכ געפילט אַזוי איינזאמ אָנ אימ, אז כ'האָב די שײַנ פאר זיכ ניט געזען...

— ווער פון אונדז איז ניט געבליבן אליין, ווי א שטיין,— זאָגט פעדענקאָ פארקלערט. זײַנ געזיכט ווערט טרויעריק און טונקל, אזא האָט אימ נאָכ לייבעלע קיינמאָל ניט געזען,— עס ווילט זיכ יעדנ האָבנ עפּעס א נאָענטס... און ווער רעדט נאָכ אָט אזא שעדל...

פעדענקאָ פארהאקט זיכ אפנ האלבנ וואָרט, און לייבעלע דערכילט מיטאמאָל, אז עפּעס קומט דאָ פאָר און טאקע איבער אימ, ער קאָנ זיכ אָבער ניט פאנאנדערקלײַבנ אינ דעמ דאָזיקנ געפיל.

— איז וואָס זשע שטייענ מיר אינמיטנ הויף? מע קאָנ זיכ צוזעצנ אינ שאָטנ, אָט דאָ, אינ שטרוי,— זאָגט פעדענקאָ.

מע זעצט זיכ אוועק אינ שטרוי. פעדענקאָ גייט באלד אוועק אינ קלוניע נעמענ דאָס קעסעלע, קעדיי ברענגענ אינ דעמ זופּ. ער גייט מיט רויִקע, געמאָסטענע טריט איבערנ הויף. ער איז ברייט אינ די אקסל, געזונט, דער קאָפּ זיצט פעסט אפנ ברוינעמ האלדז. די מאמע קוקט אימ נאָכ פארקלערט, דערנאָכ קערט זי פאמעלעכנ אָפּ דעמ בליק פונ אימ און נעמט זאָרגעוודיק פאריכטנ לייבעלענ די פּילאָטקע אפנ קאָפּ, בייגט זיכ אָנ און טוט אימ א קוש אינ שטערנ.

— ער איז מינאסטאמ א גוטער, פעדענקאָ,— זאָגט זי שטיל,— ער האָט דיכ קיינמאָל ניט געקריוודעט?

— ניינ...

— ער האָט דיכ געראטעוועט... נאָר עפּשער, ווענ ער נעמט דיכ ניט צו, וואָלט איכ דיכ דאנ געפונענ. כ'האָב דיכ דעמלט פארנאכט לאנג געזוכט...

— כ'בינ געלעגנ לעבנ א טויטנ אלטנ, אינ רוי... פעדענקאָ האָט מיכ גענומענ פאר א האנט און אוועקגעפירט, דערנאָכ זײַנען מיר לאנג געגאנגענ, און מע האָט אפּ אונדז געשאָסנ... דערנאָכ בינ איכ מיד געוואָרנ, האָט ער מיכ גענומענ אפּ די הענט...

פעדענקאָ קערט זיכ אומ פונ צווייטנ הויף. די מאמע פירט אריבער דעמ בליק פונ לייבעלען אפּ גריגאָרינ. אפּ אירע שווארצע וויִעס הענגט א טרער, דערפונ זעט אויס איר בליק באזונדערס הארציק און טרײַ. ער זעט, לייבעלע, אז די מאמע האָט זיכ עפּעס געענד.רט פאר די וואָכנ, וואָס ער איז מיט איר געוועזנ צעשיידט, עפּעס איז

איר געזיכט פארמאטערט אונ טרויעריק, ווי די פיל נעכט אונ טעג, וועלכע זי האָט פארבראכט אָנ אים, זאָלנ האָבנ אוועקגעלייגט א שטעמפל אפ איר, עפּעס פרעמדס אפ איר געלאָזנ. דאָס אלצ טוט ווי א לייכטער שאָטנ א גיי איבער לייבעלעס געמיט אונ גיט אים ערגעצ טיפ א קארטשעפּע.

פעדענקאָ שטעלט פּאָרזיכטיק אוועק דאָס קעסעלע אפ דער ערד, שלעפּט ארויס א לעפל פונ קעשענע אונ גיט אים דער מאמענ. יענע וויל, אז פעדענקאָ אונ לייבעלע זאָלנ אויכ עסנ, נאָר ביידע זאָגנ זיכ אָפּ. זי עסט פּאמעלעכ, שעפּט האלבע לעפל, הייבט אלעמאָל אופ די אויגנ אונ טוט פונ דער זייט שמעוודיק אונ פארטרוילעכ־ווארעמ א קוק אפ פעדענקאָ, נאָר זי פירט זיי באלד אריבער אפ לייבעלענ. זי איז הונגעריק, מינוטנווייז פארגעסט זי זיכ אונ עסט זשעדנע, נאָר זי צוימט זיכ באלד. לייבעלענ איז א ראכמאָנעס אפ איר.

ווענ זי שטילט דעמ ערשטנ הונגער, נעמט זי ווידער באשטיינ אפ דעמ, אז לייבעלע זאָל מיט איר עסנ, אונ אויכ פעדענקאָ, אויב ער מיִעסט זיכ ניט, קאָנ ער עסנ מיט איר פונ איינ קעסעלע...

— ניינ, פארשטייט זיכ, אז פעדענקאָ מיִעסט זיכ ניט, ער וויל פּאָשעט ניט עסנ, אָט טימקאָ, ס'הייסט — לייבעלע, — טוט ער זיכ א דערמאָנ, — וואָלט עכשער טאקע באדארפט איבערכאפּנ, דאָס איבערבייסנ איז געוועננ א לייכטס.

— לייבעלע, — גיט די מאמע נאָכגיביק אונ פריינטלעכ־אופגעלייגט א שמייכל, — א פּאָשעטער יִדישער נאָמענ — לייבע...

לייבעלע באשטימט אויכ צוגיינ נאָכ א קעסעלע זופּ. סע קומט אימ. ער וויל דערמיט באווייזנ דער מאמענ, אז ער האָט דאָ אויכ א דייע. נאָר ווענ ער גייט אָפּ א פּאָר שפּאנ, דערפילט ער — ער וועט קיינ זופּ ניט נעמענ. ער וויל פּראָסט אוועקגיינ א ביסל אינ א זייט, קיינער זאָל אימ ניט זענ, אונ א טראכט טאָנ. ער ווייסט ניט, וואָס דאָס איז: עפּעס איז ער אי שטארק צופרידנ, וואָס די מאמע איז געקומענ אהער, אי ער פילט א פארלעגנהייט פונ דעמ. אונ אזוי־ווי פעדענקאָ זיצט לעבנ דער מאמענ, וויל לייבעלע אומיסטנ, אז יענער זאָל א ביסל פארבלייבנ מיט איר. זאָל עס אויסקומענ, אז זי איז געקומענ ניט נאָר צו אימ — צו לייבעלענ, וואָס איז נאָכ אזא קלייניקער, אז עס קומט צו אימ א מאמע, נאָר אויכ צו גריגאָרינ.

לייבעלע גייט פארביי דעמ וואכמאנ בא סאוטשענקאָס גאנעקל אונווארט, אז יענער זאָל עפּעס פרעגנ וועגנ דער מאמענ. ניינ, ער קוקט ניט אפ לייבעלענ. ווייט לעבנ האָריזאָנט, דאָרט, ווו דער פראָנט איז, דרייענ זיכ אעראָפּלאנענ, ס'גייט א לופט־שלאכט. דאָס האָט צו־

געצויגנ דעם וואכמאנס אופמערקזאמקייַט. בלויז ווענ לייבעלע גייט פארבייַ זארעמבאנ, וועלכער רוקט א שייַט האָלצ אינעם שמאָלנ טירל פונ דער פעלד-קיכ, קערעוועט יענער אויס זייַנ ברייט, רויט פּאָנעם, טוט ניט קיינ שפּייַ, נאָר עפּעס אזא בלאָז אפ די הענט אונ זאָגט:

— איז צו דיר געקומענ די מאמע?.. א גאנצ יונגע מאמע בא דיר, אָהאָ! — מיט די קליינע קייַלעכדיקע אויגנ, רויטע פונ רויכ, טוט ער אומבאשטימט א קוק אהינ, ווו פעדענקאָ זיצט מיט דער מאמענ, זאָגט מער גאָרניט אונ נעמט ווייַטער רוקנ דעם קלאָצ אינ שמאָלנ אייוועלע.

לייבעלע פארקלייַבט זיכ אפ יענער זייַט קלוניע. פונדאנענ קאָנ ער זענ די קאָפּיצע, ווו די מאמע זיצט מיט פעדענקאָ. זיכ אליינ זאָגט לייבעלע, אז ער איז אהער געקומענ אינ גאָרטנ, קעדיי פונ אנ אנדער זייַט אונ נעענטער באקוקנ דעם בושל, וואָס שטייט אפ דער קלוניע. נאָר די דאָזיקע זאכ פארנעמט אימ איצט ווייניק. ער טראכט וועגנ דער מאמענ. ער איז צופרידנ, וואָס ער האָט זי געלאָזט מיט פעדענקאָ. זאָלנ זיי ריידנ, גייענ ערגעצ, אימ איז גענוג, וואָס ער קאָנ זי זענ, די מאמע, וויסנ, אז זי איז דאָ, אז זי האָט זיכ געפונענ...

סע ווערט אימ מייַכלדיק גוט אפנ הארצ, ס'ווילט זיכ אימ אָפּזוכנ מאקסימקענ אונ א בארימ טאָנ זיכ פאר אימ, אז — אהא! ער האָט אויכ א מאמע. מאקסימקע איז דער באלעבאָסטעס יינגל. ער איז אינ לייבעלעס יאָרנ. די לייַנענע האָר הענגענ אימ אריבער די אויערנ. וויִעס זייַנענ בא אימ ווייַסע, אונ ווייַל די אויגנ זייַנענ וואסערדיקע, דוכט זיכ, אז ער איז א בלינדלעכער. געכאווערט האָבנ זיי זיכ ניט. איצט וויל אָבער לייבעלע זיכ פאר אימ א בארימ טאָנ. לייבעלע גייט איבערנ הויפ צו מאקסימקעס שטוב. מאקסימקע איז ניטאָ אינ דער היימ. לייבעלע טוט זיכ א דריי אונטער די פענצטער, געפינט א שטעקל אונ נעמט פאָכענ מיט דעם, ווי מיט א שווערד, איבער די שטענגלעכ פונ דער קראָפּעווע, וואָס וואקסט דאָרט. די קראָפּעווע לייגט זיכ מיט א שורשענדיקנ קרעכצ אונטער זייַנע קלעפּ, דאָס שטעקל איז אינגאנצנ גרינ פונעמ זאפט.

איצט קערט זיכ לייבעלע אומ צו דער מאמענ מיט פעדענקאָ. זע, פעדענקאָ דערציילט איר גאָר די געשיכטע, וואָס ער, לייבעלע, האָט זי שוינ וויפל מאָל געהערט, אז ער האָט געהאט א ווייַב אונ א יינגעלע טימקאָ, אז א דייַטשישע באָמבע האָט זיי דערהארגעט, אז דאָס דאָרפ זייַנס איז ביכלאל פארנומענ דורכנ דייַטש אונ אז דאָס אלצ ווייסט ער פונ א שאָכנ, וואָס איז אוועק פונ דאָרטנ אינ

אַרמײ האָרט פֿאַר דעמ, ווי די דײַטשנ זײַנענ אַרײַנ. לײבעלע זעט, אַז דאָ וועט ער קײנ נײַס ניט הערנ אונ גײט ווידער אַוועק.

גאַווריליוק גרײט זיך פֿאָרנ פּאָיענ די פֿערד. ער האָט אַרויסגע־פֿירט אַפֿ אַ צוימ אײנמיטנ הויפֿ די טראָגעדיקע שקאַפּע אונ דעמ גניאַדנ „דאָנטשאַק". לײבעלע לויפֿט צו צו גאַווריליוקנ, סאַוטשענקאָס אָנטרײַבער. שטענדיק אַ שווײַגנדיקער אונ אַנ ערנסט פֿאַרכמורעטער, טוט ער בלויז אַ שאָקל מיטנ קאָפּ צו לײבעלענ, דאָס באַטײַט, אַז ער וועט אימ גערנ מיטנעמענ. ער טוט אַ ווײַז מיט די אויגנ אַפֿ דער שקאַפּע — מע מעג זיך אַפֿ איר זעצנ. לײבעלע נעמט זיך קאַ־ראַבקעשנ אַפּ דער שקאַפּעס רוקנ, ער כאַפּט זיך אָנ מיט די הענט פֿאַר איר גריווע, שפּאַרט זיך אָנ מיט אַ קני אינ איר וואַרעמענ בויך, ניט אײנמיטנ, ווו דאָס לאָשעקל איז, נאָר נעענטער צו דער לאָפּעט־קע פֿונעמ פֿאָדערשטנ פֿוס, אונ אָט זיצט ער שוינ רײַטנדיק. ער הערט ווי פֿעדענקאָ זאָגט הויך: „וואָס? ער וועט אַראָפּפֿאַלנ? ס'אַ שעדל!.. זאָל ער זיך לערנענ". — אונ אַנ איבערפֿולטער מיט שטאָלצ, רײַט ער אַוועק נאָכ גאַווריליוקנ צומ טײַך.

אינ אַ שאָ אַרומ, ווענ לײבעלע קערט זיך אומ צוריק פֿונ טײַך, זיצנ די מאַמע אונ פֿעדענקאָ אַפּ דעמ טרוקענעמ קלאָצ, וואָס ליגט אינ שאָטנ לעבנ דער קלוניע. בײַ פֿעדענקאָ אַפֿ די קני ליגט די קאָנצערטינע, וועלכע ער האָט געהאַט געפֿונענ אינ אַ דײַטשישנ בלינ־דאַזש. לײבעלע האָט שטאַרק ליב צו הערנ, ווי פֿעדענקאָ שפּילט. ער טוט מיט פֿאַרדראָס אַ טראַכט, אַז עפּשער האָט שוינ פֿעדענקאָ אָפּגעשפּילט.

אינ פֿולנ גאַנג אַראָפּ פֿונ פֿערד, איז לײבעלע צוגעלאָפֿנ צו גריגאָרי אונ דער מאַמענ אַ פֿאַרסאָפּעטער, אַנ אויפֿגערוימטער אונ אַ פֿאַרנומענער בלויז מיטנ פֿאַרלאַנג, גריגאָרי זאָל שפּילנ. ער איז פֿאַר־גאַנגענ פֿונ דער אַנדערער זײַט קלאָצ, הינטער דער מאַמעס אונ פֿעדענקאָס פּלײצעס, אַוועקגעלײגט אײנ האַנט צו איר אַפּנ אַקסל, די צווײטע — צו גריגאָרי אַפּנ אַקסל, אונ אַ גליקלעכער זיך אָנגע־שפּאַרט אַפּ זײ. ערשט איצט איז צו זײַנע אויערנ דערגאַנגענ, וועגנ וואָס די מאַמע רעדט. זי האָט טרויעריק דערצײלט וועגנ טאַטנ. פֿע־דענקאָ האָט אַ שטאַרק ערנסטער זיך צוגעהערט. לײבעלע האָט שוואַכ געדענקט דעמ טאַטנ. אַ יונגנ אונ געזונטנ האָט ער אימ געזענ, נאָר ווי דורכ אַ נעפּל. בעסער האָט ער אימ געדענקט אַ שלאָפֿנ, אַ געלנ. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנענ, נאָכ וואָס די מאַמע דאַרפֿ עס ביכלאַל דערצײלנ, אונ דערצו נאָכ איצט, ווענ פֿעדענקאָ האַלט אַפֿ די קני די קאָנצערטינע אונ וואָלט אַוואַדע געשפּילט, ווענ די מאַמע טוט אימ אַ בעט...

ער וואָלט איצט ווידער ערגעץ אוועק. א גאנצן טאָג הײַנט קאָן ער עפּעס ניט אײַנזיצן אפֿ איין אָרט. ווו ער גייט, ווו ער שטייט, וואָלט ער יעדן איינעם, אפילע א שטיינדל, דעם מיט מאָך פאר־וואקסענעם פּלויט, די ביימלעך אָנגעזאָגט וועגן זײַן פרייד: די מאמע איז געקומען. נאָר לעבן דער מאמען קאָן ער לאנג ניט אײַנזיצן. גאווריליוק שפּאנט די פערד אפֿ פֿאָרן אין וואלד ארײַן נאָך היי — לייבעלע לאָזט זיך אוועק מיט אים.

צוריק פון וואלד קערט מען זיך אום, ווען עס טונקלט שוין, דורכזיכטיק און בלוי איז די אָנקומענדיקע נאכט. מע פֿאָרט פארבײַ דעם מעדסאנבאט, וואָס שטייט באַם ראנד וואלד — גרויסע, גרינע פּאלאטקעס מיט צעלולאָזענע פענצטערלעך. דעם מעדסאנבאט גייט לייבעלע אלע מאָל ארום וואָס ווײַטער — מע פירט אהער פארווונדעטע, פארבלוטיקטע. לייבעלע קערט האסטיק אָפּ דעם קאָפּ און נעמט מיט א שווער געפיל קוקן אפֿ דער ברייטער, גראָזיקער לאָנקע, וואָס ווערט שוין פארצויגן מיט א פארנאכטיקן ווײַסלעכן נעפּל. ער פרווט זיך מיט אלע קויכעס אָפּטרײַבן די געדאנקען וועגן דעם אלטן, צו וועלכן ער האָט זיך געטוליעט אין דרוי, וועגן די פיל אנדערע טויטע, וועלכע ער האָט געזען אפֿ די פעלדער, וועגן דער טונקעלער קלוניע, ווו ער שלאָפט מיט פעדענקאָ, און וועגן די בערד, וואָס הענגען דאָרט אראָפּ פון די באַנטענעס. מיטאמאָל גיט זײַן הארץ א טיאָכקע — אין בלאסן נעפּל פון דער לאָנקע, גאנץ נאָענט לעבן אים, גייען וואזשנע ארום אין גראָז צוויי בושלען. לייבעלע רוקט זיך צו נעענטער צו גאווריליוקן און זיצט א פארשטילטער.

פלוצעם טוט ער זיך א כאפּ און פארבײַסט אזש א ליפּ: ווארט, ווארט, ווי וועט הײַנט זײַן מיטן שלאָפן. אין דער היים פלעגט ער, זינט ער געדענקט זיך, שלאָפן מיט דער מאמען, און דאָ שלאָפט ער מיט פעדענקאָ. איצט ווייסט ער ניט, — ער וואָלט זיך הײַנט גערן געלייגט מיט דער מאמען, ער האָט זיך שוין אזוי פארבענקט נאָך איר, אָבער ער שעמט זיך. מע וועט נאָך אין פאָלק לאכן פון אים. איז לייגן זיך מיט פעדענקאָ? נאָר ווו זשע וועט דאן די מאמע שלאָפן? עפּעס שטעלט ער זיך ניט פאָר, וויאזוי ער וועט שלאָפן אָן דער מאמען, וויסנדיק, אז זי איז דאָ. און אויב די מאמע וועט ערגעץ אוועקגיין? נאָר וווהין?

מע פאָרט ארײַן אין דאָרף. גאווריליוק פארקערעוועט צו דער שטאל, ווו די פערד שטייען. לייבעלע שפּרינגט אראָפּ פון וואָגן און לאָזט זיך צו דער קלוניע, ווו פעדענקאָ איז פריער געזעסן מיט דער מאמען. נאָר קיינער איז בא דער קלוניע ניטאָ. ער זוכט איבערן גאנצן הויף, צווישן די ביימער פון סאָד, ניטאָ ניט פעדענקאָ, ניט די

מאמע. לייבעלע האלט זיך נאָך אָפּ פון אַרייַנגייַן אין קלוניע גופע, ער וועט נאָך א זוך טאָן. ער פּרוּווט פרעגן דעם וואכמאַן, וואָס בא כאוטשעניקאָס טיר. נאָר יענער האָט דאָ ניט לאַנג זיך געהאַט גע־ביטן און האָט קיינעם ניט געזען. לייבעלע נעמט זיך אָן מיט מוט און גייט אַרייַן אין קלוניע. זייַן האַרץ קלאַפּט שטאַרק. עס שטיקט אים א געוויין. ער זאָגט זיך אליין, אז ער וויינט ניט, נאָר טרערן קייַקלען זיך איבער זייַן נאָז און איבער די באַקן. ער טאַפּט מיט די הענט אין דער פינצטער אַף דעם אָרט אין שטרוי, ווו ער און פעדענקאָ שלאָפן שוין עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד. נאָר דאָ איז פּוסט, און בא א זייַט, לעבן די וועגענער, איז אויך פּוסט. דער פּעלץ, מיט וועלכן זיי דעקן זיך איין, איז ניטאָ.

ער גייט אַוועק אַרויס אין דרויסן, בלייַבט שטיין און טוט מיט א שווער געפיל א קוק אַפן דאַך. דער בושל קלאַפּט דאָרט אין דער פינצטער מיט די פליגל, ער טוט עטלעכע מאָל א טרוקענעם קליאַמצע מיטן שנאָבל, ווי ער זאָל בייז לאַכן פון לייבעלען. פון שטוב גייט אַרויס מאַקסימקע אין איינע אונטער-הייזלעך, ער קלייַבט זיך שוין אוואדע שלאָפן. לייבעלע וויל ניט, יענער זאָל אים זען. ער דערפילט זיך אזוי איינזאַם, אזוי איינזאַם. עפּשער האָט אים די מאַמע ווידער פאַרלאָזן? נאָר ער גלייבט ניט. דאָס קאָן ניט זייַן. ער וואַרט צו, ביז מאַקסימקע גייט אַרייַן צוריק אין הויז, און דאַן לאָזט ער זיך צו דער קלענערער שטאַל, וואָס נעענטער צום סאָד. ער האָט זיך דערמאָנט, לייבעלע, אז מ׳האָט הייַנט אינדערפרי געבראַכט אהין צו פירן פריש היי און פעדענקאָ האָט געזאָגט, אז ס׳וועט דאָרט זייַן גוט צו שלאָפן. איז עפּשער שלאָפט ער טאַקע דאָרט? ער וועט בא פעדענקאָ פרעגן, ווו די מאַמע איז. ניט אַנדערש, ווי זיי זייַנען אים ביידע אוועק זוכן.

ער גייט צו צו דער שטאַל, צעעפנט פּאַמעלעך די צעטריקנטע טיר און דערהערט א רעגלמעסיק אָטעמען. די לעוואָנע גייט פּונקט אַרויס פון הינטער א לייַכטן וואָלקן, זי באַלייַכט דעם הויף. א סטעזשקעלע שייַן פאַלט דורך דער צעעפנטער טיר אויך אין שטאַל אַרייַן. לייבעלע זעט זייַן אייגענעם שאָטן אַפן היי. ער גייט צו אהין, פונוואַנען עס הערט זיך דאָס רויִקע אָטעמען. פּלוצעם טוט ער שיר ניט קיין געשריי, צוערשט פאַר פאַרוווּנדערונג און דערנאָך פאַר גרויס פרייד, וואָס באַהערשט אים איינגאַנצן. אַפן היי שלאָפן די מאַמע און פעדענקאָ, אָפּגערוקט א פּאָר טריט איינער פון צווייטן. די מאַמע איז צוגעדעקט מיט פעדענקאָס פּעלץ. צוקאָפּנס בא איר ליגט די טערקישע שאַל. זי האָט ביידע האַלב-הוילע הענט פאַר־וואָרפן אַף אַרוף. אירע האָר האָבן זיך צעשאָטן און פאַרשטעלט איינ

זײַט שטערן, דאָס לינקע אויג און די באק. פעדענקאָ האָט זײַן צע-
פאטלטן קאָפּ אוועקגעלייגט אפ דער צונויפגעדרייטער גימנאסטיאָרקע,
ער שלאָפט בלויז אין איין העמד. זײַן געזונטע מוסקולדיקע ברוסט,
א פארוואקסענע מיט טונקעלע האָר, הייבט זיך און לאָזט זיך אראָפּ,
דאָס מויל איז עטוואָס אָפן. לייבעלע איז געשטאנען א גליקלעכער.
זײַן גאנצע שרעק איז פארשוואונדן. ער האָט נאָר געטראכט א רגע,
לעבן וועמען זיך לייגן. נאָר באלד פעסט באשלאָסן זיך לייגן לעבן
פעדענקאָ. פונקט ווי פעדענקאָ, האָט ער אָפּגעשפּיליעט דעם פארא-
בעלום און אים פארוקט אינעם היי צוקאָפּנס. דערנאָך האָט ער פון
זיך אראָפּגעשלעפּט די גימנאסטיאָרקע, צונויפגעלייגט זי און אײַנגע-
מאָסטעט אפ איר דעם קאָפּ. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און
געקוקט אפ דער לעוואָנעדיקער ווײַט, וואָס האָט שטיל געפלייצט אין
שטאל אריין דורך דער אָפענער טיר. רויק, קינדערש-פארטרוילעך,
גליקלעך און דורך גאָרנישט ניט פארוואָלקנט זײַנען זײַנע געדאנקען
אין אָט דער שאָ. ער ווערט אנשלאָפן, און ס'קומען אים צו כאָ-
לעם אי דער בושל, פאר וועלכן ער האָט שוין מער ניט מוירע,
אי דער טויטער אלטער, וואָס שרעקט אים שוין ניט, ווײַל פעדענ-
קאָ האָט מיט סאוועטשענקאָס שווערד אים אָפּגעשניטן די באָרד, אי
סאוועטשענקאָ, וואָס זיצט א פארשטויבטער אפ זײַן פערד, אי טימקאָ,
וואָס איז זייער א וויל יינגל, לאכלוטן ניט ענלעך אפ מאקסימקען.

אזוי שלאָפט ער אין א פרעמדער שטאל, אפ שטעכיקן היי,
לעבן פעדענקאָ און לעבן דער מאמען. די ווענטלעך פון דער שטאל
ציטערן פון דער ווײַטער ארטילעריע-שיסערײַ. די ערד, א גרויסע
און א שווײַגנדיקע, הוידעט זיך, נאָר לייבעלע פילט עס ניט, ווי א
קינד פילט ניט די וויג, אין וועלכער עס ווערט אנשלאָפן...

מײַ — אָקטיאבער, 1943.

עסטערס ליבע

פֿאַוועל גאָלובקאָוו איז געזעסן לעבן זײַן פֿאַנצער-מאַשין און זיך צוגעקוקט א ווײַס צעלולאָידן קעלנערל צו דער גימנאַסטיאָרקע. עסטערקע איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם הויף און האָט זיך צעלאַכט. דער עלטערער סערזשאַנט האָט אויסגעזען קאָמיש. זיצנדיק אַזוי מיט דער נאָדל אין האַנט, פֿאַרלייגט א פֿוס אויף א פֿוס, אויפֿן קופּקעלע שטרוי, וואָס ער האָט זיך אונטערגעבעט, עטוואָס אָנגעבויגן פֿאָרויס, מיט דער פּילאָטקע באַשעפֿטיקט אָנגערוקט אויפֿן שטערן, איז ער ענלעך געווען צו א טערק.

עסטערקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט געמאַכטער באַדויערונג א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אײַ, אײַ, אײַ, כאַווער עלטערער סערזשאַנט, וואָס פֿאַטערט איר די גימנאַסטיאָרקע? איר האָט דאָך קרום צוגענייט...

— פֿאַרוואָס קרום? — האָט גאָלובקאָוו זיך א כאַפּ געטאָן, נאָר ער האָט באַלד פֿאַרשטאַנען דעם שפּאַס און אויסגעשטרעקט די גימנאַסטיאָרקע עסטערקען, — אויב אַזוי, איז זעצט זיך, ביטע, אַנידער, בירגערן, און באַווײַזט, וויאַזוי מע דאַרף צונייען...

זי איז צוגעגאַנגען און זיך אוועקגעזעצט לעבן אים. אַזוי-אָ, גאָרנישט טראַכטנדיק דערבײַ. ס'איז געווען א שיינער, זוניקער טאָג. דער הויף, ווו די פֿאַנצער-מאַשין איז געשטאַנען, איז געווען ארומגערינגלט מיט א געדיכטן גאָרטן, דאָרט האָבן זונרויזן צעלאָזט זייערע העלע קעפּ קעגן דער זון און שטיל זיך געהוידעט פֿונעם לײַכטן ווינט, צווישן געדיכטע בלעטער האָבן זיך צעעפֿנט אָראַנזשע קאַבאַקקווייטן, ווי בעכערס, רויטער מאָן האָט געבליט לעבן שטיינערנעם פּלויט, בינען האָבן געזשומעט, געטראָגן זיך אינדערלופֿטן מיט א דינעם געזאַנג. די גאַנצע ערד, דער סטעפּישער ברייטער ארום האָט עפּעס אַזוי הייס געאָטעמט. עסטערקען האָט אין דער דאָזיקער רעגע מאָדנע זיס א קלעם געטאָן אין האַרצן. זי האָט גענומען די גימנאַסטיאָרקע אין די הענט, באַטראַכט דאָס קעלנערל און מיטאַמאָל רויט געוואָרן — ס'איז געווען גוט צוגענייט, זי האָט דאָ ניט געהאַט, וואָס צו פֿאַריכטן. זי האָט האַסטיק אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געוואָלט

רויִק, ווי זי קען דאָס, א קוק טאָן אַף פּאוועלן, נאָר באקומען האָט זיך גאָר עפּעס אנדערש — זי האָט נאָענט לעבן זיך דערזען זײַנע אויגן, — וואָס פאַרא הייסע און שיינע זיי זײַנען, — זײַנע געדיכטע ברעמען, די גלײַכע נאָז מיטן קוים־מערקבאַרן הויקערל, — אזא איידל־קײַט, צארטקײַט איז געווען אין זײַן פּנים. צום ערשטן מאָל האָט זי עס אזוי גוט באמערקט.

זי האָט געזאָגט שטיל, פֿלײַסנדיק זיך אויסבאהאלטן איר אויפֿגערעגטקײַט:

— ווייסט איר, גאָלובקאָוו, זאָל שוין הײַנטיקס מאָל פארבלײַבן אזוי, אָבער א צווייט מאָל זאָלט איר קומען גלײַך צו מיר...

זי האָט באקוקט זײַן גימנאסטיאָרקע פֿון אלע זײַטן. זי האָט פאר אים דאָך געוואָלט עפּעס טאָן — עפּשער צונייען א קנעפּל, פאַריכטן א נאָט. מיטאמאָל האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן:

— אוי, וואָס איז דאָס?

אונטערן ארבל, בא דער פּאכווע, איז געווען א לעכעלע, וואָס איז איר שוין אזוי גוט באקאנט. אזא לעכעלע האָט געקאָנט מאכן נאָר א קויל. זי האָט פרעגעוודיק און מיט אומרו א קוק געטאָן אַף פּאוועלן. ער האָט אָנגעכמורעט די ברעמען, א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און א טאַפּ געטאָן דאָס העמד בא זיך אונטער דער פּאכווע — דאָרט איז אויך געווען א לעכעלע.

— איר האָט גאָרנישט געוווּסט? — האָט עסטערקע געפרעגט.

— ניין, ס'איז, ווײַזט אויס, פֿון הײַנט אינדערפרי...

— איר זײַט דען שוין הײַנט געווען אין שלאכט?

— קימאט... כ'בין געפאָרן אין אויסשפּיר צו דער ווינטמיל... מע האָט דאָרט א ביסל געשאָסן...

עסטערקע האָט פארביסן א ליפּ. זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין פּאוועלן. אזא רויִקײַט פארמאָגט ער אין זיך. אז ער איז א דרייסטער אויסשפּירער, האָט זי געוווּסט. אינעם דאָזיקן מיליטער־טייל זײַנען דרייסטע שלאכטלײַט פאראן א סאך. זײַן רויִקײַט האָט זי גערירט. עס האָט זיך איר איצט מיטאמאָל פארוואָלט, ער זאָל דערציילן עפּעס העלדישעס וועגן זיך, נאָר גלײַכצײַטיק האָט זי אויך דערפילט אן אומרו פאר אים. זי האָט דאָך נאָך ניט פארגעסן, אז פּאוועל האָט זיך דאָ ניט לאנג שוין געהיילט אין סאנבאט, ווו עסטערקע ארבעט.

זי האָט זיך אהער אין דאָרף עוואקוירט פֿון ראיאָן־צענטער, א שטעטל, וואָס איז פארנומען דורכן דײַטש און וועט אוודאי גיך באַפרײַט ווערן. זי האָט אין יענעם שטעטל געארבעט אלס מעדשוועסטער אין שפּיטאָל, איז זי דערווײַל פרײַוויליק אוועק ארבעטן אין סאנבאט. פּאוועלן האָט מען א טאָג צען צוריק לײַכט פארוואונדעט א

שפּליטער אין האַלדז, און ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וועמען עסטערקע האָט דאָ געגעבן הילף. דערפאַר האָט זי אים פאַר־געדענקט. ער האָט זיך בעשומויפן ניט געוואָלט לייגן אין סטאַציאָ־נאַר. גראָד זי האָט אים אויך שפּעטער א פּאָר מאָל איבערגעבונדן. זי איז אין סאַנבאַט געווען איינע ניט קיין מיליטעריש־געקליידעטע, און דערמיט האָט זי באַזונדערס געפונען כיין בא די לײַכט־פאַרווונ־דעטע און געזונט־ווערנדיקע, וועלכע האָבן אלע מאָל געזען אײַנאָר־דענען אזוי, אז זי זאָל זיי איבערבינדן. א שיין מיידל, האָט עסטער זיך פאַרגינט מיט זיי א ביסל קאָקעטירן, זי האָט געוווסט, אז זיי האָבן האַנאָע דערפון, די דאָזיקע דרייסטע מענטשן, וועלכע האָבן קראַנקער־הייט אויסגעזען אין אירע אויגן ווי מילדע און הילפלאָזע קינדער. דערפאַר האָט זי אויך איצט, האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסנדיק אופגע־הויבן א דינעם, ראָזן פינגער און וואָרענענדיק געזאָגט צו פּאַוועלן, איר געוועזענעם קראַנקן:

— זעט נאָר, איר זאָלט מיר זײַן געהיט... א צווייט מאָל היילן וויל איך אײַך ניט...

פּאַוועל האָט א שמייכל געטאָן, אזוי כיינעוודיק און האַרציק, אין זײַנע אויגן האָט זיך מיטאמאָל באַוויזן א גליקלעך, פאַרשײַט פּײַערל, און עסטערקע האָט דערפילט, וואָס ער וויל זאָגן, דערפילט און אליין רויט געוואָרן דערפון.

— ניין, ניין, — האָט זי געזאָגט, — איר דאַרפט זײַן געזונט... גיט, וועל איך אײַך שוין פאַרנייען דאָס העמדל...

זי האָט אים פאַרנייט דעם אַרבל. ס'איז איר אזוי אָנגענעם גע־ווען זיך צורירן מיט די הענט צו זײַן געזונט־מוסקולדיק לײַב. ווען זי האָט געענדיקט נייען, האָט זי זיך אומיסטנס אָנגעבויגן, מיט די ציין צעפגעביסן דאָס באַוועלע און מיטן פּאָנעם זיך צוגעטוליעט צו זײַן ברוסט. זי האָט גענומען פאַרנייען די גימנאַסטיאָרקע, נאָר דאָ האָט מען פּאַוועלן עקסטרע ארויסגערופן אין שטאַב. ער האָט זיך שנעל געזעגנט מיט עסטערקען מיט א שאָקל פונעם קאָפּ און זיך געיאָגט אין מאַשין.

עסטערקע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אף פּאַוועלן. זי האָט זיך אליין ניט געוואָלט מודע זײַן אין דעם. ס'איז פאַר איר נײַ געווען דאָס דאָזיקע געפיל, זי האָט, דוכט זיך, אלעמען אין טייל דאָ אלציינס ליב געהאַט. זי האָט געקוקט אף די פאַרווונדעטע, וואָס זײַ־נען געלעגן אף די טראָגבעטלעך, און מיטאמאָל זיך געכאַפּט, אז זי טראַכט, וועגן פון זיי איז ענלעך צו פּאַוועלן. „אָט־אָ יענער, וואָס ליגט לעבן דער טיר, ארכיפּאָוו, איז ענלעך צו אים“, — האָט זי אומיסטנס א טראַכט געטאָן און זיך אליין צעלאַכט. ארכיפּאָוו איז געווען א

מאנצבל פונ א יאָר פערציק, זייער א הויכער, א שווארצער, מיט א שפיציקער נאָז. זי האָט געוואָלט פארוואנדלענ אינ א שפאס איר גאנצ ארויסקוקנ אפ פאוועלנ, איר פארטראכטנ זיכ וועגנ אימ.

מיטאמאָל האָט זי דערהערט אפ דער גאס א רויש פונ א פאנצער־מאשינ אונ זיכ געלאָזט לויפנ אינ קאָרידאָרל. ס'האָט זי אפילע אליינ פארדראָכנ אפ זיכ, אונ דאָכ האָט זי געײַלט, קעדיי באווײַזנ צומ מאָמענט, ווענ די מאשינ וועט דורכפאָרנ פארבײַ דער טיר. דאָס איז געווענ טאקע פאוועלס פאנצער־מאשינ. ער האָט אופגעהויבנ דעמ איי־בערשטנ ליוק אונ איז געשטאנענ דאָרט ארויסגערוקט ביז דער ברוסט אינ זײַנ טאנקיסטנ־היטל, א פעסטער, א ברייטפלייציקער. ער האָט דערזענ עסטערקענ אונ א שמייכל געטאָנ צו איר, ער האָט אומיסטנ צוליב איר געעפנט דעמ ליוק. עסטערקע איז צופרידנ געווענ.

זי האָט געזענ, ווי די פאנצער־מאשינ האָט זיכ אָפגעשטעלט אינ־מיטנ יִשעוו. פאוועל איז אראָפגעקראָכנ פונ איר אונ עפעס באוויזנ א הײַפל קאָמאנדירנ, וואָס האָבנ אימ ארומגערינגלט. דאָס האָט ער מיסטאמע געבראכט עפעס א טראָפיי. עסטערקע איז אהינ ניט גע־גאנגענ קוקנ: זי האָט געוואָלט, אז אויב ס'איז דאָרט עפעס אינטערע־סאנטס, זאָל גאָלובקאָוו אליינ קומענ אונ איר דערציילנ וועגנ דעמ. זי איז זיכער געווענ, אז ס'וועט אזוי זײַנ.

אינ אָוונט איז גאָלובקאָוו געקומענ. ער האָט זיכ ארומגעדרייט א פאָר מאָל פארבײַ דער שול־געבײַדע, ווו דער סאנבאט האָט זיכ גע־פונענ, עסטערקע האָט פונקט געהאט פארענדיקט די ארבעט, זי האָט אימ דערזענ, נאָר זיכ ניט וויסנדיק געמאכט. באשלאָסנ, זעט אויס, אז עסטער איז דאָ ניטאָ, איז פאוועל אריבער אפ דער צווייטער זײַט גאס, א ביסל העכער אונ עטלעכע מאָל דורכגעשפאצירט פארבײַ דעמ הויז מיט צוויי שלאנקע טאָפאָלס באמ שײַער. דאָרט האָט זי געווינט בא א ווײַטער קרויווע. עסטער האָט צוגעקוקט דאָס אלצ דורכנ ברייטנ שול־פענצטער, אונ צופרידנ איז זי געווענ ניט אזוי פונ דעמ, וואָס פאוועל איז טאקע געקומענ, נאָר וואָס ער האָט זיכ שוינ דערקונדיקט אפילע, ווו זי וווינט. זי האָט אימ ניט געוואָלט לאנג מאטערנ, האָט זי זיכ אריבערגעבויגנ דורכנ אָפענעמ פענצטער אונ הויכ א רופ געטאָנ א סאניטאר, וואָס איז פונקט פארבײַגעגאנגענ. פאוועל האָט דער־הערט איר שטימ אונ איז צוגעגאנגענ. ער האָט זי געפרעגט, צי זי האָט שוינ געזענ א דײַטשישנ „אײַזערנעמ קרייצ”. ער האָט הײַנט אראָפגענומענ דעמ דאָזיקנ קרייצ פונ א געהארגעטנ אָפיצער. עס־טערקע האָט באטראכט דעמ קרייצ פונ אלע זײַטנ. דערנאָכ איז זי ארויסגעגאנגענ אינ דרויסנ, קעדיי א ביסל שטיינ מיט פאוועלנ לעבנ שטיינערנעמ פלויט. די נאכט איז געווענ אזא טיפע, אויסגעשטערנטע,

און עסטערן האָט זיך ניט געוואָלט זײַן אַליין. נאָר זי האָט דאָס פּאַוועלן מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן. פּאַשעט ער האָט זי אַ רוף געטאָן, איז זי אַרויס. אַף דער זײַט גאַס איז געפאַלן דער שטויב פון די אויטאָס און פורלעך, וואָס האָבן צוגעפירט קריגס-מאַטעריאַלן צו די פאָדערשטע ליניעס. זײַנען פּאַוועל און עסטערקע אַריבער אַף דער צווייטער זײַט, זיי זײַנען אַרײַן אין ווײַנשל-סעדל, וואָס האָט צו דער גאַס קיין פּלויט ניט געהאַט. מע האָט גערעדט פון פאַרשיידענע זאַכן. עפּעס האָבן זיך אַליין געפונען רייד. זי האָט אים דערציילט, וויאַזוי זי איז אַוועקגעפאָרן פון שפּיטאָל האַרט פאַר דעם, ווי די דײַטשן זײַנען אַרײַן, ווי זי האָט אָפּגעפירט צו אַ שכיינע די לעצטע קראַנקע, אַן אַלטע באַבעצי, קיין איין שלאָפן האָט מען אין שפּיטאָל ניט איבערגעלאָזן. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אין דער לעצטער שאָ, ס'האָט שוין געטונקלט, האָט עפּעס אַ יונגערער קאָמאַנדיר, אַ סערזשאַנט, דאַכט זיך, זי באַמערקט אַף דער גאַס מיטן קלומעקל און אָפּגעפירט זי אין אַ סעדל, ווו ס'האָט זיך פאַרהאַלטן אַ מאַשין פון פאַרבינדער. עפּשער די לעצטע מאַשין איז דאָס געווען. ווען זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין איר, איז שוין געווען פינצטער, זי האָט אַפילע גוט דאָס פּאָנעם פון יענעם ווילן סערזשאַנט ניט געזען. אַזוי אַז זי וואָלט אים איצט ניט דערקענט. פּאַוועל האָט געשוויגן, ווען זי האָט גענומען דערציילן וועגן סערזשאַנט, ווי ער זאָל זי אייפערן צו יענעם פרעמדן, וואָס זי אַליין ווייסט ניט, ווי ער האָט אויסגעזען. און אייגנטיק ווי ער זאָל אים דאַנקבאַר זײַן. און עסטער האָט, קוקנדיק אין דער פינצטער אַף פּאַוועלן, דערפילט עפּעס אַזאַ צאַרטקײַט, ווי דאָס זאָל ער זי דאַן האָבן אַרויסגעפירט. יענע ניט אַרויסגעבראַכטע דאַנקבאַרקײַט און צאַרטקײַט איז זי איבער עפּעס גרייט געווען איצט אָפּגעבן אים. דערבײַ האָט זי די גאַנצע צײַט געהאַט אַ מאָדנעם פאַרלאַנג — ס'האָט זיך איר געוואָלט אַ קוק טאָן אַף פּאַוועלס האַלדז, דאָרט האָט בײַ אים געדאַרפט זײַן אַ טונקל קיין-פינטל. זי האָט דאָס פאַרגעדענקט פון דעמלט, ווען ער איז געקומען אין פונקט אַ פאַרוווּנדעטער, און זי האָט אים איבערגעבונדן. זי האָט געזאָגט:

— אַנו, באַווײַזט, וויאַזוי האָט זיך בײַ אײַך פאַרהיילט די וווּנד! קיין שראַם איז ניטאָ?

ער האָט גערן צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון דער גימנאַסטיאָרקע און זיך עטוואָס אָנגעבויגן. זי האָט אים אַוועקגעלייגט די הענט אַף די אַקסלען און שטיל געגעבן אַ צי צו זיך. אין דער פינצטער האָט זי ניט אַזוי דערזען, ווי אָנגעשטויסן זיך, ווו דאָס קיין-פינטל איז. זי האָט מיט די ליפּן שיר ניט צוגעטוליעט זיך צו פּאַוועלס האַלדז, נאָר באַלד זיך געגעבן אַ גלײַך אויס, באַגעגנט זיך בלויז אין דער

פינצטער מיט זײַנע אויגנ, וואָס האָבנ, ווי איר האָט געדוכט, א בליצ געטאָנ. זי איז, שווער אָטעמענדיק, אָפּגעטראָטנ א שפּאנ, האָט אראָפּגענומענ די הענט פונ זײַנע אקסל, איז שטיינ געבליבנ לעבנ ווײַנשלבוים אונ געזאָגט מיט געמאכטער רויִקײַט:

— אונ איכ האָב געמיינט, ס'וועט בלײַבנ א גרויסער שראמ... ס'האָט זיכ פארהיילט... א גוטע-נאכט, פאוועל, — אונ זי איז שנעל אוועקגעגאנגענ אינ הויז.

זי האָט א ביסעלע באדויערט, וואָס זי גייט אוועק, אונ איז דאָכ עפּעס צופרידנ געווענ. פאוועל האָט פונ פארלוירנקײַט זיכ געלאָזט גיינ גלײַכ דורכנ סעדל. עסטערקע האָט געוווסט, אז ס'וועט אימ דאָרט אויסקומענ אריבערצוקריכנ איבער א פּלויט. אינ הויפ זײַנענ דאָרט געווענ בייזע הינט אפ קייט, זי האָט געהערט, ווי זיי בילנ, אונ דאָס האָט בא איר ארויסגערופנ א פריילעכנ שמייכל. זי האָט זיכ פאָרגעשטעלט ווי פאוועל, א גרויסער, א ביסל אנ אומגעלומפּערטער, שלאָגט זיכ אָפּ פונ די הינט. מיט א שמייכל אונ מיט א שטיל לידל איז זי ארײַנ אינ צימער אונ זיכ געלייגט אפנ שטרויענעמ מאטראצ אינ ווינקל אפנ ערדענעמ דיל. אונ א גאנצע נאכט, אינ שלאָפ אפילע, האָט זי געהאט א געפיל, ווי זי זאָל זינגענ.

דער מאָרגנדיקער אינדערפרי איז בא איר געווענ דער פריידיקסטער, זינט זי ארבעט אינ סאנבאט. עפּעס באזונדערס ליכטיקס האָט געקוואָלנ אינ איר — פאוועל. אינ איר פאָרשטעלונג איז ער געווענ א פארנאפטיקטער, מיט טונקעלע בענזינ-פלעקנ אפ די קליידער, א שווארצער, א הויכער, א ביסעלע א מעגורשעמדיקער, אזא, ווי זי האָט אימ אלע מאָל געזענ. זי האָט אינ געדאנק זיכ אומיסטנ אימ געמאָלט אינ א גרופּע אנדערע רויטארמייער אונ קאָמאנדירנ, ווי זי זאָל אימ וועלנ פארגלײַכנ מיט זיי. ער האָט זיכ מיט קיינ זאכ ניט אויסגעטיילט, אונ דאָכ האָט זי געצויגנ צו אימ, צו דעמ דאָזיקנ עטוואָסשעמעוודיקנ, פּעסטנ באָכער, אינ וועמענס אָפנהערציקײַט אונ גוטער פּאָשעטקײַט זי האָט ניט געצווייפלט. ער איז איר מאָדנע צומ הארצנ געווענ. זי האָט מער גאָרנישט געוואָלט, ווי נאָר זענ אימ פונ מאָל צו מאָל אונ גאָר.

זי איז געקומענ פרי צו דער דיוויזיע-קיכ, נאָר זי האָט זיכ אומיסטנ פארהאלטנ אונ ניט אָנגעהויבנ עסנ, ביז פאוועל איז ניט געקומענ. זיי זײַנענ דערנאָכ געזעסנ בא א פּראָסטנ ברעטלדיקנ טיש, וואָס איז פארגאָסנ געווענ מיט טיי, געגעסנ א זיסע רײַזענע קאשע, אונ עסטערקע איז אָנ א שיר גוט געווענ פונ דער דאָזיקער נאָענטקײַט. ס'איז גוט געווענ אינעמ קרײַז קאָמאנדירנ, וואָס יעדער פונ זיי איז איר אפ אנ אנדער מינ אויפנ נאָענט, באקאנט, דערפילנ גאָר א בא-

זונדערע נאָענטקײַט צו פּאַוועלן, וויסן, אַז דער צאַרטער גלאַנץ פֿון זײַנע אויגן געהערט איר, אַז די רויטקײַט, וואָס באַווײַזט זיך מיט־אַמאָל אויף זײַן פּראָסט, מוטיק געזיכט, קומט פֿון די געדאַנקען וועגן איר. זי האָט מיט באַדויערונג זיך פֿאַרטראַכט, פֿאַרוואָס זי האָט פֿריִער, פֿאַר דער מילכאָמע, ניט באַגעגנט דעם דאָזיקן ווילן באָכער, ווען ס'האָט אים קיין שום געפֿאַר ניט געדראָט. ווי זאָרגלאָז, נאָר עפּעס אויך ליידיק האָט איצט אויסגעזען יענץ לעבן איירס. און איצט — אָט וועט זי דערגיין מיט דעם מיליטער־טייל ביז איר שטעטל און זי וועט דאָרט פֿאַרבלײַבן. עס שווינדלען אַפֿילע דורך בײַ איר אין קאָפּ אויך אַנדערע געדאַנקען, זי וואָלט געקאָנט פֿאַרבלײַבן אין טייל. נײַן און נאָך מער נײַן טאַקע דערפֿאַר, וואָס דער דאָזיקער געדאַנק איז איר געקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט אירע געפֿילן צו פּאַוועלן. אײַנ־צײַטיק איז איר אָבער עפּעס באַזונדערס טײַער יעדע מינוט, וואָס זיי זײַנען צוזאַמען. זי האָט שטיל זיך צוגערירט צו זײַן האַנט, וואָס איז געלעגן אויף דער באַנק — אַזאַ גרויסע, אָדערדיקע האַנט, און געפֿילט אָן אַ שיר גליק דערפֿון. פּאַוועל איז געזעסן אַ שטילער, מיט אָנ־געשטרענגט־צעעפֿנטע אויגן, און זי האָט באַמערקט אין זיי אַ טיפֿע בענקעניש. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז מיט ברייטע, פֿעסטע טריט אַוועק צו זײַן פּאַנצער־אויטאָמאָביל, וואָס איז געשטאַ־נען פֿאַרמאַסקירט אין שאָטן פֿון אַ צעוואַקסענעם אַקאַציע־קוסט אויף יענער זײַט גאַס.

דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער, און אַ שלאַכט איז אין דעם דאָזיקן טאָג געווען נאָך אַ הייסערע. די ווײַט האָט געפּאַליעט סײַ פֿון דער זון, סײַ פֿון דעם פֿײַער, וואָס האָט פֿון אומעטום זיך געגאָסן, — האַרמאַטן האָבן געקנאַלט, מינעס האָבן מיט אַ וויִען זיך געריסן, קוילנוואַרפֿערס האָבן געשטעפּט. קאָפּיצעס טווע האָבן גע־ברענט אין פֿעלד. ס'האָבן זיך געזען ווײַסע צינגער און קנוילן רויך איבער די דעכער אין גרינע סעדער פֿון אַ ווײַט כוטערל. די ווינטמיל אין עק דאָרף, וואָס האָט ערשט נעכטן געהאַט אַלע פֿיר פֿליגל און אַ דעכל איבער זיך, איז איצט געשטאַנען אָן אַ דאַך און בלויז מיט צוויי פֿליגל — דאָס איבעריקע האָט אָפּגעריסן אַ סנאַריאַד. עראָפּלאַנען האָבן זיך געדרייט אין דער הייך, געבליאַסקעט ווי זיל־בער אינעם גרויען באַטאָגיקן הימל, און דאָס אויג האָט ניט געקאָנט אונטערשיידן, צי זײַנען דאָס אונדזערע צי פֿײַנטלעכע. מענטשן פֿאַר־שטויבטע, פֿאַרברוינטע, מיט פּנימער גרויע, ווי די ערד, האָבן זיך באַוויזן אין יישעוו און געײַלט ערגעץ אין אַ צווייטער זײַט, ווו די שלאַכט האָט זיך צעפֿלאַקערט מיט אַ באַזונדער קראַפֿט. מע האָט דורכגעפֿירט געפֿאַנגענע, מיט הענט פֿאַרלייגטע אויף אַהינטער, פֿאַר־

שוואַרצטע, אָפּגעריסענע, מיט שווערע, צעשנורעוועטע שיכ. עס זײַנען געגאַנגען פאַרווונדעטע, מיט פרישע מאַרליע-באַנדאַזשן אפ די הענט, אפ די פיס, אפ די קעפּ, אָנשפּאַרנדיק זיכ איינער אפן צווייטן; אַנדערע, שווער־פאַרווונדעטע, האָט מען געפירט אפ פורלעכ, אפ אווטאָ-מאַשינעס. עסטערקע איז אויכ אַרויסגעפאָרן עטלעכע מאָל אפ אַן אווטאָ-מאַשינ נאָכ פאַרווונדעטע, איבערגעבונדן זיי דאָס צעשעדיקטע לײַב, געמאַכט אײַנשפּריצונגען.

אינ אָט דעם קאָכיקן שטורעם פונ שלאַכט האָט עסטערקע עפּעס מיטאַמאָל פאַרגעסן וועגן פּאַוועלן. אַזויפיל מענטשן ליגן איצט הילפלאָזע און לײַדנדיקע, און זי דאַרף לינדערן זייער ווייטעק. און כאָטש זי האָט זיי ניט געקענט, קיינמאָל ניט באַגעגנט אַפילע, זײַנען זיי איר איצט אַזוי טײַער, אַז זי וואָלט איר בלוט פאַר זיי ניט געזשאַלעוועט. און פּלוצעם, אינ ברען פונ דער אַרבעט, גיט איר אומרויִק אַ נאָג דאָס האַרצ: „און פּאַוועל? ווו איז ער איצט?"

צו פאַרנאַכט האָט די שלאַכט זיכ געשטילט. דער סוינע איז אָפּגעטראָטן פונעם כוטערל, אָפּגעטראָטן אויכ פונ אַ צווייטן, אַ ווײַטערן דאָרף. די רויטאַרמייִשע טיילן זײַנען אַוועק פאָרויס. אינ דער צופאַלנדיקער נאַכט האָט אינעם כוטערל זיכ אַריבערגעצויגן דער צווייטער עשעלאָן. אַריבערגעפאָרן איז אַהינ אויכ דער סאַנבאַט. און מיט אים — עסטערקע.

דאָס כוטערל איז געווען אַ קליינס; אַ צוויי צענדליק הײַזער, אַרומגערינגלטע מיט שטיינערנע פּלויטן, זײַנען געווען אויכגעשטעלט אינ איינ גאַס, קימאַט אינ יעדן הויפ זײַנען פאַר די פענצטער געוואַקסן הויכע אַקאַציעס. דאָס איז, קענטיק, אַמאָל געווען אַ שיינער כוטער, אַ שטילער, אַ געמיטלעכער, נאָר איצט האָט ער געהאַט אַ שוידערלעכן אויסזען. די הײַזער זײַנען געווען פאַרייכערט, גרוי, מיט סימאָנים פונ שפּליטערס אפ די ווענט, די פענצטער — אויסגעהאַקט, די טירן — אַרויסגעריסן, די דעכער — צעלעכערט, די פּלויטן — צעשטערט. וווּ-ניט-וווּ האָבן זיכ נאָכ גערייכערט די קראָקוועס פונ אַן אָפּגעברענטן דאַכ, אַן אַקאַציע איז געלעגן אַן איבערגעבראָכענע מיט די צווײַגן צו דער גאַס, ווי אַ בליצ זאָל זי האָבן געטראָפן. אפ דער גאַס האָבן זיכ געוואַלגערט געהאַרגעטע פערד, אַ הונט איז אינ אַ טונקעלער ריקע געלעגן מיט אויסגעצויגענע, פאַרשטיינערטע לאַפּעס. די אײַנוווינער פונעם דאָרף זײַנען געשטאַנען באַ די פּלויטן פאַרטשמעלעטע און דערשראָקענע פונעם איבערגעלעבטן. נאָר צו ביסלעכ האָבן זיי אָנגעהויבן קומען צו זיכ. אָט שטייט שוין עפּעס אַן אַלטיטשקער, אָנגעשפּאַרט אפ זײַן שטעקן, און באַווײַזט מיט אַ דאַרן פינגער, ווו די דײַטשן זײַנען געווען, ווו זיי האָבן מענטשן געמאָרדעוועט און

וווהין זיי זײַנען אנטלאָפן. עפּעס א יונגע פרוי האָט ארויסגעשלעפּט אן עמער וואסער, אוועקגעשטעלט זיך מיט אים באַם טויער פון איר הויף און גיט טרינקען די רויטארמייער, — זי וואָלט זיי מיט עפּעס בעסערס אופגענומען, האָט זי אָבער ניט; זיי האָבן אלץ אויסגעריי־ניקט, די דײַטשן, די לעצטע קו פונעם שטאל ארויסגעפירט.

עסטערקע איז געגאנגען איבער דער גאס אין א געהויבענער שטימונג. זי האָט דערשטיקט אין זיך דעם ווייטאָק און שוידער פון דעם, וואָס זי האָט דאָ געטראָפן אין כוטערל. דאָס כוטערל איז פרײַ — איז, הייסט עס, אלץ קעדײַ געווען און גאָרנישט קאָן איצט ניט באנק טאָן... זי האָט זיך שטארק דערפרייט, ווען זי האָט דערזען אין א הויף, הינטער א סטויג שטרוי פּאוועלס פאנצער-מאשין. זי האָט זיך געלאָזט צום שטיבל און איז שטיין געבליבן א פארגליווערטע באַם שוועל: מיט ביידע הענט אָנגעשפּארט אין ווענטל פון א בענקל, ברייט צעשטעלט די פיס, דעם קאָפּ ארויסגערוקט פאָרויס, איז פּאוועל דאָרט געשטאנען און פארוואַלט א קינד, וואָס איז אין אייך העמדעלע גע־זעסן אפן טיש. דאָס קינד האָט מיט גרויסע, גלאנצנדיקע אייגעלעך, וואָס זײַנען נאָך פול מיט טרערן, געקוקט אפ פּאוועלן. דאָס קליינע, ראָזע מײַלכל איז געווען צעעפנט אין א שמייכל, און ווײַסע ציינד־לעך האָבן זיך דאָרט געזען. די בעקלעך זײַנען בא דעם צעפלאמט. דאָס ערשטע געפיל, וואָס האָט עסטערקען ארומגעכאפּט, איז געווען — אנציקונג פון דעם דאָזיקן מילדן בילד און א גרויסע צארטקײַט צו פּאוועלן. נאָר ווי זי איז אזוי געשטאנען באַם שוועל, האָט זי מיט־אמאָל א ברי געטאָן אייפערזוכט — זי האָט זיך גאָר די גאנצע צײַט ניט פארטראכט אפ דעם, אז עפּשער האָט פּאוועל ערגעץ א פאמי־ליע, א פרוי מיט א קינד. זי האָט האסטיק א טראָט געטאָן צו אים, נאָר באלד זיך געצוימט, שטיין געבליבן בא דער זײַט און מיט א ביטערן, צוריקגעהאלטענעם שמייכל געזאָגט:

— איר האָט זיך פארבענקט, פּאוועל, נאָך די אײַעריקע, הא? ס'קער ערגעץ זיצן אָט אזוינס־אָ און פרעגן די מאמע: „ווו איז דער פּאפּא?"

פּאוועל האָט זיך אויסגעגלײַכט, טרויעריקלעך און הארציק זיך צעשמייכלט, א גלעט געטאָן איבערן קעפּל דאָס קינד, וואָס האָט מיט א פארגליווערט זוג אנציקט-נײַגעריק פּענעמל זיך אָנגעשטעלט אפ דער ארײַנגעקומענער עסטער, און מיט א באדויערונג אין שטים געזאָגט:

— ניין, שטעלט זיך פאָר, עסטער, אז קיינער פרעגט אפ מיר ניט. ניט אזא-אָ קוטשעראווינקס און ניט קיין אנדערס, און קיין ווײַב האָב איך ניט, אזוי אז קיינער ווארט אפ מיר ניט און בענקט ניט...

נאָר ווי גוט וואָלט געווען, ווען ס'וואָלט געווען אַזוי, ווען ס'זאָל ערגעץ טאַקע זיַין אַ פרוי, אַזאַ נאָענטע און גוטע, ווי איך שטעל זיך פאָר, זי זאָל אַרויסקוקן אויף מיַינעם אַ בריוו, ס'זאָל ערגעץ טאַקע זיַין אַ קוויטשערל, אָט אַזוינס־אָ, אַ שרעטעלע אַזאַ מינס, זאָל זיַין אַפילו, ס'וואָלט מיך ניט געדענקט, נאָר ס'זאָל דערנאָך אונטערוואַקסן און פרעגן: „ווו איז מיַין טאַטע?" אָדער אַפילו: „ווער איז מיַין טאַטע?".. ס'קען דאָך אַזוינס אויך געשען מיט אונדז, וואָלט כאָטש עפעס געבליבן... יאָ... דאָס וואָלט גוט געווען...

ער האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און מיטאַמאָל אַ שטעק געטאָן דעם קינד אַ פינגער צום נעזל, אַ גרויסן, שוואַרצן פינגער, אַ דורכגעוויקטן מיט נאַפט. דאָס קינד האָט זיך צעשמייכלט, באַוויַיזנדיק די ציינדלעך, אַ כאַפּ געטאָן זיך מיט די פּוכקע הענטלעך פאַר דעם דאָזיקן פינגער און אים גענומען ציִען. אויף פּאַוועלס פּנים איז דער שמייכל נאָך צאַרטער געוואָרן, און עסטערקע האָט דערפילט, ווי איר האַרץ קלאַפּט שטאַרק און עס ציט זי צו דעם דאָזיקן „טיַיערן וועדגעלעץ", ווי זי האָט אים בײַ זיך גערופן. שטייענדיק אַזוי אין דער טונקלקיַיט פונעם צימער, האָט עסטער זיך פאַרטראַכט וועגן פּאַוועלן, ווי ער איז שטיל און אומבאַמערקט אַריַינגעוואַקסן אין איר האַרצן, אַז זי קאָן שוין אָן אים ניט זיַין. זי וועט בלײַבן בײַ זיך אין שטעטל — זי קלערט ניט אַנדערש. אָבער זי פילט, אַז זי וועט פּאַוועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ערגעץ טיף אין איר איז אויפגעקומען עפּעס אַ נײַס, אַ צאַרטס און ווייטעקדיק־גוטס, אַ ליכטיקס אַזוינס. זי האָט זיך נאָך קלאָר ניט פאַרגעשטעלט וואָס.

אין צימערל איז אַריַינגעלאָפן אַ פּויערטע מיט אַ שאַלעכל אויף די אַקסל.

— אַ דאַנק איַיך, גוטע מענטשן, — האָט זי אַ פאַרפלײַטע געזאָגט, — וואָס איר האָט מיר דאָס קינד פאַרוויַילט. אַן עלטער יינגעלע איז בײַ מיר דאָ, איז ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שיסעריַי, האָט עס זיך דערשראָקן און אַוועק פון אָקאָפּ צום פעטער גריצקאָ. איצט זיצט עס דאָרט און וויל אַהיים ניט גיין. ס'זיַינען דאָרט דאָ מיליטערישע, איז אים אינטערעסאַנט. מיילע, אַבי ער איז דאָ. — זי איז צו צום קינד, פאַריכט דעם דאָס שלייקעלע אויפן אַקסל, — זיצט, מענטשן ליבע, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— אַ דאַנק, מיר גייען שוין... — פּאַוועל האָט אַ נעם געטאָן מיט זיַין גרויסער האַנט דעם קינדס הענטל, אַ צאַרטן טרייסל געטאָן עס און אַ שמייכלענדיקער זיך געלאָזט צו דער טיר.

אין דער טונקלקיַיט פון דער צוגעפאַלענער נאַכט האָט אין כוטער זיך איַינגעאָרדנט דער צווייטער עשעלאָן. שאָפערן האָבן מאַס־

קירט די מאשינעס, געשלעפּט צווײַגנ איבער דער גאס. ס'איז דורכגעגאנגענ די וואכ. בא א כאטע איז פארגליווערט געשטאנענ א וואכמאנ — דאָ איז געווענ דער שטאב. ערגעצ האָט א הארמאָשקע געשפּילט — האָבנ פּאווועל אונ עסטערקע זיכ אָפּגעשטעלט אונ פונוויַיטנס זיכ אײַנגעהערט. צוגייענ אהינ האָט זיכ ניט געוואָלט, אהער, אפ דער גאס, האָבנ די קלאנגענ זיכ דערטראָגנ מעלאָדישער אונ ווייכער. עסטער האָט גענומענ פּאווועלנ אונטער דער האנט אונ זיכ שטארק צוגעטוליעט צו אים.

לאנג זײַנענ זיי יענעמ אָוונט ארומגעגאנגענ, יעדערער האָט דערציילט וועגנ זײַנ לעבנ, — א קורצס, א יונגס, נאָר אנ אָנגעפּילטס מיט ליכט אונ שאָטנ, מיט פרייד אונ טרויער. זיי האָבנ איינער דעמ אנדערנ פארטרויט יענע באזונדערס אונ טײַערס, וואָס איז אלעמאָל פארבאָרגנ אינ הארצנ אונ ווערט ניט יעדנ דערציילט. זיי זײַנענ געזעסנ אפ די שטיינער באמ ברעג פונעמ היגנ טײַכל, ווו ס'זײַנענ געלעגנ צעבראָכענע מאשינעס אונ שיפלעכ, געקוקט פארקלערט אפ די ראקעטעס, וואָס האָבנ זיכ געצונדנ אינ דער ווײַט. די באלויכטענע ווײַט, ווו סרייפעס האָבנ געפלאקערט, האָט אָנגעזאָגט וועגנ נײַע ביטערע שלאכטנ, נאָר פּאווועל אונ עסטערקע האָבנ איצט פונ קיינ אומרויקײַט ניט געוואָלט טראכטנ, זיי האָבנ, ווי אינ א פלייצנדיקנ יאמ, געפונענ איינס דאָס צווייטע אונ זיכ ניט געוואָלט צעשיידנ, ניט געוואָלט אפילע טראכטנ וועגנ צעשיידונג.

דער סאנבאט האָט זיכ אײַנגעאָרדנט בישכיינעס מיטנ אויסשפּיער-ווזוואָר.ביידע הויפנ זײַנענ געווענ איבערגעצוימט בלויז מיט איינ דרענגל, לעבנ וועלכנ ס'איז געשטאנענ א גרויסער כטויג היי. דאָרט האָבנ זיכ גענומענ אײַנמאָסטענ אפ שלאָפנ די מעדשוועסטער, די פעלדשערס אונ בא א זײַט — די אויסשפּירער. פּאווועל אונ עסטערקע זײַנענ אויכ צוגעקומענ אונ גענומענ זוכנ ערטער אפ זיכ לייגנ אָפּרוענ. פּאווועל האָט געבראכט זײַנ פלאשטש-פּאלאטקע אונ אויסגעבעט זי אפנ היי. זיי האָבנ זיכ ביידע געלייגט אפ איר — עסטערקע אפ איינ ברעג, אונ ער אפנ צווייטנ.

פּאווועל האָט אוועקגעלייגט איינ האנט צוקאָפּנס, די צווייטע — אפ דער ברוסט, אונ עסטערקע האָט ניט געוווסט, צי וויל ער אזוי אײַנשלאָפנ, צי ער טראכט. איר איז גוט געווענ פונ דעמ, וואָס זיי זײַנענ אזוי נאָענט.

ארומ דעמ סטויג האָט מענ גענומענ אײַנשלאָפנ. ס'האָט זיכ דערהערט עמעצנס א כראָפּענ, א רעגלמעסיק אָטעמענ. מיטאמאָל האָבנ פונעמ שווארצנ הימל א פאל געטאָנ עטלעכע שווערע טראָפּנס רעגנ. ס'איז געוואָרנ א גערודער. ווער ס'האָט זיכ אופגעכא ט אונ איז אוועק

אין שטיבל, ווער ס'האָט אריבערגעצויגן די פלאשטש-פאלאטקע איבערן קאָפּ און זיך טיפער אײַנגעגראָבן אין היי. אנדערע האָבן זיך געלאָזט צו דער שטאל, וואָס איז געשטאנען דערבײַ. אהין זײַנען אויך אריבער פאוועל און עסטערקע און זיך אײַנגעאָרדנט אין א ווינקל, אפן שטרוי. איצט זײַנען זיי געווען אין דעם דאָזיקן ווינקל אליין, געלעגן א ביסעלע דערווײַטערט איינס פונעם צווייטן, נאָר אינגיכן האָט עסטערקע דערהערט, ווי מײַז רויען זיך בא דער וואנט, צוקאָפּנס, האָט זי זיך צוגערוקט צו פאוועלן. ער האָט זי ארומגענומען, און זי האָט דערפילט זײַן הייסן אָטעם אפן געזיכט, אפן האלדז. זי האָט זיך אויך א צי געטאָן צו אים. זי האָט ארומגעכאפּט מיט די הענט זײַן קאָפּ און דאָרשטיק א קוש געטאָן אין באק, אין שטערן, אָפּגעזוכט מיט די ליפּן דאָס אָרט אף זײַן האלדז, ווו זי האָט אים נאָך נעכטן געוואָלט א קוש טאָן. ער האָט איר געגלעט דעם קאָפּ, די אקסל, צארט צוגעטוליעט זיך מיט די ליפּן צו איר פּאָנעם און געקושט, וווהין ער האָט נאָר געטראָפן, — אין די אויגן, אין די ברעמען, אין דער נאָז. זי האָט זיך ניט געוועדט, זי איז א פארשטילטע ליגן געבליבן און זיך אײַנגעהערט. מיטאמאָל האָט פאוועל האסטיק, מאָנענדיק זי א צי געטאָן צו זיך... „הארציקע, טײַערע"... — האָט ער א שעפּטשע געטאָן. אין דעם מאָמענט האָט פאר עסטערקען דורכגעבליצט זײַן פארלאנג, זי האָט מיט א באזונדערער ניכטערקײַט, פעסטקײַט באשלאָסן — „ניין!" מיט א באפוילערישער באוועגונג האָט זי זיך באפרײַט פון פאוועלס אָרעמס. ער האָט זי געפאָלגט אָן איין וואָרט, אָן פאָרוואורף. ער האָט בלויז מיט אזא לײַדנשאפטלעך-הייסן בליק א קוק געטאָן אף איר אין דער פינצטער. זי האָט עס דערפילט און אויך געענטפערט אים ניט א בליק א גרענעצלאָז-צארטן, אין וועלכן זי האָט איר גאנצע ליבע צו אים ארײַנגעלייגט, א הייסע און צאפּלדיקע. זי האָט אים ניט אָפּגעשטויסן, נאָר זי האָט געוואָלט, ער זאָל זי פאָלגן... ער איז ליגן געבליבן א שטילער און איז אזוי־אָ אײַנגעשלאָפן. זי איז אויך אײַנגעשלאָפן.

עסטערקע האָט זיך אופגעכאפּט. ס'איז נאָך געווען נאכט. ס'האָט שטארק געשאָסן ארטילעריע. פאוועל איז ניט געשלאָפן. ער איז געלעגן אָנגעשפּארט אף די עלנבויגנס. זײַן פּאָנעם איז געווען אָנגעשטרענגט, באשעפטיקט. עסטערקע האָט אים ניט געוואָלט באווײַזן, אז זי האָט זיך אופגעכאפּט, נאָר מיט צארטקײַט האָט זי געקוקט אף אים, אײַנהערנדיק זיך אין דער שיסערײַ. די טיר פון שטאל איז אָפן געווען און דורך די טונקעלע אקאציע-ביימלעך, וואָס זײַנען געשטאנען אנטקעגן, האָבן זיך געזען אָפטע אופלויכטן פון אופרײַסן. מיטאמאָל זײַנען עסטערקעס אומגעהײַערע טײַערע געוואָרן די מינוטן,

וואָס זײַנען איר אויסגעפאַלן צו זײַן מיט פּאַוועלן, זי האָט זיך א קער געטאָן צו אים. פּאַוועל, וועלכער האָט, זעט אויס, אויך א קלער געטאָן עפּעס וועגן איר, האָט זיך אויסגעקערעוועט, אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי אַפּ א גלעט טאָן זי, זײַנע ליפּן, דינע, אַזעלכע בוי-לעט-אָנגעצייכנטע, האָבן זיך עטוואָס צונויפגעצויגן, ווי ער זאָל אײַנ-דערלופטן, שטיל אַזוי זי וועלן א קוש טאָן. עסטערקע האָט ניט אויסגעהאַלטן, א כאַפּ געטאָן זײַן האַנט און שטאַרק צוגעדריקט זי צו דער ברוסט, זי האָט אַרומגענומען זײַן האַלדז און מיט א הייסן קוש פעסט צוגעצויגן צו זיך. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. נאָך א רגע, און זי איז א מאַטע, א פאַרשטילטע געלעגן אין פּאַוועלס דאָרשטיקע שטאַרקע אָרעמס.

אינדערפרי האָט עסטערקע זיך אויפגעכאַפּט מיט עפּעס א געפיל פון לויטערקייט און זיסער, לײַכטער מידקייט. די זון האָט געשײַנט דורך די עטלעכע אַרויסגעריסענע שטרוי-בינטלעך פונעם דאַך. קאָסע זײַלן שטראַלן האָבן, ווי גאָלדענע שטראָמען, געפּלייצט אין דער טונקלקייט פון דער שטאַל, באַלויכטן די הילצערנע ווענט, די אויס-געבעטע שטרוי, א צעבראָכענעם שליטן בײַ א זײַט. מיטאַמאָל איז פאַר איר בוילעט אויפגעקומען די פאַרגאַנגענע נאַכט. זי האָט דער-פילט א שטאַרקן אומרו, א פאַרלאָרנקייט און פאַרדראָס. זי האָט זיך געגעבן א זעץ אויף, אין איר האַרץ האָט מיטאַמאָל אויפגעוואַכט אַזאַ וואַרעמע גרייטקייט, א פרייד. נאָר פּאַוועל איז לעבן איר ניט גע-ווען. מיט צוגעזשמורעטע אויגן האָט זי א קוק געטאָן ווײַטער אין שטאַל. קימאַט אַלע, וואָס האָבן דאָ גענעכטיקט, זײַנען שוין אויפ-געשטאַנען. עטלעכע רויטאַרמייער נאָר האָבן זיך געמאָסטעט אין שטרוי, צוגעשטעלט די ביקסן צו דער וואַנט, — דאָס האָט די באַנאַכטיקע וואַך זיך געגרייט אָפּרוען...

עסטער איז האַסטיק אויפגעשטאַנען, עפּעס א געפיל פון פאַר-לוירנקייט און פאַרדראָס האָט זי ווידער אַרומגעכאַפּט. „פּאַוועל איז אַוועק און אַפילע ניט געזאָגט איר...“ עפּעס איז זי געווען פאַרשעמט פון דעם, וואָס זי איז אַליין געבליבן באַם נאַכטלעגער, זי האָט זיך דערפילט ווי פאַרלאָזט. „אַוועק... ער האָט דאָך געקאָנט זאָגן“... — באַלד האָט זי אַליין פאַרשטאַנען, אַז פּאַוועל איז מינאַסטאַם אַוועק אויספילן א שלאַכט-פאַרגעבונג, זי האָט דערפילט א זאָרג פאַר אים. ער האָט אַפילע געקאָנט וויסן נאָך פון נעכטן, אַז ער דאַרף פאָרן, נאָר זי ניט געוואָלט באַאומרויקן. ער איז איר ליב געווען אַפילע אָט אַזאַ, וואָס באַהאַלט אויס פון איר זײַנע געפערלעכע איניאָנים. ניש-קאָשע, זי וועט אים שפּעטער זען, וועט זי אים דערלאַנגען א כיי-לעק. נאָר טראַכטנדיק דאָס אַלץ, האָט זי דאָך זיך ניט דערפילט

בארויִקט, — עפּעס האָט זי געמאטערט א געדאנק, אז דאָס אלצ איז איבעריק דאָ, אינ פײַער, ווו יעדע רעגע מאָנט פונעם מענטשנ גרעסערס, אזוינס, וואָס קאָנ אים פאָדערנ אינגאנצנ...

דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיכ נאָכ מער פארשטארקט אינ איר, ווענ זי האָט באקומענ פאוועלס א בריוועלע אינ א פארנאפּטיקטנ קאָנווערט, וועלכנ ס'האָט איר אָפּגעגעבנ א באָכער אפ א מאָטאָציקל. פאוועל האָט געשריבנ, זי זאָל אים אנטשולדיקנ, וואָס ער האָט זיכ מיט איר ניט געזעגנט, זי איז אזוי געשמאק געשלאָפנ, אז ער האָט זי ניט געוואָלט וועקנ. ער האָט באקומענ א באפעל קומענ צום קאָמאנדיר, געמיינט, אז מע רופט אים ניט אפ לאנג, נאָר איצט ווײַזט זיכ ארויס, אז ער וועט זײַנ פארנומענ א פאָר טעג, ער האָט באקומענ אנ ערנסט שטיקל ארבעט, אונ ער וועט זיכ דאָס פלײַכנ דורכפירנ גוט. איז זאָל זי ניט בענקענ נאָכ אים אונ ניט איבערטראכטנ, ער וועט זיכ אומקערנ צו איר. ער קושט זי, ער וואָלט א קוש געטאָנ דאָס דאָזיקע שטיקל פאפיר, וואָס זי וועט האלטנ אינ די הענט, נאָר ער שעמט זיכ פאר די כעוורע.

מער איז אינ דעם דאָזיקנ בריוול גאָרניִשט ניט געשטאנענ. ווו־הינ ער פאָרט אונ נאָכ וואָס — האָט עסטערקע ניט געוווסט, נאָר פארשטאנענ האָט זי, אז די זאכ איז אנ ערנסטע. כּול מ״ס אומרו איז געוואָרנ איר הארצ. א געפיל פונ פארלוירנקײַט, פונ ניט זיכערער פרייד אונ פונ לײַכטנ פארדראָס האָבנ צום הונדערטסטנ מאָל זי ארומגענומענ, אונ זי האָט ניט געוווסט, וואָס פרעסט זי מער. אָט האָט זיכ איר געדוכט נישטיק אונ איבעריק אלצ, וואָס ס'איז פאָרגעקומענ צווישנ איר אונ פאוועלנ, ס'איז איבעריק איר געפיל צו אים, אונ אָט האָט זי, פארקערט, מיטנ גאנצנ הארצנ געשפירט, ווי הייס זי האָט אים ליב. איינס האָט פארפילט איר הארצ — פאוועל זאָל זיט געשעדיקט זיכ אומקערנ. זי האָט געוווכט, אז ס'איז מילכאָמע, זי איז אליינ גרייט געווענ צו אלצ, אָבער פאוועל, האָט זי געוואָלט, זאָל זיכ אומקערנ גאנצ, זי וואָלט, דוכט זיכ, געגאנגענ מיט אים, קעדיי אים צו באשיצנ. אזוי האָט זי געטראכט אונ אליינ זיכ פאָרגעוואָרפנ — זע, זע, נאָר ליב באקומענ א באָכער אונ וויִאזוי זי צאפּלט זיכ פאר אים. ניינ, טאקע איבעריק אָט דאָס. עס שטייט דאָכ אים נאָכ פאָר א גאנצע מילכאָמע דורכצומאכנ.

ס'זײַנענ אוועק עטלעכע טעג. עסטערקע האָט געלעבט אינ גרויס אָנשטרענגונג, געפילט א גוואלדיקע איינזאמקײַט, נאָר פאר קיינעם דאָס ניט ארויסגעוויזנ. זי האָט זיכ געהאלטנ פעסט.

הײַנט האָט זי געוואשנ גרעט פאר די פארוווּנדעטע. דאָס איז ניט געווענ איר ארבעט. נאָר זי האָט זיכ פאר דעם גענומענ, ווײַל

איר האָט זיך געוואָלט באַשעפּטיקט זײַן באַ אַזאַ זאַך, זי זאָל אומגעשטערט קאָנען טראַכטן. זי האָט געוואַשן אין סאָד, צווישן אַקאַציע-ביימער. דאָס קנאַלן פון דער אַרטילעריע האָט ניט אופגעהערט, ערגעץ זײַנען די האַרמאַטן געשטאַנען דאָ ניט ווײַט. מיטאַמאָל איז אין סאָד אַרויסגעלאָפן די מעדשוועסטער ליזע. זי איז אַ בלאַסע, מיט ברייט-צעעפנטע אויגן, מיט די בלאָנדע צעפּלעך, וואָס זײַנען איר אַראָפּגעפאַלן ביז די אַקסל, געבליבן שטיין פאַר עסטערקען. מיטאַמאָל האָט זי זיך אָפּגעקערט צו אַן אַקאַציע־בוים, און עסטערקע האָט דערזען, ווי אירע פּלייצעס ציטערן.

עסטערקע האָט שנעל אוועקגעלייגט דאָס שטיקל גרעט און איז צוגעלאָפן צו איר:

— וואָס איז, ליזע? — האָט זי געפרעגט, — ס׳איז עפּעס געשען? עמעצער פון די פאַרווונדעטע איז געשטאָרבן?

ליזע האָט האַסטיק זיך אַ קער געטאָן צו עסטערקען, אַ קוק געטאָן אַף איר מיט אויגן, פולע מיט טרערן, גאָרנישט געזאָגט און פּלוצעם אַ לאָז געטאָן זיך פון סאָד אַרויס. זי האָט געמאַכט סאַכאַקל עטלעכע טריט און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד.

— וואָס איז פאָרגעקומען? — האָט עסטערקע איבערגעפרעגט און דערפילט, אַז איר האַרץ קלאַפּט שטאַרק און אומרויִק. און ווײַל זי האָט ניט געוואָלט דערלאָזן דעם שרעקלעכן געדאַנק, וואָס האָט מיט אַ שווערן פאָרגעפיל איר צונויפגעדריקט דאָס האַרץ, האָט זי מיט אַ מאָדנער רויִקײַט און קאַלטקײַט זיך געלאָזט צוריק צום מולטער און זיך גענומען צום גרעט.

ליזע האָט געשוויגן, פון דער זײַט געקוקט אַף עסטערקען מיט טרויער און מיטגעפיל. עסטערקע האָט עס מער ניט געקאָנט אויסהאלטן, זי האָט אַ טראָט געטאָן צו איר:

— וואָס איז געשען, ליזע? זאָג... מוטשע ניט...

— פּאַוועל... — האָט ליזע אַ שעפּטשע געטאָן און זיך צעוויינט, — פּאַוועל איז...

ווי עסטערקע איז געשטאַנען מיטן אויסגעדרייטן שטיקל גרעט אין האַנט, אַזוי איז זי שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטע. בלויז אַ שרעקלעכע בלאַסקײַט, אַפילע אַ בלאָקײַט האָט פּאַמעלעך גענומען גיין איבער אירע הענט און מיטאַמאָל זיך צעגאָסן איבערן פּאָנעם. זי האָט לאַנגזאַם זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד. ליזע האָט זי אַרומגעכאַפּט, גענומען זי טרייסטן, ריידן צו איר, גערופן זי: „עסטער, עסטערקע״ — נאָר זי איז געווען ווי אַ טויבע, — גאָרנישט איז צו איר באַוווסטזײַן ניט דערגאַנגען. פּלוצעם האָט זי זיך אופגעהויבן פון דער ערד, זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס:

— ווּ איז ער, ווּ?! — האָט זי א געשריי געטאָן, — עס קאָן ניט זייַן! ווּ איז ער?!

— נאָך דאָרטן... אין פעלד... מע האָט אים נאָך ניט געבראַכט... זייַן פאַנצער-מאַשין האָט אָנגעטראָפן אף א דייַטשישן דזאָט, בא אים זייַנען אויסגעגאַנגען אַלע סנאַריאַדן, האָט ער געעפנט דעם ליוק און פאַרוואָרפן זיי מיט גראַנאַטעס... ער האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון אויסשפּירונג... איצט ליגט ער לעבן יענעם דזאָט, פאַר וועלכן מע שלאָגט זיך נאָך...

— ניין, איך וועל גיין אַהין! — האָט עסטערקע פעסט געזאָגט, — איך וועל צופויזען צו אים, א טויטן צי א לעבעדיקן...

ליזע האָט זי אַרומגעכאַפּט אַרום האַלדז, געפּלייַעט זיך אוועקזעצן זי אפן גראָז, נאָר עסטערקע האָט זיך א ריס געטאָן פון איר:

— איך האָב אים ליב געהאַט! — האָט זי א זאָג געטאָן מיט א מוירעדיק טיפן ווייטעק.

— כ׳ווייס...

— ניין, דו ווייסט ניט... דו ווייסט עס ניט!.. — זי האָט זיך געלאָזט לויפן צום שליאַך.

זי האָט געמיטן די אַרטילעריע-פּאָזיציעס, איבער איר קאָפּ האָבן געפּייַפט סנאַריאַדן, זי איז פאַרבייַגעגאַנגען די מינענוואַרפער-באַטאַרייעס, ניט ווייַט פון איר, אין יונגן קאָרן, האָבן זיך געריסן דייַטשישע מינעס, שוואַרצע זייַלן ערד האָבן זיך געהויבן אַרום איר, נאָר זי האָט אף דעם קיין אַכט ניט געלייגט, זי איז געגאַנגען ווי אין היגערפלעט. „א קוויטשערל, האָט ער געוואָלט, זאָל ערגעץ וועגן אים געדענקען, כרעגן: „ווּ איז דער טאַטע?” א באַשעפעניש׳ל מיט לאָקן, מיט אייגעלעך, מיט פּוכקע הענטלעך... א קינד האָט ער געוואָלט... און איצט”... — זי האָט געייַלט, זי האָט קיין וועג ניט געזוכט, געגאַנגען גלייַך איבערן פעלד. פּאַוועל האָט געהערט איר, איינגאַנצן איר, מע האָט אים בא איר ניט געטאָרט צונעמען. ווּ ער זאָל ניט זייַן, וועט זי זיך צו אים דערקלייַבן, זי דאַרף אים שווערן עפּעס, זי דאַרף אים עפּעס צוזאָגן אף שטענדיק!

ווען זי איז געקומען אין פּאָלק, זייַנען די דייַטשישע דזאָטן שוין געווען פאַרנומען. אף ניט קיין גרויסן פּלאַץ אינעם אָפּגעקעמפטן דערפל האָט מען געבראַכט צו קוורע די געפאַלענע. פּאַוועל איז געלעגן אף זייַן פאַנצער-מאַשין אויסגעצויגן, איין האַנט אוועקגעלייגט צוקאָפּנס, מיט א שטרענגן אויסדרוק אפן געזיכט און מיט עטוואָס אָפענע אויגן — עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער קוקט זיך שטאַרק איין אין פאַרנאַכטיקן הימל. א שוואַרצע פּאַסמע צונויפגעקלעפּטע האָר איז אים אַראָפּגעפאַלן אפן שטערן ביז די ברעמען און א

ריטשקעלע פארטריקנט בלוט האָט פארביי דעם אויג זיך געצויגן איבער דער באַק.

עסטערקע איז געשטאַנען אַנטקעגן אים א פארגליווערטע. עפּעס אַזוי ווייט האָט איר אויסגעזען דער טאָג, ווען זי האָט זיך מיט אים צעשיידט, ווי זי וואָלט שוין א לעבן האָבן אָפּגעלעבט, און אַזוי טייער איז איר פּאוועל געווען, ווי זי וואָלט אים שוין יאָרן געקענט, ווי זי וואָלט אַלע אירע יאָרן זיין מיט אים.

מע האָט געהאַלטן קורצע אופגערעגטע רעדעס באַם אָפענעם קיי-ווער, מע האָט איינציקווייז אַראָפּגעלאָזט אהין די געפאַלענע. און ווען מע האָט פּאָרזיכטיק אַראָפּגענומען פון פּאַנצער-מאַשין פּאוועלן, האָט עסטערקע האַסטיק זיך א וואָרף געטאָן צו א׳מ און א קוש גע-טאָן אין קאַלטן שטערן.

און איצט, ווען לאָפּעטעס ערד זיינען מיט א פאַרטויבטן אָפּ-הילך געפאַלן אין גרוב, האָט זי געקוקט אהין מיט טרוקענע ניט פינטלענדיקע אויגן. אין האַרצ און אין קאָפּ איז געווען מאָדנע פּוסט. ס׳איז דאָרט נאָר געבליבן שטעקן א פראַזע פון זיין לעצטן בריוול: „ער וואָלט א קוש געטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל פּאַפּיר, נאָר ער שעמט זיך פאַר די כעוורע״. אָט די פראַזע האָט זיך געבאָמבלט אין קאָפּ, ניט איבערלאָזנדיק קיין אָרט פאַר קיינע אַנדערע געדאַנקען. און פּלוצעם האָט דערלאַנגט ווי א שטאָך אין קאָפּ: „דאָס איז דאָך פּא-וועל, איר פּאוועל. דאָס באַגראָבט מען דאָך אים״.

מע האָט שוין פאַרשאָטן דעם לעצטן געפאַלענעם, און עסטער איז אַוועק צוריק, פּונקט אַזוי, ניט הערנדיק און ניט זעענדיק קיין זאַך אַרום זיך, ווי פריער, ווען זי איז געלאָפן אהער. איצט איז שוין אָבער איר פּנים ניט געווען אַזוי פאַרגליווערט. ערגעץ טיף אין האַרצן, נאָך קימאַט ניט באַוויזיקט, האָט געלויכטן א שטילע האָ-פענונג: אַך, ווען זי זאָל האָבן א קינד, ווי שווער עס זאָל איר ניט זיין, ווי איינזאַם זי זאָל זיך ניט פילן, וועט פּאוועל, איר פּאוועל, דאָך זיין מיט איר.

הודימענקאָ

עזראָ מאלאכאָוו, דער קאָמאנדיר פון פּאָלק, גייט צופוס אין פארבינדונג-פונקט, וואָס אין צווייטן עק פון באפרייטן דאָרף, אין הודימענקאָס כאטע. זי איז — איינע פון די געציילטע אין דאָרף — גאנצ געבליבן. ווען מע האָט אים וועגן דעם דערציילט, האָט מאלאכאָוו ניט רעכט פארשטאנען, ווי דאָס איז געשען. אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, נאָר איינער פון דעם פּאָדפּאָלקאָווניק מאלאכאָווס בעסטע סאָלדאטן, דער וועטעראן פון פּאָלק דעניס הודימענקאָ, איז געקומען צו זיך אין דאָרף, געפינט זיך אין זיין אייגענער כאטע, און מע דארף אים גיין באגריסן מיט דעם.

עזראָ מאלאכאָוו גייט אָנגעכמורעט. זיין אָרדינארעצ טשירקאָוו גייט א שפאן דרייסיק הינטער אים און פירט פארן צוים זיין פערד. טשירקאָוו ווייסט, אז ווען מאלאכאָוו איז אין אזא צושטאנד, דארף מען אים בעסער ניט טשעפּען. דער קאָמאנדיר פון פּאָלק גייט אין דער בורקע. ס'וואָלט אוואדע בעסער געווען, ווען ער טוט זי אויס, ווען ער ווארפט זי ארוף דעם פערד אפן רוקן. נאָך א קורצן רעגן, וואָס איז ערשט דורכגעגאנגען, איז איצט פארנע, די זון לייכט ארויס דורכ דאמפּיקע וואָלקנס. די בורקע איז איצט ניט נייטיק. ער האָט זי פראָסט פארגעסן אָפּגעבן, דער פּאָדפּאָלקאָווניק. גייט ער אָט אזוי, שווער טרעטנדיק מיט די כראָמעווע שטיוול איבערן ווייכן, פייכטלעכן זאמד, אונטערהאלטנדיק מיט ביידע הענט די פּאָלעס פון דער בורקע. טשירקאָוו האלט איין דאָס פערד, וואָס ציט זיך צום באלעבאָס. ער גלעט דעם די הייסע מאָרדע, ווייל עס הייבט דעם קאָפּ, בלאָזט אומגעדולדיק פאנאנדער די נאָזלעכער, און דער אָרדינארעצ פילט, אז עס וועט זיך באלד צעהירזשען... און איצט דארף זיין שטיל.

מע האָט ערשט פארבייגעפירט אפ א פור דעם אויסשפירער פון פּאָלק — יעפים קאפּיטאָ. ס'האָט אים פארוואונדעט ארום צווייטן דאָרף, אפ וועלכן דער פּאָלק וועט דארפן אָנגרייפן צו אָוונט-צו. מאלאכאָוו איז אראָפּ פון פערד און גערעדט מיט אים א פּאָר ווערטער. קאפּיטאָ איז שווער פארוואונדעט אין ביידע פיס. נאָר ריידנדיק מיטן קאָמאנדיר, האָט ער זיך געשטארקט, געזען באהאלטן זיינע ליידן. אלע מאָל, ווען דער ווייטעק האָט אים באזונדערס שארפ א שניט געטאָן, ווען א קרעכצ האָט זיך שיר ניט ארויסגעריסן פון צווישן זיי־

נע צונויפגעפרעסטע ציין, איז ער אנשוויגנ געוואָרן, געוואָרפנ אנ אומרויקנ קוק אפנ פּאָדפּאָלקאָווניק אונ מיטנ זעלבנ בליק ווי ארײַנ-געקוקט אינ זיכ, ווו דער ווייטעק האָט אזוי געבושעוועט...

— נו, פירט אים, — האָט מאלאכאָוו געזאָגט צום אָנטרייַבער, אונ צו יעפּימ קאפּיטאָ: — זע זשע, קאפּיטאָ, זאָלסט מיר צופוס קומענ אינ פּאָלק ארײַנ, אויסהיילנ זיכ אונ צופוס קומענ צוריק...

יעגער האָט אָפּגעשאצט דעמ ווונטש, א שמייכל געטאָנ דאנק-באר אונ צארט. מיטאמאָל אָבער איז זײַנ פּאָנעמ ערנסט געוואָרנ, טונקל אזוי אונ שטרענג. ער האָט פונ אונטער דער פלאשטש-פאלאט-קע, מיט וועלכער ער איז געווענ צוגעדעקט, ארויסגעצויגנ א האנט, וואָס האָט אויסגעזענ נאָכ בלאסער דערפאר, וואָס זי איז געווענ פארשמירט אינ ליימ. דער ארבל, ביזנ אקסל, איז אויכ געווענ אינ ליימ, — זעט אויס, קאפּיטאָ האָט לאנג געפּויזעט. מאלאכאָוו האָט פאַ-מעלעכ א דריק געטאָנ די האנט. אינ דער רעגע איז ביידנ קלאָר געוואָרנ, אז מע געזעגנט זיכ אפ שטענדיק.

נאָכ דעמ טאקע האָט זיכ שוינ דער קאָמאנדיר אפנ פערד ניט געזעצט אונ זיכ געלאָזט צו הודימענקאָ צופוס.

די גאס, מיט וועלכער מאלאכאָוו גייט, איז דורכויס אינ רויִנעג, איינ קופּע אש נאָכ דער צווייטער. נאָר זײַנ אויג, שוינ א געוווינטס צו דעמ אלעמענ, גליטשט זיכ מידלעכ אונ אפילע ווי גלײַכגילטיק איבער די אלע סטארטשענדיקע ווענטלעכ פונ אײַזערנע בעטנ, צע-בויגענע, בלעכענע מולטערס, ארומגעברענטע אקערס — אלצ, וואָס איז בײַגעשטאנענ דעמ פײַער. דאָ אונ דאָרט דרייענ זיכ פארלוירנ אומ אפ די פּוסטקעס פונ זייערע הויפנ די אײַנוווינער. פויערטעס גראָבנ זיכ אינ אש, שארנ פונ דאָרט ארויס הויפנס פארברענטע ווייצ; איי-נע שטעלט אופּ א בײַדל פונ דרענגלעכ אונ בלעכ לעבנ א גאנצ געבליבענעמ קוימענ, קינדער העלפנ איר, עפּעס אנ אלטער פּרווט א קאָסע, וואָס איז אוואדע געלעגנ ערגעצ פארבאהאלטנ, אונ דאָס פײַער האָט צו איר ניט דערלאנגט, ער רירט זיכ פּאָרזיכטיק צו מיט א פינגער צו דער שארפ פונ שטאָל, דערנאָכ פארמעסט ער זיכ אפ א ביסל גראָז, וואָס האָט זיכ פארהיט לעבנ א שטיינערנעמ פּלויט; א הונגעריקע ציג גייט אימ נאָכ, גרייט דאָס אָפּגעשניטענע גראָז אונעכנ. די זונ איז ארויס פונ צווישנ די וואָלקנס. א ליכטיקער בונט שטראלנ האָט באגאָסנ די גאס, באלויכטנ א האלב-פארברענטע קלוניע אינ אנ אויסגעטראָטענעמ גאָרטנ, ווו אינ סאמע מיטנ שטייענ ניט גערירט עטלעכע קארטאָפל-קוסטעס; זיי האָבנ שוינ אפילע אָנגעהויבנ בליִענ, איצט הייבנ זיי פּאמעלעכ די צפּגעשוואכטע בלעטער, צעע-פענענ ניט זיכער די ראָזע אונ ווײַסע בלימעלעכ: עפשער טאקע

פּרוּווּנ וואקסנ, עפּשער שענקענ נאָכ דער וועלט א זאק קארטאָפּל.

מאלאכאָוו צופּט די שפּיצנ פונ זײַנע טונקעלע וואָנצעס. ער קוקט, דוכט זיכ, ניט אינ די זײַטנ. ער קוקט זיכ אפּ קיינ זאכ ניט אומ. ער טרעט עפּעס אזוי ווי אי בייזלעכ, אי געהיט מיט זײַנע געפּוצטע שטיוול איבערנ טיפנ זאמד, נאָר אינ זײַנ נעשאָמע, ערגעצ אומקלאָר אונ טיפ, גייענ דורכ געדאנקענ אי וועגנ אָט די קארטאָפּלקוסטעס, אי וועגנ דעמ אלטנ מיט דער ציג, אי וועגנ יעפּימ קאַפּיטאָ, אי וועגנ דעמ אָרדינאוועצ טשירקאָוו, וואָס גייט אימ נאָכ פּיסטריט. ער כאפּט זיכ מיטאמאָל, אז ער טראכט ניט אינגאנצנ וועגנ הודימענקאָ, צו וועלכנ ער גייט מיט א וויזיט. צי דענ ליגט עס אימ ניט אינ זינענ? ער האָט אלעמאָל פֿײַנט זיכ מאכנ פאר אנ אנדערנ, ווי ער איז אינדערעמעסנ. ער טוט אויכ איצט זיכ באלד א קאָנטראָליר דורכ. ניינ, ער גייט צו הודימענקאָ מיט פארגעניגנ. איצט טראכט ער שוינ נאָר וועגנ אָט דעמ הויכנ, עטוואָס אומגעלומפּערטנ פינפ-אונ-דרײַסיקיאָריקנ סאָלדאט, וואָס פאר דער גאנצער צײַט פונ דער מילכאָמע האָט ער שוינ געהאט מיט אימ פארשיידענע טרעפעניש, ניט איינ מאָל זיכ געבייזערט אפּ אימ, ווענ ער איז עס ווערט געווענ, ניט איינ מאָל אימ געלויבט. ער געדענקט אימ גאנצ גוט, אָט דעמ הודימענקאָ, אפילע אָט די געוווינהייט זײַנע צו רייכערנ ציגײַערנ נאָר צונויפגעדרייטע אינ „ציגנ-פיסלעכ”, וועלכע ער האָט אלעמאָל, אפילע גייענדיק אינ שלאכט, אָנגעגרייט עטלעכע שטיק אינ פּילאָטקע... מאלאכאָוו דערמאָנט זיכ אינ דער דאָזיקער איינצלהייט אונ נעמט גייענ אײַליקער. ס׳דערזעט זיכ א שטיבל באַ א ברעג יאר, אינ א זײַט פונ שטויביקנ וועג, עס פירנ אהינ טעלעפאָנדראָטנ — דאָ דארפ עס זײַנ.

הודימענקאָ שטייט באמ ברעג יאר אונ גראָבט עפּעס. דערזענ דעמ קאָמאנדיר, שטעקט ער ארײַנ דעמ זאסטעפּ אינ דער ערד, טרעט אָפּ א שפּאנ אונ בלײַבט שטיינ אנ אויסגעצויגענער, צוגעדריקט די הענט צו די זײַטנ. די איינציקע היימישע פרײַקײַט, וואָס מאלאכאָוו באמערקט אינ אימ, איז דאָס, וואָס דער רימענ איז ניט ווי געוויינלעכ פארצויגנ, נאָר הענגט באַ אימ פארשפּיליעט איבערנ אקסל. די פּילאָטקע ליגט אינ א זײַט, ניט ווײַט פונ זאסטעפּ, אונ פונ איר שטעקנ ארויס צוויי „ציגנ-פיסלעכ”. דאָ דערבײַ, באַ א קוסט ליגט אויכ זײַנ שינעל, צונויפגעדרייט אינ א „סקאטקע”, דער רוקזאק, צו וועלכנ ס׳איז צוגעפעסטיקט א קווערטל מיט א הענטל, די ביקס אונ א לעדערנער טאש קוילנ, — אלצ גרייט צומ מארש. מאלאכאָוו שמייכלט, ווענ ער גייט צו אהער, נאָר ווענ ער דערזעט דאָס אלצ, גיט ווי א שאָטנ א גיי דורכ איבער זײַנ געזיכט.

— וואָס גראָבסטו דאָס, הודימענקאָ? — זאָגט ער הויך, אומיסטנ קעדיי צו פאַרטויבנ דאָס דריקנדיקע געפיל, וואָס האָט זיך איינ אים א באַוועג געטאָנ. — איילסט זיך עפּעס אָפּטאָנ אינ באַלעבאַטישקייט?..

ס'איז צו זענ, אז הודימענקאָ איז פאַרלוירנ. די אויגנ זיינע בלאָנדזשענ איבערנ הויפ, ווי עס שטייט א צעבראָכענער שליטנ, א וואָגנ אָנ א ראָד. א האַלבער מילשטיינ איז אריינגעוואקסנ אינ דער ערד. עזראָ מאַלאַכאָוו לייענט איבער די פאַרלוירנקייט אינ הודימענקאָס אויגנ אונ פאַרשטייט זי אזוי: „ניעטיק אונ קליינ איז מיינ נעסט געוואָרנ... אָבער דאָס איז עס, נאָכ דעמ האָב איכ געבענקט...״

נאָר הודימענקאָ זאָגט גאָר עפּעס אנדערש:

— איכ פאַרגראָב א דייטש, כאָווער פאָדפאָלקאָווניק, דאָ ליגט א זייעריקער אינ יאָר... — אונ ריידנדיק אזוי, טוט הודימענקאָ מיט-אמאָל א דריי די אויגנ אינ א זייט, רעכטס פונ מאַלאַכאָוונ, איבערנ שפּיציקנ אקסל פונ דער בורקע. א וואַרעמער אונ מאָדנע צאַרטער גלאַנצ באַווייזט זיכ אינ הודימענקאָס אויגנ. מאַלאַכאָוו האָט א טראַכט געטאָנ, וואָס האָט עס יענער דערזענ אזוינס, נאָר ער האָט זיכ ניט אומגעקוקט. ער האָט געמאַכט די צוויי שפּאַנ, וואָס האָבנ אימ אָפּגעטיילט פונ ברעג יאַר, אונ האָט דערזענ דאָרטנ ליגנ א טויטנ דייטש, א מאָדנע צונויפגעדרייטנ, זעט אויס, פונ פאַלנ פונ דער הייכ, אונ אפּ האַלב א פאַרשאָטענעמ מיט ערד. ס'טוט אימ אנ עקל פונעמ מעס, ער קערט אָפּ דעמ קאָפּ אונ דערזעט, איבער וואָס הודימענקאָ האָט אזוי אויפ-גערוימט-גליקלעכ געשמייכלט. איצט איז זיינ שמייכל א צוריקגעהאַלטנ-שטאָלצער, גרענעצלאָזע צאַרטקייט שיינט אפּ זיינ גראָב געשניצט גע-זיכט מיט דער פולבלעכער נאָז, מיט די קנייטשנ באַמ מויל אונ אפּנ שטערנ, ארומ די בלויע, אונטער געדיכטע ברעמענ פאַרגראָבענע אויגנ. ניט קיינ הויכע פרוי, א גאַנצ כיינעוודיקע, אינ א לאַנג, געפאַלדע-וועט קליידל, אינ א ווייס טיכל, שעמעוודיק אראָפּגערוקט איבערנ שטערנ, א באָרוועסע, גייט אהער מיט לייכטע טריט... זי גייט צו גאָר נאָענט, די באַקנ פונ איר דאַרלעכ געזיכט פלאַמענ פיבערדיק-אויפגערעגט.

— אָט דאָס איז מיינ ווייב, כאָווער קאָמאַנדיר, — זאָגט הודימענ-קאָ אונ נעמט די אויגנ ניט אראָפּ פונ דער פרוי.

יענע טוט מיט פאַרבאָרגענעמ נייגער אונ אויכ מיט א קאַפּעטש-קע שרעק א קוק אפּ מאַלאַכאָוונ; זי לאָזט גלייכ אראָפּ די לאַנגע וויִעס, דערלאַנגט מאַלאַכאָוונ די האַנט, האַלטנדיק די פינגער ווי א לאָפּעטקעלע, אונ נעמט זי באַלד צו, ניט ענטפערנדיק אפּנ האַנט-דרוק. זי גיט א טרעט אָפּ צו הודימענקאָ, ווי זי זאָל מיט דעמ אלייג שוינ זאָגנ: „דאָס איז מיינ דעניס...״

— ניט געוואָרט אפּ אימ? — פרעגט מאַלאַכאָוו, אונטערגעבנדיק

זיך א מאָדנע געפיל, וואָס האָט זיך דערוועקט אינ אים, אונ לעשנ־דיק עס איינציַיטיק.

— וואָס הייסט, ניט גענוארט? — טוט די פויערטע מיט א באַ־זונדערער לייַכטקייַט א הייב די אקסל, — די גאנצע צייַט גענוארט... כ'האָב נאָר ניט געטראכט, אז דאָס גליק זאָל גלייַך קומענ אינ שטוב אריַינ...

דאָס ערשטע געפיל פונ רייצ אונ קינע ווערט פארלאָשנ אינ מאלאכאָוו. עס בלייַבט אינ אים א געפיל פונ אומבאשטימטנ טרויער אונ בענקעניש, וואָס נעמט זיך צעוואקסנ. אונ ווי שטענדיק אינ אזעלכע רעגעס, הייבט ער אָנ עפעס בעסער אונ שארפער אופנעמענ אלצ, וואָס קומט פאָר ארום אים.

די פויערטע קוקט שווייַגנדיק אפ דער כאטע, וואָס שטייט צווישנ צוויי עפלביימער, וועלכע האָבנ זיך ווי אָנגעלענט מיט די שווערע צווייַגנ אָנעם שטרויענעם דאכ. הודימענקאָ טוט אויכ א קוק אפ דער כאטע, א שאָטנ פונ פארדראָס אונ אָפגעפרעמדטקייַט ווערט ווי פאר־גליווערט אפ זייַנ געזיכט; אינ אנ אויגנבליק ארום צערינט עס, נאָר מאלאכאָוו גיט עס א מערק צאָפ, כאָטש ער דערשפירט נאָכ, עמעס, ניט די סיבע דערפונ. ער פארשטייט ניט, פארוואָס מאנ־אונ־וויַיב זייַנענ אזוי שטיל געוואָרנ, ווענ מע האָט א קוק געטאָנ אפ דער כאטע, אונ גיט אינסטינקטיוו זיך אונטער זייער שטימונג. ער נעמט אויכ פארקלערט קוקנ אהינ.

א רעגע פיקסירט ער בלויז דאָס, וואָס ער זעט דאָרט: דער אָרדינארעצ האָט שוינ צוגעבונדנ דאָס פערד צו אנ עפלבוים, שטייט אונ גלעט דעם מיט דער האנט די מאָרדע; עפעס א סערזשאנט שפאנט איַיליק איבערנ הויפ, פאנאנדערשפליענדיק אינ גאנג א פעלד־טאש, זעט אויס, ער טראָגט א דעפעש צום איבערגעבנ; צוויי רויט־ארמייער מיט לאנגע דראָנגענ ציענ טעלעפאָנ־דראָטנ איבער די צווייַגנ פונ אנ עפלבוים; באַם ברונעם זיצט אפ די שפיצ פינגער א באָרוועסער רויטארמייער מיט פארקאשערטע הויזנ אונ וואשט אינ א הילצערנער קאָרעטע די אָנעטשעס. די כאטע אליינ איז פול אונ פול, ווי א בינשטאָק, דאָרט קלינגענ טעלעפאָנענ, פארשיידענע קולעס שרייַענ איבער איינס דאָס צווייטע, א ראדיסט האָט זיך אייַנגעאָרדנט מיט זייַנ אפאראט אפ דער פענצטער־ברעט. איבער דער כאטע ער־געצ ווייַט, ווו דאָס פעלד שייַדט איבער דעם האָריזאָנט מיט א גאָל־דענער ליניע פונ רייַפנדיקער טווע, זעט זיך א רויכ, אהינ פאלנ דעם סוינעס סנאריאדנ, דאָרט איז די צווייטע ליניע.

אונ מיטאמאָל טוט מאלאכאָוו מאמעש א שניט דער געדאנק, וואָס דערגייט צו אים מיט א באזונדערער שארפקייַט. דער ערשטער

פארלאנג זײַנער איז — צעשרײַען זיך הויך, ארויסרופן באלד צו זיך װעמען מע דארף און אָפּגעבן א שטרענגע פאראָרדענונג טייקעף צו פאריכטן די אוולע. די דאָזיקע כאטע, הודימענקאָ האָט דאָך אַהין אוודאי אפילו אַרײַנגיין ניט געקאָנט! צי דען האָט מען דעם פארבינדונגס־פונקט ניט געקאָנט אײַנאָרדענען ערגעץ אנדערש, כאָטשבי אין יאר, און לאָזן הודימענקאָ די כאטע פרײַ?!

ער טוט אופגערעגט א מאך מיט דער האנט צום אָרדינארעץ, יענער טוט זיך א לאָז אהער. מאלאכאָוו ווייסט נאָך אליין ניט, וואָס ער וועט באפוילן: אריבערטראָגן דעם פארבינדונגס־פונקט אין יאר? נאָר אפ וויפל האָט ער זיך דען אינגאנצן אײַנגעאָרדנט?

ער גיט ווידער א קוק אפ הודימענקאָ און זײַן פרוי. יענע קוקן איינס אפן צווייטן, זיי האָבן געכאפט די רעגע, ווען מאלאכאָוו האָט זיך אָפּגעקערט, און זיי זײַנען ווי געבליבן איינער אליין. עס פילט זיך, אז אין אָט דער רעגע איז זיי זייער גוט. גליק און צופרידנ־קײַט האָט זיי פארפלייצט פון דעם, וואָס אָט שטייען זיי איינס לעבן צווייטן, קוקן איינס אפן אנדערן לעבעדיקע, אפ דער וואָר, און מער דארפן זיי אוודאי איצט גאָרניט...

דער אָרדינארעץ איז צוגעקומען. אָנשטאָט אָפּגעבן אים א פאראָרדע־נונג ארויסצורופן דעם און דעם זאָגט דער פּאָדפּאָלקאָווניק גאנץ פרידלעך:

— האָסט דאָרט עפּעס פארכאפּט אין טאש?

— א רייפל ווורשט, — זאָגט דער אָרדינארעץ מיט א פריילעכן גלאנץ אין די אויגן, — א פלעשל, פארשטייט זיך...

— נו, איז שטעל דאָס אלץ אויס אָט דאָרט, אפן מילשטיין. ווי מיינסטו, הודימענקאָ, מע קאָן אונטערן פרײַען הימל אויך זיך א ביסל פריילעך מאכן? ווער, אויב ניט קיין סאָלדאט, פארשטייט עס? דעם דײַטש וועט מען שוין פארשיכן אָן דיר... ביסט שוין כאָטש געוועזן אין שטוב? — טוט ער אײַליק א פרעג. דער דאָזיקער געדאנק מאטערט אים, דער פארדראָס, פארוואָס מ'האָט הודימענקאָ ניט פרײַ געלאָזט די כאטע, לאָזט אים ניט צורו, און ער קאָן זיך ניט אײַנ־האלטן פון ניט שטעלן די דאָזיקע פראגע.

— געוועזן, — ענטפערט הודימענקאָ, ניט פארשטייענדיק דעם גאנצן מיין פון דער דאָזיקער פראגע, — כ'בין אַרײַנגעגאנגען נעמען דעם זאַסטעפּ, דעם דײַטש צו פארשיטן... כ'וועל אוועקגיין, און מײַ־נע מיעסט זיך דאָך אוודאי...

מאלאכאָוו רופט צו צוויי רויטארמייער און הייסט זיי פארשיטן דעם דערהארגעטן אין יאר.

— און דער דײַטש איז דײַן ארבעט? — זאָגט ער, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן דעם מילשטיין, וווהין אלע זײַנען צוגעגאנגען, — ער, הו־

דימענקאָ און זײַן פֿרוי. דער אָרדינאַרעץ האָט דאָ שוין פֿאַרשפּרייט א פּלאַשטש-פּאַלאַטקע, לייגט אַפּ איר פֿאַנאַנדער ברויט, אוגערקעס, ווורשט, אַלץ אָנגעשניטן און צוגעגרייט, וויקלט אויס פֿון פּאַפּיר א פּלעשל ווײַן... דער פּאָדפּאָלקאָווניק שטייט צווישן הודימענקאָ און זײַן פֿרוי, ער בינדט פֿאַנאַנדער מיט ביידע הענט די בורקע באַם האַלדז און לאָזט זי אַראָפּ גלײַך אַפּ דער ערד.

— דעם דײַטש האָט זעמליאַניציַן פֿון צווייטן באַטאַליאָן אַוועק־געלייגט, — זאָגט הודימענקאָ, — איך בין דאָך געגאַנגען מיט דער נײַנ־טער ראָטע און בין אָנגעקומען פֿון צווייטן עק דאָרף...

פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן די עקן פֿון דער בורקע, זעצט זיך מאַלאַ־כאָוו אַוועק אַפּ איר און לאַדט אײַן הודימענקאָ און זײַן ווײַב זיך זעצן. הודימענקאָ זעצט זיך אַוועק, ווי א טערק, די פֿיס אונטער זיך. זײַן פֿרוי מאַכט אין פֿאַרלעגנהייט עטלעכע טריט באַם ראַנד פֿון דער בורקע, ניט וואַגנדיק אַרופֿטרעטן אַפּ איר, זי ווישט די באָרוועסע פֿיס אין גראָז און פֿאַרגייט פֿון דעניסעס זײַט, קעדיי זיך דאָרט צו זעצן, נאָר דאָ גיט מאַלאַכאָוו א זאָג:

— ע-הע! איר וועט זיך נאָך אָנפּרייען מיט אים, אַנו — אײַנ־מיטן! — און מאַכט איר אַן אָרט צווישן זיך און הודימענקאָ.

מע האָט שוין גענומען צו קאַפּ מאַשקע. פֿונוויַטן דערהערן זיך עטלעכע שטאַרקע האַרמאַטן-שאָסן. הודימענקאָ פֿאַרהאַלט א ווײַלע ניט צעקײַט דעם ביסן ווורשט אין מויל, הערט זיך אײַן מעוויניש און קוקט אַפֿן ווײַב, זי זאָל זײַן מעווינעס אָפּשאַצן.

— אונדזערע, — זאָגט ער וואָגיק.

— אונדזערע? — פֿרעגט זי איבער מיט פֿאַרלײַכטערונג.

— נו, יאָ... — הודימענקאָ קוקט וואַרטנדיק אַפֿן פּאָדפּאָלקאָווניק, וואָס גיסט אָן נאָך צו קאַפּעלעך אין די גלעזער. הודימענקאָן ווילט זיך זייער דערציילן ווײַטער, וויאַזוי ער איז געקומען אַהיים, ער וואָגט אָבער ניט אַזויפֿיל צו ריידן פֿאַר אַן עלטערן פֿון זיך, זאָגט ער נאָר, קעדיי צו פֿאַרענדיקן דאָס, וועגן וואָס ער האָט שוין אָנ־געהויבן צו דערציילן:

— אונדזער ראָטע האָט ווי אַפּצולאָכעס אָנגעגרײַפֿט אַפֿן צווייטן עק דאָרף. איך זע — די גאַס ברענט פֿון עק ביז עק, טראַכט איך מיר: די שטוב מײַנע וועל איך שוין ניט טרעפֿן... דערנאָך האָט מיך דער קאָמאַנדיר פֿון ראָטע, ער איז נאָך א נײַער בא אונדז, גע־וואָלט אַוועקשיקן אין פֿעלד-וואַך, זאָג איך אים: „איך בין א היגער, כאַווער ראָטני, עפּשער וועט איר מיר דערלויבן צולויפֿן אַהיים א קוק טאָן...“

— האָט ער דערלויבט, פֿאַרשטייט זיך, — זאָגט מאַלאַכאָוו, קעדיי צו ווײַזן, אַז ער הערט. נאָר ער הערט איצט הודימענקאָ מיט אײַן

1734—8

אויער, ווײַל ער ווייסט, אַז וואָס ער זאָל איצט ניט דערציילן, וועט זיך אַלץ אויסלאָזן צו גוטן. אין דער טיף פֿון זײַן געשאַמע וועקט זיך אַלץ מער אויף און שווימט ארויס אַן אומרו, וועלכן ער צווינגט שוין אַזאַ צײַט צו ליגן שטיל, שווערער טרויער הילט אַלץ מער אײַן זײַן האַרץ. ער איז שוין אײַנגאַנצן אין זײַן פּענט. נאָר וואָס מער דער טרויער באַהערשט אים, אַלץ פֿריילעכער און האָפּערדיקער ווערט ער אויסערלעך. ער דערלאַנגט הודימענקאָ די גלאָז ווײַן און מערקט אָפּ בײַ זיך, אַז די פּויערטע קוקט מיט באַהאַלטענער מוירע, ווי יענער ציט אויס די האַנט נאָך איר, — זעט א. יס, דאָס איז ניט איין מאָל געווען די סיבע פֿון איר אַגמעסנפּעש, — איצט אָבער דריקט איר געזיכט אויס אײַנצײַטיק זאָרגעוודיקע צערטלעכקײַט און שטאָלץ, ווי זי זאָל זיך אַליין זאָגן: „נישקאָשע, דעניס קאָן נעמען אַ קאָפּ"...

— איך קום צו גיין, — זאָגט הודימענקאָ, איידער ער טראָגט צו די גלאָז צו די ליפּן, — ע-הע, ס'איז בײַ מיר אַ פֿולער הויף... און דער דײַטש ליגט באַם סאַמע טויער, אַז מע מוז אַריבערשפּאַנען איבער אים...

— איך בין געזעסן דאָ אין בוריאַן, — זאָגט ניט דרייסט די פּויערטע און טוט אַ קוק אויף דעניסן, צי איז עס גוט, וואָס זי טרעט אַרײַן אין געשפּרעך, — די דײַטשן לויפֿן אום און צינדן די גאַס, און אונדזערע שיסן אַלץ נעענטער. אָ, גאָט מײַנער, טראַכט איך מיר, צי דען וועט מײַן הויף אויך אוועק מיטן פֿײַער? און דאָ איז שוין אַ דײַטש בײַ אונדזער טויער. דער טויער איז פּונקט געווען פֿאַר-מאַכט, נעמט דער דײַטש קריכן איבערן פּלויט... פּלוצעם טוט עפּעס, ווי אַ קאַץ, אַ שפּרונג איבער מיר, איבער די קלעצער, לעבן וועלכע כ'בין געזעסן, איך דערזע אַן אונדזעריקן. באַץ! — און דער דײַטש פֿאַלט פֿון פּלויט... דאָ זײַנען שוין אונדזערע צוגעקומען. מע האָט צעעפֿנט דעם טויער, און עס זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן די פֿורלעכ מיט די טעלעפֿאָנען... כ'האָב זיך נאָר גענומען שיילן קאַרטאָפֿל, איי-נער האָט מיך געבעטן, ערשט מײַן דעניסקע קומט...

מאַלאַכאָוו קוקט אויף דער פֿרוי און אויף דעניס הודימענקאָ. אין דער רעגע זײַנען זיי עמעסדיק גליקלעך, כאָטש אויך שעמעוודיק-געצוימט. דער פֿאָדפּאָלקאָווניק פֿילט די דאָזיקע געצוימטקײַט, און עפּשער דאָס טאַקע איז זיסער פֿון אַלץ. מע וואָלט שוין געמעגט אוועקגיין, נאָר עפּעס ווילט זיך אים אײַנזאַפּן אין זיך כאָטש נאָך אַ קאַפּל פֿון אָט דער היימישער פֿרייד. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט פֿרעגן, צי זײַנען בײַ זיי דאָ קינדער און ווו זײַנען זיי. נאָר ער האַלט זיך אָפּ. ער פֿרעגט וועגן דעם ערשטן בעסטן, וואָס שווימט אים אַרויף אַפֿן זיקאָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ פֿריילעכער געשיכטע, וואָס איז געשען מיט דעניסן:

— געדענקסט, הודימענקאָ, ווענ דו האָסט נאָכ א מאָל געטרונקענ בראנפּנ בא מיר?

— איכ געדענק, ווי זשע! — זאָגט הודימענקאָ, צעגייענדיק פאַר פאַרגעניגנ, — דאָס איז געווענ הייַנטיקנ ווינטער, ווענ כ'האָב געבראַכט צו פירנ א דייַטש פונ דער אויסשפּירונג, קימאט אינגאנצנ א פאַרפרוירענעמ. בא מיר האָט אויכ פונ שטאַרקנ פראָסט ווי אָפּגענומענ דעמ אונטערשטנ טייל פּאָנעמ. כ'האָב קיינ וואָרט ניט געקענט ארויסברענגענ. האָט מענ מיר דאנ דערלאנגט א האלבע גלאָז בראנפּנ...

— אונ דעמ דייַטש איז אויכ אויסגעקומענ געבנ א ביסל, — זאָגט דער פּאָדפּאָלקאָווניק, אונטערגעבנדיק זיכ אלצ מער הודימענקאָס פריילעכקייַט.

— געמוזט, — כאַפּט אונטער הודימענקאָ, — אז אנדערש וועסטו פונ אימ קיינ וואָרט ניט ארויסבאקומענ, בלויז „ברו” אונ „מרו”... אונ איר האָט מיר דאנ, איר געדענקט, וואָס געזאָגט, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק? איכ זאָל זיכ פאַרלאָזנ א באָרד, וועט מיר די קינ מער ניט פרירנ... ניינ, זאָג איכ, כ'וויל צומ ווייַב קומענ א יונגער, ניט אָנשרעקנ זי מיט דער באָרד... — אונ ער טוט אזא צארטנ אונ זיגערישנ קוק אפ זייַנ פרוי, אז יענע לאָזט שטיל אראָפּ די אויגנ, הייבט זיי אופ מיט גליקלעכנ פאַרוואורפ אונ לאָזט זיי ווידער אראָפּ.

ביטאמאָל זאָגט זי טרויעריק:

— אונ וואנקע אונדזערער איז טאקע פאַרפרוירנ געוואָרנ אינ אזא נאכט...

— דער זונ, — דערקלערט הודימענקאָ. ער ווערט כמורנע, נעמט סאָפּענ מיט דער נאָז. די אויגנ ווערנ אזוי ווי טיפער א פאַרגיי אונטער די געדיכטע ברעמענ אונ גיבנ דראָענדיק-טרוקנ א פלאמ.

— ס'איז געווענ אינ די גרויסע פרעסט, ווענ אונדזערע האָבנ צומ ערשטנ מאָל געהאט אָנגעגריפנ אפ די היגע ערטער. דער דייַטש האָט אונדז, קינד-אונ-קייט, גענומענ טרייַבנ איבערנ הוילנ פעלד אינמיטנ נאכט, אונ וואנקע איז בא מיר אפ די הענט פאַרפרוירנ געוואָרנ...

— אונ מער זייַנענ ניטאָ?

— ניטאָ.

מאלאכאָוו קוקט אינ א זייַט, איצט וואָלט ער אויכ וועלנ, קיינער זאָל ניט זענ, ווי עס קרימענ זיכ בא אימ די ליפּנ. ס'קלעקט אימ ניט קיינ אינערלעכער קויעכ אייַנצוהאלטנ זיי. ער ווייסט, ער וועט שוינ זייַנ ווייַב מיט די קינדער אינ דער היימ ניט געפינענ, אָבער שרעקלעכער פונ אָט דער פּוסטקייַט איז פאַרשטעלנ זיכ די שאָ פונ זייער טויט, די לעצטע מינוטנ, אונ גראָד דאָס קומט אימ שטענדיק אפנ זינ. מיטאמאָל כוט זיכ ווידער אינ אימ א הייב דער

פאַרדראָס, פאַרוואָס מ'האָט פאַרנומען הודימענקאָס כאַטע. ווי וואָלט געווען, ווען ס'זאָלן אינגאַנצן קיין הייזער ניט זיין? ער וועקט איצט אומיכטן אין זיך דעם פאַרדראָס, קעדיי צו שטילן דעם צעבושעוועטן צאַר. ער נעמט אויך טראַכטן וועגן דער פרוי, וואָס וועט זיך באַלד עפּשער דאַרפן צעזעגענען מיט הודימענקאָ און זי האָט דאָך נאָך די אַלע יאָרן פון בעזנקשאַפט און צעשיידונג זיין צערטלעכקייט אַפילע ניט געפילט.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק שטייט אויף פון דער ערד. עס הייבן זיך אויף אויך הודימענקאָ און זיין ווייב. דער אָרדינאַרעץ טרייסלט אויס די בורקע און וויל זי אָנטאָן.

— כ'וועל זי אָנטאָן, — זאָגט מאַלאַכאָוו און שטעלט אונטער די אַקסלען, אַזוי ווי בעקיוון, קעדיי אין דעם מאָמענט, ווען ס'איז אים אַזוי שווער אַפּן האַרצן, נעמען אַפּ די פּלייצעס אַן אויסערלעכע מאַסע אויך...

און אַזוי טאַקע מיט דער נאָך ניט פאַרבונדענער בורקע אַפּ די אַקסלען טרעפט אים די ידיע, אַז דער פּאָלק מוז טייקעף, פריער ווי מע האָט זיך געריכט, אַרויסטרעטן אין ווייטערדיקן מאַרש. א פאַרבינדלער טראָגט אים צו א ראַדיאָ-באַפעל. הודימענקאָ שטייט דערביי און הערט, ווי מאַלאַכאָוו, וואָס האָט זיך גלייך פאַרענדערט, געוואָרן שטרענג און זאַכלעך געצוימט, הייסט אַרויסרופן צו זיך די קאָמאַנדירן פון די באַטאַליאָנען. הודימענקאָס פרוי, וואָס פאַרשטייט נאָך ניט רעכט אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר, דערשפירט מיט איר פרויען-געפיל, אַז זי וועט זיך באַלד דאַרפן צעשיידן מיט דעניכן. דאָס איז דער איינציקער אויספיר, וועלכן זי מאַכט פאַר זיך. זי ווערט ווי פאַרגליווערט ביטאַמאָל, איר בליק ווערט אויסגעלאָשן, פוסט, די פיבערדיקע פאַרב, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַפּ אירע באַקן, פאַרשווינדט לאַנגזאַם. געל און אויסגעצויגן ווערט איר געזיכט, און אַליין ווערט זי עפּעס ווי נאָך קלענער. זי לאָזט מאַכטלאָז אַראָפּ די הענט און האַלט נאָר אין איין צופּן מיט די דאַרע פינגער די פאַלדן פון איר ברייט קליידל. א ציטער גייט א גיי דורך אירע שמאָלע אַקסלען. מאַלאַכאָוו באַמערקט דאָס, ווען ער גייט אָפּ דעם אָרדינאַרעץ א באַפעל אָנקלינגען אין שטאַב, מע זאָל אַרויספאָרן.

די פרוי קוקט אַפּ אים צעמישט און פאַרצווייפלט, דערנאָך פירט זי אַריבער דעם בליק אַפּ הודימענקאָ, און יענער טוט זיך פאַרזאָרגט און מאָדנע שולדיק א קוק אַרום.

אין דעם מאָמענט גייט צו מאַלאַכאָוון צו דער קאָמבאַט זאַריאַנין. מאַלאַכאָוו דריקט אים די האַנט.

— באַלד, באַלד, — זאָגט ער פאַרקלערט, ניט באַנעמענדיק רעכט,

וואָס יענער רעדט. — קיינ פערד! — טוט ער א באפעל דעמ אָרדינאַרעצ טשירקאָוו, וואָס איז ערעט ארויס פונ פארבינדונגס-פונקט. יענער גיט זיכ א לאָז צומ עפּלבוימ, נעמט אָפּבינדנ דאָס פערד, וואָס טופּעט אומגעדולדיק מיט די טלאָענ. אינעמ פארבינדונגס-פונקט האָט מענ זיכ שוינ אָנגעהויבנ פּאַקעווענ, מע פירט צו וועגענער, מע לאָדט אפ זיי פּעק, אונ דער אומרו פונ ערעוו אָפּפאָרנ גיט זיכ איבער דעמ קאָמאַנדירס פערד. מאלאכאָוו קוקט, ווי הודימענקאָ ווארפט ארופ אפ איינ אקסל די „סקאַטקע", ווי ער נעמט די ביקס אינ האנט אונ לאָזט זיכ גיינ. די פרוי גייט אימ נאָכ, טראָגנדיק פאר די ליאַמקעס דעמ רוקזאק.

— אנו, קומ אהער, הודימענקאָ! — טוט הויכ א זאָג דער פּאָדפּאָלקאָווניק, ווענ דעניס מיט זיינ פרוי האלטנ שוינ באמ ארופּלאָזנ זיכ אינ יאר. דאָס פערד איז שוינ צוגעפיוט, כראָפּעט אונ בלאָזט פאנאנדער די נאָזלעכער. הודימענקאָ טוט זיכ א שטעל אָפּ אינ אומבאשטימטקייט אונ לאָזט זיכ פארלוירנ גיינ צומ קאָמאַנדיר.

— בלייבסט דאָ, — זאָגט מאלאכאָוו, — איכ דערלויב דיר זיינ אינ דער היימ נאָכ דריי שאָ... וועסט קומענ צומ דאָרפ, ווו מ'האָט היינט קאפּיטאָ פארוווּנדעט, — ער טוט א נעמ דאָס ציימל באמ אָרדינארעצ פונ די הענט, — נא דיר מיינ פערד, וועסט אונדז דעריאָגנ...

ער גיט א וואָרפ הודימענקאָ דאָס ציימל, טוט א שאָקל צו אימ מיטנ קאָפּ, נאָר אזוי, ער זאָל אויסמיידנ זיינע אויגנ, אונ לאָזט זיכ גיינ צו די וועגענער, ווו מע לאָדט בינטלעכ טעלעפאָנ-דראָטנ.

בא די וועגענער זאָגט ער צו זאריאנינענ, וואָס גייט אימ נאָכ:

— וועסט הייסנ שפאנענ דיינ בריטשקע, מירנ צופאָרנ צו די פּאָזיציעס צוזאמענ...

ער איילט זיכ ארויסגיינ פונ הויפ. ער זעצט זיכ צו אפ אנ אומגעוואלגערטנ פּלויט בא א פּולשטענדיק אויסגעטאָפּטשעטנ גאָרטנ, ארומ א פארברענטער קלוניע. דאָ וועט ער צוווארטנ אפ די קאָמבאטנ, וועלכע ער האָט ארויסגערופנ צו זיכ. עטלעכע קארטאָפל-קוסטעס שטייענ ניט ווייט פונ פּלויט, די אויסגעלייכטע בלעטלעכ ציטערנ פונ לייכטנ ווינט. ראָזע אונ ווייסע בלימלעכ פלאטערנ קעגנ דער זונ, אונ אינ קאָפּ בא עזראָ מאלאכאָוו בלאָנדזעט דער געדאנק, וואָס איז אימ געקומענ, ווענ ער איז נאָכ געגאנגענ צו הודימענקאָ: „עפּשער טאקע פרוּוונ וואקסנ, עפּשער שענקענ דער וועלט א זאק קארטאָפל?.."

איבער דער פארברענטער גאס ציט זיכ שוינ א קאָלאָנע פוס-גייער. עס קלינגענ קעסעלעכ, עס רוישנ שטימענ, כוגווייטנ הילכט שווערע ארטילעריע. די ערד, א זומערדיק-צעשפּאָלטענע אונ א וואַרעמע פונעמ ניט לאנג דורכגעגאנגענעמ רעגנ, ציטערט...

דער דריטער באטאליאָנ

דאָס איז געווענ אנ אײַנגעשפּארט מיידל, אָט די ניט הויכע, דארינקע, בלאסלעכע שעליע. אקשאָנעס שײַנט אינ אירע ברייט-צעשטעלטע, עטוואָס צוגעזשמורעטע, שווארצע אויגנ. די טונקעלע לאָקנ, וואָס רוקנ זיכ ארויס פונ אונטערנ גרינעמ וואָלענעמ היטעלע אפנ שטערנ אונ אפ די באקנ, גיבנ צו איר פּנעמ נאָכ מער אקשאָנעסדיקײַט, נאָר די ליפּנ זײַנענ בא איר רויטע, פולבלעכע, צארטע אונ אפנ עטוואָס פאריסענעמ נעזל זײַנענ צעזייט עטלעכע ביז גאָר כיינעוודיקע זומער-שפּרענקעלעכ.

זי האָט נאָר געוואָלט פאָרנ אפ דער פאָדערשטער ליניע — אָפּגעבנ די מאטאָנעס די שלאכטלײַט אינ די הענט ארײַנ, אז ס׳זאָל זײַנ אזוי: אוועקגעלייגט אפ א ווײַליטשקע דעמ אווטאָמאט אפנ ברעג שוצגראָבנ אונ באקומענ פונ אירע הענט די מאטאָנע. ס׳איז איר איצט געווענ ווייניק דאָס, וואָס זי געפינט זיכ אינ שטאב פונ דיוויזיע. ס׳איז איר געווענ ווייניק, וואָס דער שעפ פונ פּאָליטאָפּטייל, א קרעפּטיקער, פארברוינטער גרוזינ, נעמט איבער די מאטאָנעס פאר דעמ טייל אונ עטלעכע רויטארמייער לייגנ צונויפ די פּעקלעכ אינעמ האלבצעוואלגערטנ פליגל פונ דער אָפּגעברענטער שול-געבײַדע.

הינטערנ דאָרפ שטייט ארטילעריע. א מעכטיקער הילכ טרייסלט אופ אלע מאָל די לופט. פונ א צעוואלגערטנ אויוונ פאלט דאנ אראָפּ א ציגל, א באלקנ רײַסט זיכ אָפּ אונ שלעפּט מיט מיט זיכ א שטיק וואנט. אינעמ גרויענ אינדערפרי זעענ זיכ בלענדיקע שטיקער פײַער, וואָס רײַסנ זיכ ארויס פונ די הארמאט-רערנ. אָט צו זיי, צו די ארטילעריסטנ, קאָנ מענ גייענ איבערגעבנ די מאטאָנעס. האָבנ זיכ אייניקע דעלעגאטנ אוועקגעלאָזט אהינ, שעליע וואָלט געקאָנט צוגייענ צו א מעדפּונקט פונ א פּאָלק. אָבער דאָרט, וווהינ איר ציט — דאָרט, ווו אינ בלויענ רויכל פונ קאיאָר, באמ שײַנ פונ ארטילעריע-אויפרײַסנ זעענ זיכ דאָס דאָרפ אונ די הייכנ, וואָס זײַנענ נאָכ פארנומענ דורכ די דײַטשנ, אונ ווו אונדזערע שלאכטלײַט פאָרנ, שפּאנענ אָדער פּויזענ טראָט נאָכ טראָט פאָרויס, — דאָרט, זאָגט מענ אינ שטאב פונ דיוויזיע, איז פאר איר קיינ אָרט ניט.

שעליע האָט זיך שוין געהאט געקליבן אין מעדפונקט, וואָס גע־פינט זיך ניט ווײַט, סאכאקל א פינף הײַזער פונדאנען, וועג ס'איז צוגעפּאָרן א קאָמאנדיר, א ברייטער, מיט א פּאָר גרויסע וואָנצעס, אין א שווארצער בורקע. דאָס איז געווען דער פּאָלק-קאָמאנדיר סאווטשענקאָ.

— מיידל, וואָס האָט איר אראָפּגעלאָזט די גאָז? — האָט ער גע-פרעגט.

זי האָט א קוים-מערקבארן קנייטש געטאָן מיט דער גאָז, א קוק געטאָן אפ סאווטשענקאָ אזוי, ווי זי זאָל זיך אים אפילע ניט קלײַבן ענטפערן, נאָר מיטאמאָל האָט זי געזאָגט:

— מע מיינט דאָ, אז אויב איך ארבעט אפ א פּאָרצעלײַ-פאבריק, בין איך שוין אליין אויך א פּאָרצעלײַענע און קאָן זיך צעברעכן...

— כאָ, כאָ, כאָ! — סאווטשענקאָ האָט מיט לאכנדיקע, אופמערק-זאמע און דורכדרינגענדיקע אויגן באקוקט דאָס מיידל. אין זײַם בלאָען פאלטאָכל מיטן לאקירטן פאסיקל אפ דער טאליע איז זי טאקע אויס-געקומען ווי א פּאָרצעלײַענע. אירע שווארצע לאָקן האָבן זיך צו-גוייכגעגאָסן מיטן קאָטיקאָוון קעלנערל פונעם פאלטאָ און דאָס האָט ווי אונטערגעשטראָכן די צארטקײַט און קינדערשע קלאָרקײַט פון איר פּאָנעם.

— איז ווער זשע זאָגט דאָ, אז איר זײַט א פּאָרצעלײַענע? — בא סאווטשענקאָ האָבן זיך פונעם שמייכל אופגעהויבן די שפּיציקלעך וואָנצעס, פון די אויגן איז געבליבן בלויז א פּאָר דינע שפּעלטעלעך.

שעליע האָט בלויז מיטן אקסל א ווײַז געטאָן אפן מאיאָר, דעם שעף פון פּאָליטאָפּטייל, וואָס איז כוגקט ארויסגעגאנגען פון דער צע-רוינירטער שול-געבײַדע. זי האָט פארביסן א ליפּ און גענומען בא-טראכטן דאָס נעזל פון איר וואַליק. דאָס פערד, וואָס איז געווען געשפּאנט אין סאווטשענקאָס בריטשקע, האָט מיטן פוס גענומען אק-שאָנעסדיק דרויבלען די ערד. שעליע האָט זיך פארקוקט אפ דעם דאָזיקן געזונטן האָריקן פערדישן פוס, ווי אומגעדולדיק ער הייבט זיך אופ און לאָזט זיך אראָפּ, און האָט קיין אופמערקזאמקײַט ניט געווענדט אפ דעם, וועגן וואָס דער וואָנצעדיקער קאָמאנדיר אין דער בורקע רעדט מיטן שעף פון פּאָליטאָפּטייל. איינגאנצן אומדערוואַרט האָט דער פרעמדער קאָמאנדיר זיך א ווענד געטאָן צו שעליען:

— איז זעצט זיך, ביטע, מיט מיר אָט דאָ. איר פּאָרט צו מיר אין פּאָלק, צו סאווטשענקאָ אין פּאָלק. — ער האָט זיך אָפּגערוקט א ביסל אין א זײַט, אופגעהויבן א פּאָלע פון דער בורקע און גע-מאכט אן אָרט פאר שעליען. — צום שעד אין פּאָלק פּאָרט איר, כאָ, כאָ, כאָ... נאָר האָט קיין מוירע ניט. טאָמער ווערט מען אָנהייבן שיסן, קאָנט איר זיך גלײַך באהאלטן אונטער מײַן בורקע...

שעליע איז שוין געשטאַנען אפן טרעפּל פון דער בריטשקע, זי האָט קאַלטלעך און עטוואָס אַרויסרופעריש אַ קוק געטאָן אפן סאַווטשענקאָ, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט. איינגעאָרדנט זיך לעבן אים, האָט זי צונויפגעדריקט די ליפּן און אויפגעשטעלט דאָס קאָטיקאָווע קעלנערל.

מ׳האָט פון פאָרנט, דאָרט, ווו דער אָנטרייבער זיצט, אָוועקגעלייגט אַ קאַסטן מאַטאָנעס פאַר די רויטאַרמייער, און די בריטשקע האָט זיך געריכט. הינטערן דאָרף האָט מען פאַרקערעוועט לינקס, גענומען פאָרן דורך טאָלן און פלוסבעטן פון אויסגעפּרוירענע טייכלעך, פאַרביי בערגלעך און הייכן. די ערד האָט געציטערט פון נאָענטע אויפרייסן. סאַווטשענקאָ האָט דעם אָנטרייבער געגעבן קורצע אָנווייזונגען ווי צו פאָרן, געווּרדט צו אים מיט האַלבע ווערטער, זעט אויס, מע פאָרט שוין צוזאַמען ניט דעם ערשטן צענדליק וויאָרסט, אין אייניקע ערטער האָט סאַווטשענקאָ זיך געהאַלטן פריי, דערציילט עפּעס אַ מייסע וועגן דעם פערד, וואָס האָט אים היינט קאַיאָר מיט דער מאָרדע אַ טוצע געטאָן אין נאַקן, אין אַנדערע ערטער האָט ער שווייגנדיק געביסן די בערגעלעך פון זיינע וואָנצעס, צוגעהערט זיך צום שטעפּן פון די קוילנוואַרפערס, צום נאָענטן געוואוי פון מינעס — דאָס אין איין זייט, דאָס אין אַ צווייטער. צו שעליען האָט ער פאַרן גאַנצן וועג זיך געווענדט נאָר איין מאָל:

— מיין פּאָלק האָט זיך אַרויסגערוקט אַ ביסל אין אַ זייט, דערפאַר פאָרן מיר אַזוי לאַנג. ביז פאַרנאַכט, קאָן מען דערוואַרטן, וועט דאָרט זיין שטיל, וועל איך אייך באַשטימט נעמען צו זיך. אין אָוונט וועלן מיר אייך אַריבערפּעקלען צוריק אין דיוויזיע.

שעליען האָט פאַרדראָסן דאָס וואָרט „אַריבערפּעקלען”, נאָר אייגנצייטיק האָט זי געפילט אַזאַ דאַנקבאַרקייט און פלוצעמדיקע אומבאַגרייפלעכע צוגעבונדנקייט צו אָט דעם מענטשן, אַז זי איז אים מוחל געווען זיין וויץ. כוץ דעם האָט זי באַמערקט, אַז וויצלענדיק זיך אַזוי, האַלטנדיק זיך אומגעצווונגען, פאַרבאָרגט דאָך אין זיך סאַווטשענקאָ טיפע אָנגעשפּיצטקייט, און זי האָט מיט אָפּשיי געטראַכט וועגן די זאָרגן, וועגן דער גרויסער אַכרייעס, וואָס ליגט אפן זיינע פּלייצעס.

מ׳איז געקומען אין שטאַב פון פּאָלק — אַ רויטע, ציגלנע געביידע בא דער זייט פון אייזנבאַן־אָנשיט. אַ מעטער צוויי הונדערט פאַר דעם האָט מען אין פאַרטריקנטע אַקאַציע־קוסטעס געלאָזט די בריטשקע. סאַווטשענקאָ האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די בורקע און גענומען זי אין די הענט. אָנגעבויגענערהייט איז מען אַריבערגעלאָפן צום ציגלנעם פּלויט פון דער געביידע, דאָ זיך אויסגעגלייכט און אַריין אין הויף.

שעליע איז נאָכגעגאַנגענע סאָוטשענקאָ און עפּעס זיך ניט גע־קאָנט פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם, וואָס זי פילט איצט: צי באַפרידי־קונג, וואָס אָט איז זי אָפ די פּאָזיציעס, וועגן וועלכע זי האָט אַזוי־פיל מאָל געטראַכט, צי פאַרקערט, עפּעס אַזאַ אָנגעשטרענגטקײַט, אַ מאָדנע גרייטקײַט צו אומדערוואַרטע און אַפילו שרעקלעכע, וואָס קאָן געשען מיט איר און מיט די מענטשן, וועלכע זי וועט דאָ טרעפן. איינס האָט זי געוווּסט אָפ זיכער, אַז ווען מע זאָל זי איצט אַ פרעג טאָן ווידעראַמאָל, צי זי וויל גיין, וואָלט זי געענטפערט — יאָ.

אין הויף — אַ מאָדנע שווײַגן, ווי מע זאָל זיך צוהערן צו עפּעס, וואָס דאַרף באַלד פּאַסירן, אָדער ווי מע זאָל שווײַגן שוין נאָך עפּעס פּאַסירן, וואָס ריידן וועגן דעם איז שוין ניטאָ וואָס. אַזאַ איז געווען שעליעס ערשטער אײַנדרוק. דער וואַכמאַן לעבן אַרײַנגאַנג אין אַ קעלער קוקט אופמערקזאַם פאָרויס. אַ הײַפל קאָ־מאַנדירן — אַ מענטשן פיר־פינף — שטייט עטוואָס אין אַ זײַט אויך אָנגעשטרענגט. נאָר באַלד האָט שעליע דערזען אויך אייניקע אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן גלײַך אָפּגעשוואַכט איר ערשטן אײַנדרוק. אַ רויט אַרמייער איז רויִק דורכגעגאַנגען דעם הויף מיט אַ קעסעלע זופּ, עטלעכע שפּאַן פון די קאָמאַנדירן האָט ער זיך געגעבן אַ גלײַך אויס און דערנאָך ווידער אַוועק עטוואָס וויגנדיק זיך. דורכן פענצ־טער האָט זי באַמערקט, אַז עמעצער אין פאַרקאַשערטע אַרבל און מיט אַ האַנטעך אָפן האַלדז גאָלט זיך.

די קאָמאַנדירן האָבן באַגריסט סאָוטשענקאָ, ער האָט זיי אַלע־מען געדריקט די הענט און צוגעשמייכלט, ווי אַ מענטש, וואָס קערט זיך אום אַהיים. ער האָט גאַנץ געוויינלעך אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס הערט זיך דאָ?

— אַלץ נאָרמאַל.

די קאָמאַנדירן האָבן אים געענטפערט אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע אָפן באַצירק. סאָוטשענקאָ האָט געהערט, געמאַכט אייניקע צאָמער־קונגען אָפ דער מאַפּע, וועלכע מ׳האָט פאַר אים צעעפנט אָפ אַ פּלאַנ־שעט. ביטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ווו איז בען? בען איז געקומען?

— פאַראַן, ער האָט זיך פאַרהאַלטן באַם שעף פון שטאַב.

— אַרויסרופן! — האָט סאָוטשענקאָ מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ ראַפּוילן דעם וואַכמאַן, וואָס באַם קעלער.

איבערלאָזנדיק אָפן די שווערע טיר פון דיקע סאָסנע־ברעטער, איז אָנגעבויגענערהייט אַרויסגעלאָפן פון קעלער ניט קיין הויכער, בלאָנדער מיליטער־מאַן אין אַ ווײַס פּעלצל מיט איבערגעקרייצטע רימענס, אָפ וועלכע ס׳האָבן זיך געהאַלטן אַ פּיסטאָלעט, אַ פּלאַנ־

שעטקע, א בינאָקל. ער איז מיט לײַכטע טריט צוגעגאַנגען צו סאָוו-טשענקאָ און שטיין געבליבן אָפּ א רעגע מיט דער האַנט באַם היטל.

— באַקענט זיך, — האָט סאָוווטשענקאָ געזאָגט שעליען, — דער קאָ-מאַנדיר פון דריטן באַטאַליאָן. אויב מע רופט מיך אין דיוויזיע „שעד״, איז ער — דעם שעדס שעד... צו אים אין באַטאַליאָן וועט איר גיין איבערגעבן די מאַטאָנעס.

דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויס-געצויגן. ווײליונגערישע לײַכטקײַט האָט זיך געפילט אין זײַן ניט הויכער פיגור. געווען איז ער ניט קיין בלאָנדער, ווי שעליען האָט זיך צוערשט אויסגעוויזן, די האָר פון די שלייפן און ברעמען זײַ-נען געווען קופּער־רויט. די ווײַס — העלע, ווײַסלעכע, דערפון האָבן זײַנע גרויע אויגן אין זיך אי אָן א שיר דירנדיקס, אי פעסטס און נאָך אזוינס עפּעס, וואָס מע קאָן עס גלײַך ניט דורכלייענען. אין דאָס גאַנצע פּאָנעם באַקומט א ביסל א קינדערשן אויסדרוק. זײַן לענג-לעכע געזיכט איז געווען אײַנגעגאָסן באַשאָטן מיט זומער-שפּרענקלעך. מער פון אַלץ איז שעליען ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זומער-שפּרענק-לעך, פיל געלערע און דריבנערע, ווי אָפן פּאָנעם, האָבן געדיכט באַשאָטן זײַנע הענט, פון וואָס די הויט אָפּ זיי, דאָרט, ווו זי איז ריין געווען, האָט אויסגעזען געלבלעך.

— קאַפּיטאַן בען, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק שעליען די האַנט.

סאָוווטשענקאָ האָט א פריילעכן ווינק געטאָן צום מיידל:

— איר זײַט, דאַכט זיך, פון אייער שייוועט... אָפּ אײַער אוראַל-טער שפּראַך, — דער קאַפּיטאַן האָט מיר דערקלערט, — הייסט בען — א זון... מ׳האָט אים זייער טרעפלעך געגעבן דעם דאָזיקן נאָמען, דעם קאָמבאַט, ווי די זיידעס זאָלן געווען וויסן, אז ס׳וועט אים פּאַסן — ער איז באַ מיר אַן עמעסער בען!

שעליע האָט גענומען בענס האַנט און אײַליק אָפּגעלאָזט זי, ניט באַוווּסטזיניק אָפּילע א דריק טאָן די פינגער. איר פּאָנעם האָט זיך לײַכט א צינד אָן געטאָן. ווײַזט אויס, אז אָט דעם בענען האַלט מען דאָ פאַר א גרויסן העלד. ניט אזא האָט זי זיך פאָרגעשטעלט א העלד. אַנטוישונג און פאַרדראָס האָט זיך אין איר א באַוועג געטאָן אויך איבער אַן אַנדער זאַך: דאָס איז געווען איינער פון איר פּאָלק, און איר האָט זיך געוואָלט, אז אויב עס וועט איר אויסקומען באַ-געגענען אזא איינעם אָפן שלאַכט-פעלד, זאָל דאָס זײַן אַן עמעסער גוואַר, א יונג, ווי א דעמב, איר פּאָלק פאַרמאָגט דאָך אזעלכע. איר האָט זיך געוואָלט, אז ער זאָל ענלעך זײַן צו באַר-קאָכבען, ווי זי האָט זיך אים געמאָלט, ניט אזא, ווי זי האָט אים אין טעאַטער געזען —

יענער האָט זי אויך אנטוישט... זי האָט זיך באלד אליין פאָרגעוואָרפנ פאר דעם דאָזיקנ לײַכטזיניקנ געוואנק אירנ, נאָר די ניטצופרידנקײַט איז דאָך ערגעצ טיפ אינ איר פארבליבנ.

ביז בענ האָט אָפגעפארטיקט זײַנע איניאָנים אינ שטאב פונ פאָלק, האָט שעליע אימ אלצ באטראכט, נאָכגעקוקט, ווי ער איז אײַליק דורכגעגאנגענ דאָ אינ איינ זײַט הויפ, דאָ אינ א צווייטער. אינ קעלער האָט זי זיך קאטעגאָריש אָפגעזאָגט ארײַנגיינ, געזעסנ אפ א שטיינ לעבנ וואנט, מיט א געפיל, אז אָט באלד וועט איבער איר קאָפ צי אינדערלופטנ איבערנ דאך זיך צערײַסנ א סנאריאד. וויאזוי א סנאריאד רײַסט זיך, האָט זי נאָך ניט געוווסט, אונ טאקע דעריבער האָט עס איר אויסגעוויזנ צו זײַנ אײַנצײַטיק אי אומגעהייער גרויליק אי אינגאנצנ ניט שרעקלעך. זי האָט זיך צוגעהערט צו בענס שטימ, א געוויינלעכע שטימ, ער רעדט נאָר מיט א קוימ-מערקבארנ אקצענט.

די אָפיצערנ, מיט וועלכע בענ האָט גערעדט, האָבנ אָנגעוויזנ אפנ האָריזאָנט, וווּ ס'האָט זיך נאָך עטלעכע אופרײַסנ געשפרייט א רויך. בענ איז מיט פעסטע טריט צוגעגאנגענ צומ פלויט אונ זיך גענומענ אײַנקוקנ אהינ דורכנ בינאָקל. ער איז געשטאנענ איינער אליינ, אנטקעגנ אימ האָט זיך געשפרייט א פעלד, קיינער פונ די אָפיצערנ איז צו אימ ניט צוגעגאנגענ, קעדיי ניט דעמאסקירנ אימ. שעליענ איז איצט געפעלנ געוואָרנ זײַנ האלטונג, וואָס האָט איר אויסגעוויזנ צו זײַנ געוואגט.

סאוטשענקאָ איז ארויס פונ קעלער, האָט געזאָגט בענענ, אז ער מעג שוינ גיינ, אונ זיך אָפגעזעגנט מיט שעליענ אונ בענענ. צוויי רויטארמייער האָבנ געטראָגנ דעמ קאסטנ מאטאָנעס. שעליע האָט זיך געהאט א לאָז געטאָנ גלײַך נאָך זיי, בענ האָט זי אָפגעהאלטנ.

— זאָלנ זיי די ערשטע דורכגיינ מיט דער מאסע, — האָט ער געזאָגט, — א מעטער הונדערט פופציק ביזנ טאָלכל איז דאָ אינגאנצנ א הויל אָרט...

שעליע האָט פארביכנ א ליפ, צוגעווארט מיט אימ באמ פלויט.

די רויטארמייער האָבנ דערגרייכט דעמ טאָל אונ זיך אראָפגעלאָזט אהינ. בענ האָט שווײַגנדיק זיך אוועקגעלאָזט נאָך די שפורנ, וואָס זיי האָבנ איבערגעלאָזנ אינ טיפנ שניי, שעליע — נאָך אימ. ער האָט אָנגעכמורעט זײַנע קופער-רויטע ברעמענ, דעמ קאָפ געהאלטנ עטוואָס אראָפגעלאָזט, ווי ס'זאָל אימ דריקנ עפעס א לאסט. מ'איז געגאנגענ דורכנ טאָל, וווּ ס'האָט צווישנ פארטריקנטע ביימלעך אונ וועדבע-קוסטעס זיך געשלענגלט ניט קיינ ברייטע, פארפרוירענע ריטשקע. א מינע האָט דורכגעבויערט די לופט אונ מיט א געוווי, וואָס

איז איבערגעגאַנגען אין אַ הייסן שעפּטשען, זיך דורכגעטראָגן אי־בערן קאָפּ. דערנאָך — נאָך איינע. באַלד האָבן זיך דערהערט, איינס נאָך איינס, גאָר נאָענט עטלעכע טויבע אויפֿרייסן. בען האָט אומ־רויִק אַ קוק געטאָן אויף שעליען, אַ ווײַז געגעבן רעכטס, ווו דער טאָל איז עטוואָס טיפֿער:

— מירן פֿאַרקערעווען אהין... ער נעמט שוין שיטן אהער...

די רויטאַרמייער, וואָס זײַנען געגאַנגען מיטן קאַסטן פֿאָרויס, האָבן אויך פֿאַרקערעוועט רעכטס און גענומען שפּאַנען לעבעדיקער. ווידער אין אָנגוואַקסנדיקער ווי פֿון אַ מינע. שעליע, וואָס איז גע־גאַנגען פֿון הינטן, האָט דערפֿילט, ווי קאַלטע מוראַשקעס נעמען לויפֿן איבער איר פּלייצע. דאָך האָט זי זיך באַמיט צו שפּאַנען פֿעסט. זי האָט מיט נײַגעריקער דערוואַרטונג געקוקט אויף בענען, וועלכער האָט גע־שפּאַנט פֿאָרויס. ווען איבערן קאָפּ האָט זיך דערהערט דאָס שלעפּע־ריקע שעפּטשען פֿון דער מינע, האָט שעליען זיך אַ דוכט געטאָן, אַז בען האָט עטוואָס אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל, נאָר ניין, ער האָט גאָר מיט ביידע הענט גענומען אויפֿטעלן דעם קאָלנער פֿון נעם פּעלצל. „זעט אויס, עס גייען בײַ אים אויך קאַלטע מוראַשקעס איבערן לײַב" — האָט שעליע פֿאַרשײַט אַ טראַכט געטאָן. אין דער רעגע האָט אַ הילכיקן קוואַקע געטאָן אין אַראָפּגעפֿאַלענע מינע. שע־ליעס האַרץ האָט זיך געגעבן אַ דריק צונויף. אין אַ ווײַלע אַרום, ווען די שרעק איז דורכגעגאַנגען, האָט זי ווידער זיך געוואָלט דער־מאָנען אין דעם וויציקן געדאַנק, וואָס האָט זי ערשט פֿאַרנומען, נאָר שוין ניט געקאָנט.

זי האָט דעריאָגט בענען און איז געגאַנגען באַנאַנד מיט אים. זי האָט זייער געוואָלט, ער זאָל זי עפּעס פֿרעגן, ריידן צו איר, וויצ־לען זיך, אַזוי ווי סאַוואַטשענקאָ בײַס איר רײַזע אין שטאַב פֿון פּאָלק. זי האָט ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן די אָנגעשפּיצטקייט פֿון איר געהער, דאָס וואַרטן יעדע ווײַלע אויף אַ נײַעם אָנוואַקסנדיקן געוויי פֿון אַ מינע. און פֿונדעסטוועגן האָט זי געוווּסט, אַז ווען מע זאָל איר איצט דער־ציילן די סאַמע אויסטערלישע מײַסעס, וועט זי זיך מיט איר גאַנצן וועזן דאָך אײַנהערן אין דעם, צי עס דערטראָגט זיך ניט דער דאָ־זיקער פּײַף, וואָס קילט דאָס בלוט אין די אָדערן. איז עפּשער טאַקע בעסער, וואָס בען שווײַגט. אַזוי איז נאַטירלעכער.

בען האָט אַרויסגענומען די האַנט פֿון דער פֿוטערנער הענטשקע, האָט אָפּגעווישט פֿון שטערן דעם שווייס באַם ראַנד פֿון היטל און האָט געזאָגט:

— אָט וועלן מיר צוקומען צו דעם דאָזיקן אויסבייג פֿון דער באַלקע, וועלן מיר דאַרפֿן מײַדן אַ ליידיק אָרט, אַ מעטער פֿופֿציק.

דאָרט איז אָבער ניט געפּערלעך. דערפאַר אָבער וועט ווײַטער זײַן אַן אָרט, לעבן די ווערבעס, ווו מע וועט זיך מוזן א שפּיל טאָן אין „צוזעצלעך". — ער האָט אַזוי טאַקע געזאָגט „אין צוזעצלעך", א טרוי-עריק-שטיפערישער שמייכל האָט א קרימ געטאָן זײַנע דינע ליפּן. ער האָט אָפּגעשטעלט אַפּ שעליען זײַן בליק — אַזא אומרויִקן און, זי וואָלט געזאָגט, הארציק מילדן, אַז ס'האָט זי אַזש א ריר געטאָן. מיטאמאָל האָט ער זאָרגעוודיק און ערנסט געפרעגט:

— אײַך איז נאָך ניט שרעקלעך?

שעליען האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט קימאַט ווי געטראָפן איר איצטיקן צושטאַנד. זי האָט אים ניט געענטפערט. דערנאָך מיטאמאָל א פרעג געטאָן:

— ווי רופט מען אײַך?

די פראַגע, וואָס האָט בא איר ארויסגערופן א פאַרשײַט-בייזלעך שמייכל, האָט זיך בא איר שוין לאַנג געדרייט אַפּ דער צונג. נאָך ווען זי האָט דעם ערשטן קוק געטאָן אַפּ בענען, איז איר גע-קומען אַפּן זיכּאָרן זאַלמענקע באַליאַבעלע דעם שטריקלדרייערס יינגל, דעם שאָכן אירן אין שטעטל, ווו זי איז ארויסגעוואַקסן. אַלע קינ-דער פון די ארומיקע געסלעך האָבן אים גערופן „מאַלעך". ער איז אויך געווען א געלער, דער דאָזיקער זאַלמענקע, דאָס פּאָנעם און די הענט מיט קלײַען. א שוואַכער איז ער געווען און סלינע פלעגט אים שטענדיק רינען איבער דער ליפּ. „מאַלעך" האָט מען אים גע-רופן דערפאַר, וואָס ער איז געווען א פאַרטראַכטער, א שטילער, ווי א טויב. זי ווייסט, שעליע, אַז דער דאָזיקער „מאַלעך" איז ערגעץ איצט א גרויסער ארטיסט. מיט וואָס אַקוראַט בען האָט איר דערמאָנט זאַלמענקען, האָט זי ניט געוווּסט, נאָר עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז אויך ער, בען, דאַרף האָבן אַזא עכט-יידישן נאָמען, ווי זאַלמען, און ווען ער זאָגט איר דעם עמעס, וואָלט זיך געוויס ארויסגעוויזן, אַז ער האָט אין דער קינדהײַט אויך געהאַט אַזא מין לעכערלעכע צונעמעניש.

— איך הייס רעפאָעל. — האָט געזאָגט בען.

— ראַפאַיִל?

— זאָל זײַן ראַפאַיִל...

— ס'א שיינער נאָמען, — האָט שעליע געזאָגט מיט ניט פאַרבאָר-גענער אַנציקונג.

— מעגלעך... איך האָב אים זיך אַליין ניט אויסגעקליבן. מ'איז געגאַנגען ווײַטער.

— און פונוואַנען זײַט איר?

— געבוירן ווו? אין קיִעוו... אַפּ דעמיִעווקע.

— אזוי גאָר, אין א גרויסער שטאָט.

— מ-מ...

בען האָט זיך אויסגעקערעוועט צו שעליען, געוואָלט זי, זעט אויס, אויך עפּעס א פרעג טאָן. נאָר איבערגעקלערט. ער האָט געמאַכט נאָך עטלעכע שפּאַן און געזאָגט מיט א שטים, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפילט באַומרויִקונג:

— נו, דאָ דאַרפן מיר פּויזען. טוט פּינקטלעך דאָס, וואָס איך. ס׳איז ניט אַפן לאַנג, ביז אָט יענעם בערגל. דאָ שיסט אָפּט א קוילנ-וואַרפער, און עס קאָן פּונקט דערלאַנגען. — ער האָט פאַרלייגט אַף די הענט די פוטערנע הענטשקעס, אָנגעבויגן זיך, דערנאָך איינגאַנצן זיך אויסגעצויגן אין שניי, געגומען פּויזען... שעליע האָט זיך פאַרהאַלטן א ווײַלע אין אומאַנטשלאָסנקייט און זיך געלאָזט נאָך אים. עס האָט אָר אויסגעוויזן זייער דערנידעריקנדיק דאָס אַלץ, זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז סאַוועטשענקאָ לעמאָשל זאָל אַזוי לאַנג פּויזען. א העלד, האָט איר געדוכט, דאַרף אַלע שטערונגען און געפאַרן דורכגיין ניט געבויגן, דרייסט. און גלײַכצײַטיק האָט איר אַליין די שנייִקע ערד, צו וועלכער זי האָט זיך שטאַרק צוגעדריקט, אויסגע-וויזן ווי אַזא זיכערע, ליבע שוץ.

שעליע און בען האָבן שוין קימאַט צוגעפּויזעט צום בערגל, ווען אין דער פאַרקאָוועטער ערד הינטער זיי, וואָס דער ווינט האָט אַנט-בלויזט פון שניי, און אין שטאַם פון א קרומער ווערבע האָבן מיט א פײַף א זעץ געטאָן עטלעכע קוילן. דער פײַף האָט זיך צונויפגע-גאָסן מיט א קורצן שטעפּ פון א קוילנוואַרפער. בען איז טכילעס ווי צוגעשמידט געוואָרן צום אָרט, דערנאָך האָט ער פלינק א פּויזע געטאָן פאָרויס. שעליע — נאָך אים.

— געלונגען דורכגעקליבן זיך, — האָט ער געזאָגט, ווען זיי זײַנען שוין געווען הינטערן בערגל, — ער שיסט אהער, דער דײַטש, ווען עס פעלט אים אײַן, נאָר ער קאָן נאָך אַמאָל טרעפן אויך... נו, איצט גייען מיר גלײַך. דאָ באַלד זײַנען די שוצגראָבנס און מײַן קאָ-מאַנדע-פּונקט...

א הויל פעלד מיט געדיכטע, טרוקענע קוריי-קוסטעס און פּאַראַ-יאָריקע קלעווער-שטענגלעך, ערטערווײַז צוגעשאָטן מיט שניי. דאָס דאָזיקע פעלד האָט אין זײַן גאַנצער אומענדלעכער ברייט וואָס ווײַ-טער אַלץ שטילער געהויבן זיך אין דער הייך. דאָס איז געווען א פלאַכער עיפּוי פון א סטעפּישער הויכקייט.

— די דײַטשן, — האָט בען, א ווײַז טוענדיק מיט דער האַנט, דער-קלערט, — געפינען זיך פון יענער זײַט.

ביז מ׳האָט זיך דערקליבן צום ברייטן ראַנד פון דער הויכקייט,

האָט מענ געקאָנט גייִנ אינ פולנ וווקס. דאָ האָבנ זיך געטראָפנ ערד-
שטיבלעך—פּירעקיקע גריבער, פונ אויבנ צוגעדעקטע מיט ברעטער אָדער
דרענגלעך, אפ וועלכע ס׳זײַנען געווענ אָנגעשאָטנ געפרוירענע הרוד-
קעס ערד. ערטערווײַז זײַנענ איבער אזעלכע גריבער פראָסט געווענ
אָנגעצויגנ פלאשטש-פאלאטקעס, פונ אויבנ, פונ מאסקירונג ווענג, פאר-
שאָטענע מיט טרוקענעמ ווילד-גראָז אונ בערגלעך שניי. ס׳איז שטיל
געווענ אפנ באצירק. אינ אייניקע גריבער האָט זיך געהייצט, פונ
טרויבנ, געמאכט פונ א צעלעכערטנ עמער, פונ א צעבראָכענעמ טאָפּ
אָדער, אָפּטער פונ אלצ, פונ ברייטע סנאריאדנ-הילזעס, האָבנ זיך גע-
צויגנ שיטערע, בלויע רויכלעך. דאָ זײַנענ אויך געשטאנענ ווענעלעך
מיט כנאריאדנ-קעסטלעך, פארדעקטע מיט קוריי. אינ איינ ברייטער
גרוב האָט שעליע דערזענ אונטער אנ אָנגעצויגענעמ ברעזענט די רע-
דער אונ טרעפּלעך פונ צוויי פעלד-קיכנ. פונ ערגעצ האָט זיך דער-
טראָגנ א ליד. א רויטארמייער אינ גלאנציקע וואטאָווע הויזנ אונ אינ
א צעשפּיליעטנ לײַבל איז ארויסגעקראָכנ פונ אנ איבערגעדעקטער
גרוב. דערזענ דעמ קאָמאנדיר, איז ער שטיינ געבליבנ א פארגלי-
ווערטער, באגריסנדיק אימ. שעליענ איז עפּעס ווארעמ געוואָרנ אפנ
הארצנ פונ דעמ דאָזיקנ גאנצנ בילד. זי האָט א טראכט געטאָנ, אז
אומעטומ, אפילע אפ אָט דעמ ראנד, ברענגט דער מענטש מיט זיך
היימישקייט, אײַנגעלעבטקייט, עס האָט איר אינגאנצנ ניט אויסגע-
וויזנ שרעקלעך, וואָס די דײַטשנ זײַנענ פונדאנענ סאכאקל עטלעכע
הונדערט מעטער אונ, דעמ עמעס געזאָגט, האָט זיך עס ניט גע-
גלייבט אויך.

אינ א געהויבענער שטימונג אונ מיט אזא געפיל, ווי זי זאָל
דאָ שוינ אמאָל—זי ווייסט אליינ ניט ווענ—האָבנ געווענ, האָט זיך
שעליע אראָפּגעלאָזט נאָך בענענ אינ א שמאָלנ, טיפנ ארײַנגאנג פונ
אנ ערד-שטיבל, וואָס האָט אויסגעזענ פעסטער געבויט, ווי אלע אנ-
דערע. דאָ זײַנענ געווענ אײַנגעלייגט פיר רייענ בערווענעס. דאָס דאָ-
זיקע ערד-שטיבל האָט זיך געפונענ קימאט אפנ ראנד פונ דער הויכ-
קייט. שעליענ, ווענ זי איז צוגעקומענ אהער, האָט זיך אויסגעדוכט,
אז ווענ זי טוט זיך א הייב אופ אפ די שפּיצ פינגער, וואָלט זי
דערזענ דעמ צווייטנ ראנד, ווו די דײַטשנ זײַנענ. עפּעס האָט זיך
איר אויסגעוויזנ, ווי א קעלט זאָל ציִענ פונ דער ברייטער פוסטקייט,
וועלכע צעעפנט זיך פונ יענער זײַט ראנד, נאָר זי האָט אפ די שפּיצ
פינגער זיך ניט אופגעהויבנ. בענ האָט זיך א ביסעלע אָנגעבויגנ, האָט
זי אימ נאָכגעטאָנ אונ זיך אראָפּגעלאָזט איבער די ערד-טרעפּלעך.

אינ עק פונ שמאָלנ, געשלענגלטנ דורכגאנג, אזא שמאָלנ, אז די
אקסל האָבנ זיך געריבנ אינ די לײַמיקע ווענטלעך, איז געווענ א

נידעריק טירל. אינ ערד-שטיבל האָט געברענט אינ א לאַנגער, שמאָלער סנאריאד-הילוע א קאַנעצל. שעליע האָט זיכ דערמאָנט, ווי זי מיט איר ברודער, וואָס איז איצט אויכ ערגעצ אינ שלאכט, פלעגנ זיכ אראָפּלאָזנ מיט א ליכט אינ קעלער אריַינ נאָכ געזויַערטע עפּל. אירע אויגנ האָבנ זיכ ניט באלד צוגעוווינט צו דער טונקעלער רויטלעכער שיַינ. זי האָט צוערשט באמערקט בלויז דעם פארבינדלער מיטנ צום אויער צוגעפעסטיקטנ טעלעפאָנ-טריַיבל. ער איז געשטאנענ באם טישל, א באלויכטענער פונעם נאָענטנ פלאם. דערנאָכ האָט זי דערזענ די צוויי רויטארמייער, וועלכע האָבנ געטראָגנ די מאטאָנעס. וויַאזוי זיי האָבנ אהער אריַינגעשלעפּט דעם קאסטנ, האָט זיכ שעליע אפילע ניט פאַרגעשטעלט.

— נו, ענדלעכ געקומענ! — האָט בענ געזאָגט היימיש, אָפּשפּיליענדיק די רימענס אונ אויסטוענדיק דאָס פעלצל. שעליע האָט דערזענ אָרדענס אונ מעדאלנ אפ זיַינ ברוסט. — די ערשטע מאטאָנע קאָנט איר געבנ טשופּיטשאָוונ, מיַינ פארבינדלער. מאלע, וואָס ער געפינט זיכ, אזוי צו זאָגנ, אינ טיל, גאנצע צוויי הונדערט שפּאנ פונ די שוצגראָבנס, נאָר ער איז פאָרט א כוואט, כ'האָב צו אים גאָרניט... הא, טשופּיטשאָוו, ווי מיינסטו, ביסט ווערט א מאטאָנע?

דער פארבינדלער, מיטנ צוגעפעסטיקטנ טעלעפאָנ-טריַיבל, האָט בענימעסדיק געשמייכלט. זיַינ פּראָסטלעכ, יונג פּאָנעם — די פולבלעכע ליפּנ, די פאריכענע נאָז, די מידע, עטוואָס צוגעשוואָלענע אויגנ האָבנ מיטאמאָל באקומענ א צארטנ אויסדרוק. ער האָט געשויבערט מיט דער ברייטער האנט די קורצ געשוירענע האָר אפנ קאָפּ.

שעליע האָט זיכ ניט באשלאָסנ פרעגנ, אינ וואָס באשטייט די העלדישקיַיט פונ אָט דעם פּראָסטנ יונג. זי איז נאָר צוגעגאנגענ נעענטער, געדריקט אים די האנט. זי האָט אים איבערגעגעבנ א פארבונדנ פּעקעלע, וואָס זי האָט ארויסגענומענ פונ קאסטנ, זי האָט פעסט ניט געדענקט, וואָס דאָרט ליגט — דאכט זיכ: א גאָלמעסער, א שטיקל זייפ אונ מאכאָרקע.

— רופ ארויס פונ באאָבאכטונג-פּונקט מאטערקאָ, — האָט בענ געזאָגט.

אינ א פּאָר מינוט ארום האָט אינ שמאָלנ טירל פונ ערד-שטיבל זיכ קוים דורכגערוקט א הויכער, ברייטפּלייציקער יונג, א שווארצער, ווי א ציגיַינער, מיט ברענענדיקע הייסע אויגנ אונ בלענדנדיקע וויַיסע ציינ. דאָס איז געווענ א גוואר, וואָס האָט געמוזט האלטנ אָנגעבויגנ דעם קאָפּ, קעדיי שטיינ אינ ערד-שטיבל, עס האָט זיכ געדוכט, אז ווענ די סטעליע פונ דיקע בערווענעס נעמט אייַנפאלנ, וואָלט ער זי געקאָנט מיט די אַקסל אונטערהאלטנ.

— לויט אײַער באפעל, כאווער קאפיטאנ! — האָט מאטערקאָ געזאָגט, קאָסענדיק דעמ בליק אפ שעליענ.

— מײַנ אדיוטאנט, — האָט בענ דערקלערט, — באקענט זיכ, לייטענאנט מאטערקאָ. אונ זעצ זיכ צו, ווײַל דו וועסט זיכ ווידער מאכנ א בײַל אפנ שטערנ. דו ביסט געווענ אינ דער נײַנטער ראָטע, ווי איז דאָרט?

— ער שווײַגט, דער דײַטש, — מאטערקאָ האָט זיכ צוגעזעצט לעבנ אייוועלע, אוועקגעלייגט די קרעפטיקע הענט אפ די קני, — ער שווײַגט. נו, כאָדאָראָוו האָט ארויסגעשטעלט וואכ-פאָסטנס, די רעשט שלאכטלײַט רוט אָפ. אינ די איבעריקע ראָטעס אויכ אזוי. די מינענווארפער זײַנע האָבנ דאָ ניט לאנג א ביסל געשאָסנ, האָבנ מיר זיי געענטפערט.

— דאָס האָב איכ געזענ, ער האָט באשאָסנ די שמאָלע באלקע. מיר זײַנענ פונקט געגאנגענ דורכ איר. מער קיינ נײַס האָסטו גאָרנישט באמערקט?

— דאכט זיכ, גאָרניט. אלצ איז שטיל.

— אָט טאקע דאָס איז מיר ניט געפעלנ. נו, מיילע, וועגנ דעמ שפעטער. — די זאכלעכע פארזאָרגטקײַט איז אראָפ פונ בענס געזיכט, אונ עס האָט זיכ אפ דעמ באוויזנ א לוסטיקער שמייכל. פארשײַטע פײַערלעכ האָבנ א לײַכט געטאָנ אינ זײַנע אויגנ, שעליענ האָט פארוואונדערט די שנעלקײַט, מיט וועלכער ס'איז פאָרגעקומענ די דאָזיקע ענדערונג.

— באקומ א מאטאָנע, מאטערקאָ, — ער האָט זיכ געווענדט צו שעליענ. אלע כיינע האָבנ געשפילט אפ זײַנ קלײַענדיק, שארפ געצייכנט פאָנעמ, — ווענ איר גיט אימ א מאטאָנע מיט עפעס א בריווער, ס'א יונג בא אונדז, דער לייטענאנט מאטערקאָ! — א שאָטנ פונ באדויערונג האָט מיטאמאָל פארלאָשנ דעמ שמייכל, — פאשטשענקאָ איז ניטאָ... מײַנ פאָליטיקער... אָט ווער ס'וואָלט זיכ מיט אײַכ דערפרייט, אונ טאקע אימ וואָלט געקומט די ערשטע מאטאָנע. נעכטנ פארוואונדעט. גאנצ שווער... — בענ האָט זיכ אָנגעבויגנ אונטערווארפנ האָלצ אינ אייוועלע, נאָר ניט גלײַכ געפונענ מיט דער האנט די אָנגעהאקטע שטיקלעכ האָלצ. די צוויי רויטארמייער האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ דאָס טאָנ. בענ האָט זיכ אויסגעגלײַכט, זײַנ פאָנעמ איז געווענ רויִק.

שעליע האָט גלײַכ בײַס איר קומענ אהער באמערקט, אז בענ פילט זיכ דאָ אינ ערד-שטיבל עפעס ווי אינ דער היימ. ער איז איר דאָ מער געפעלנ. וואָס ווײַטער, האָט זי אלצ מער ענלעכקײַט געפונענ צווישנ זײַנ אומקערנ זיכ אינ באטאליאָנ אונ סאוועטשענקאָס קומענ אינ פאָלק ארײַנ.

1734—9

— און ווי וועט זײַן ווײַטער? — האָט שעליע ניט זיכער געפרעגט.
— וואָס ווײַטער?
— ווו זײַנען דאָ נאָך מענטשן — רויטארמייער? כ׳וויל אויך צו זיי גיין.
— אָ, דאַן וועט אײַך אויסקומען זייער ווײַט צו גיין, — בען האָט גאַנץ ערנסט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, נאָר אין זײַן שטים האָט שעליע דערפילט גוטמוטיקן שפּאָט, — מ׳וועט מוזן ארויסרופן א ספּע-ציעלן רײַטוואָגן.
ס׳האָבן זי פארטשעפּעט אָט די ווערטער זײַנע, אָבער זי איז אים מוחל געווען, ווײַל זי האָט זיך שוין געפילט שולדיק פאר אים.
— ניין, ניין, אויב מע קאָן, וואָלט איך צוגעגאנגען צו די שוץ-גראָבנס, — האָט זי אײַליק געזאָגט, פילנדיק, אז זי ווערט רויט.
— צו די שוצגראָבנס וועל איך אײַך ניט לאָזן, ס׳איז צו ליכטיק. נאָר צו די מינענוואָרפלער וועט איר קאָנען צוגיין, דאָס איז אין א טאָלכל, דאָרט געפינט זיך אויך דאָס ערד-שטיבל פון די סנײַפּערס, ווען זיי זײַנען פרײַ פון לויערן, רוען זיי אָפּ אין א פּרעכטיקן דײַטשישן בלינדאזש. ניט אנדערש, ווי א פאָלקאָווניק האָט דאָרט געוווינט... ווער איז דאָרט הײַנט דאָ? פאסאר? אָט וועט איר זיך מיט אים באקענען.
בען האָט זיך א ווענד געטאָן צו די צוויי רויטארמייער, וואָס האָבן געבראכט צו טראָגן דעם קאסטן:
— איר גייט דאָך צו זיך — פירט אָפּ דעם גאסט און העלפט איר אוועקטראָגן עטלעכע פּעקלעך. דו, מאטערקאָ, וועסט בלײַבן דאָ א ווײַלע.
שעליע איז אוועק מיט די צוויי רויטארמייער. איר איז דאפקע געפעלן, וואָס בען לאָזט זי ווי אפ אייגענעם באראָט.
אין בלינדאזש בא די סנײַפּערס איז ווירקלעך געווען גאנץ היימ-לעך. אין ווינקל איז געשטאנען אן אייזערנע, צונויפגעלייגט פון ווײַסע און רויטע ציגל אפ ניט קיין רוסישן שטייגער, איבער א טונקעלן, געשניצטן טישל האָט געשײַנט א קײַלעכיקער שפּיגל. א ווייכער שטול איז געשטאנען באם טישל. די נארעס בא די ווענט זײַנען געווען געמאכט פון דיוואן-דעקלעך, אין צוויי שטאָק, ווי אין א וואגאָן. שעליע האָט מיט באפרידיקונג באמערקט בא זיך, אז פאר די סנײַפּערס האָט בען אויסגעטיילט א בעסערן און א מער זיכערן בלינדאזש, ווי פאר זיך.
פון אן אונטערשטער נארע איז אופגעשטאנען א סערזשאנט מיט א ברייטן און טונקעלן געזיכט פון א בוריאט. בא אים זײַנען גע-ווען שמאָל פארשניטענע אויגן, די שווארצע, גלײַכע האָר זײַנען

אראָפּגעפֿאַלן אויפֿן שטערן, בילדנדיק אַ ריכטיק אונטערגעשניטענע ליניע.

— איר זײַט פּאַסאַר? — האָט שעליע געפֿרעגט.

— איך.

ער האָט זיך עטוואָס פֿאַרלוירן, ערגעץ איז דאָס קומען פֿון דעם דאָזיקן מיידל געווען ווי אַ כאַלעם, ווי אַ שפּיצל, וואָס מ'האָט עפּעס מיט אים, מיט פּאַסאַרן, פֿאַרקלערט אָפּטאָן. פֿאַרשטייענדיק דעם דאָזיקן צושטאַנד זײַנעם, האָט שעליע אַ שמייכל געטאָן און אײַליק דערלאַנגט אים אַ מאַטאָנע. זי האָט אים געגעבן אַן אויסגענייט זעקעלע, וווּ ס'זײַנען געלעגן קאָנפֿעטן, טאַבאַק און אַ קאַזאַקישער ווײַסער וואָלענער באַשליק — אַ געשאַנק פֿון אַן אַלטער פּאָר, וואָס זייער זון איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ערגעץ אויפֿן פֿראָנט, דאָרט איז אויך געווען זייערער אַ בריוו צום אומבאַקאַנטן העלד. שעליע האָט געהאַלטן זייער טײַער די דאָזיקע מאַטאָנע. זי איז אַרויס פֿון בלינדאַזש און געלאָזט פּאַסאַרן קומען צו זיך פֿון אומדערוואַרטקייט.

ראַשיק און פֿריילעך האָט מען שעליען אויפֿגענומען בײַ די מינענוואַרפֿלער. ס'איז איר אויסגעקומען אויף אַלע פֿיר אַרײַנקריכן אין אַ גרוב, וווּ ס'זײַנען אײַנגעבעטן שטרוי געזעסן עטלעכע יונגע כעוודע — דער קאָמאַנדיר און די שלאַכטלײַט. דאָ איז געווען פֿינצטער, האָט מען אונטערגעצונדן אַן עלעקטרע־שנור, די גומי־איזאָליאַציע האָט טשאַדענדיק געבערנט און אַ ביסל באַלויכטן דעם מיידלס פּנים, די שלאַכטלײַט האָבן זי באַטראַכט און זיך פֿריילעך געוויצלט. שעליע האָט דערפֿילט, וויפֿל געזונטע מונטערקײַט ס'שטעקט אין די דאָזיקע מענטשן.

אויף צו באַקומען אַ מאַטאָנע איז ספּעציעל אַרויסגערופֿן געוואָרן דער בעסטער אָנצילער כאָדולקאָוו. דאָס איז געווען גאָר אַ יונגער רויטאַרמייער פֿון אַ יאָר אַכצן ניט מער, מיט אַ געזיכט, וואָס האָט נאָך ניט פֿאַרלאָרן דעם אויסדרוק פֿון קינדישקײַט און מיט אָן אַ שיר יוגנטלעכן כיין.

— עך, — האָט ער געזאָגט, באַקומענדיק די מאַטאָנע, — אַ היפּש פּעקל, פֿאַרנייט אין אַ לײַוונט, — ווען דאָ זאָל זײַן כאָטש איין פֿערטל ליטער מיט אַ שטיקל ווורשט, אָט וואָלט עס גוט געווען.

— דו פֿאַרהוסט זיך דאָך, כאָדולקאָוו, ווען דו באַקומסט דײַנע הונדערט גראַם, — האָט עמעץ באַמערקט.

— קאָפּ, ניט וועגן זיך זאָרג איך, נאָר וועגן די כאַוויירים, — האָט כאָדולקאָוו געזאָגט מיט עמעצן פֿאָרוווּרף און איז אַרויסגעקראָכן פֿון גרוב.

פֿאַרהאַלטן זיך נאָך אַ ביסל בײַ די מינענוואַרפֿלער, וואָס האָבן

זי ניט געוואָלט אָפּלאָזן, האָט שעליע זיך געזעגנט און אַף אַלע פיר זיך ארויסגעקליבן פון זייער באהעלטעניש. ביזן קאָמאנדע-פּונקט פון באטאליאָן איז געווען סאכאקל א 150 מעטער, האָט שעליע זיך אָפּ-געזאָגט פון א באגלייטער. איר האָט זיך געוואָלט דערפילן זיך דאָ אינגאנצן היימיש.

ארום האָט געהערשט לויערנדיקע שטילקייט, א דורכויסיקע בליי-ענע כמארע האָט פארצויגן דעם גאָר נאָענטן האָריזאָנט — דאָרט, ווו די דייטשן זיינען געווען. דאָ איז דער הימל איבערן קאָפּ געווען העלער, אָבער אויך פארוואָלקנט, לייכטע שנייעלעך האָבן זיך געדרייט אינדערלופטן, ווי ניט וויסנדיק וווהין בעסער צו פאלן. אָנשטרענ-גונג און פארטייעטקייט האָט זיך געפילט אין אָט דער שטילקייט. ערגעץ האָט פוילבלעך געשטעפּט א קוילנוואַרפער, עס האָט זיך דער-קייקלט פונוויטן א הילך פון א הארמאטן-שאָס, עפּעס האָט א גרילץ געטאָן ערגעץ און אופגעהערט.

שעליע איז שוין קימאט צוגעקומען צום ערד-שטיבל, ווו בעג איז געווען, ווען איבערן טונקל-בלויען הימל, וואָס איבערן הויכן ראנד, האָט זיך א הייב געטאָן א גרינע ראקעטע, זי האָט גאנץ לאנג-זאם דורכגעשניטן די געדיכטע, וואָלקנדיקע בלויקייט, אין דער הייך פארהאלטן זיך א ווײַלע, צעשאָטן זיך אַף באזונדערע פונקען און פארלאָשן געוואָרן. באלד האָבן נאָך עטלעכע אַזעלכע גרינע ראקעטן זיך א הייב געטאָן איבערן פעלד-ראנד. זיי האָבן זיך נאָך ניט בא-וויזן אויסלעשן, ווי ס'האָט מיטאמאָל א בלענד געטאָן א פערטל הימל, דאָרט, ווו די דייטשן זיינען געווען, אזוי אַז שעליע האָט דערזען די שווארצע קאָנטורן פון באזונדערע נידעריקעביימלעך און אפילע די גראָזן, וועלכע זיינען געוואקסן אפן ראנד. די גאנצע לופט איז פארפולט געוואָרן מיט ווילדן, וויענדיקן פייפ. דאָס הארץ האָט זיך צונויפגעדריקט און ס'האָט פארלייגט די אויערן, שווארצע זיילן מיט רויטע פייער-בליצן אין דער מיט האָבן זיך געהויבן אָט דאָ, אָט דאָרט איבערן גאנצן שיפּוי און אזוי נאָענט פון שעליען, אַז ס'האָט זיך איר אַף אַן עמעס א דוכט געטאָן, אַז די ערד האָט זיך ארום איר צעשפּאָלטן.

זי האָט טכילעס אפילע זיך ניט פאנאנדערגעקליבן, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען, כאָטש זי האָט שוין געהאט געהערט דעם פייפ פון סנאריאדן און דעם ווי פון מינעס. באלד אָבער האָט זי זיך מיטן גאנצן קויעך א ריס געטאָן פאָרויס, איין געדאנק האָט זי באהערשט — דערלויפן צום קאָמאנדע-פּונקט. זיילן ערד האָבן זיך אַלץ געהויבן ארום איר, די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט רויך און פלאַם און מיט אַ טרוקענעם איבערגעברענטן שטויב. דאָס אַלץ האָט געפלא-

טערט מיט א מוירעדיקער קראפט, ווי פונ א ריזיקנ צוג־ווינט,
שטארקע לופט-כוואליעס האָבנ פארשלאָגנ דעמ אָטעמ. שעליע האָט
זיכ מאמעש ארײַנגעוואלגערט אינ שמאָלנ ארײַנגאַנג פונ ערד-שטיבל.
דאָ איז זי א ווײַלע זיצנ געבליבנ א פריטשמעליעטע, נאָר באלד
געקומענ צו זיכ.

פונ אויבנ האָט די ערד געקאָכט פונ שטארקע אופרײַסנ ווי א יאַמ,
אזוי געפיבערט, אז אפילע דאָ אינ גרוב האָט עס שעליענ אונטער-
געוואָרפנ. דאָס טירל פונ ערד-שטיבל האָט זיכ געעפנט, אונ ס'האָט
פונ דאָרט געגעבנ א קוק ארויס בענ. זײַנ פּאָנעמ איז געווענ שטארק
באשעפטיקט. דערזענ שעליענ, האָט ער מיט ניט געמאכטער צופרידנ-
קײַט א שמייכל געטאָנ:

— אכ, איר זײַט דאָ?.. אונ איכ האָב שוינ איבערגעקלערט, ווער
ווייסט וואָס. גאנצ? ארײַנ אהער. ס'האָט זיכ פּארדרייט א זאווערוכע...

שעליע איז ארײַנ אינ ערד-שטיבל, אונ בענ האָט גלײַכ ווי פאר־
געסנ אינ איר. ער האָט גענומענ ריידנ אינ טעלעפאָנ-טרײַבל,
וואָס ער האָט געהאלטנ אינ האנט, בייס ער האָט געעפנט דאָס טירל.
ער האָט אָפּגעגעבנ קורצע באפעלנ. ער איז געווענ אָנ א היטל, די
געלע האָר צעשויבערט, די גימנאסטיאָרקע צעלאָזנ. פונ די אויגנ
זײַנע, פארגאָסענע מיט שײַנ פונעמ קאנעצל אונ ארומגעזוימטע מיט
העלע, שארפע וויִעס, האָבנ ווי פונקענ געשפריצט, ער האָט אינגאנצנ
געקאָכט, ווי דער ניט גרויסער קערפּער זײַנער זאָל זײַנ אָנגעפילט מיט
קראפט, וואָס שפּארט פונ אימ. קיינ טראָפנ פארלוירנקײַט האָט שעליע
אינ זײַנע באוועגונגענ ניט באמערקט. זי האָט זיכ צוגעזעצט אינ א
ווינקל אפ א הילצערנער נארע אונ געקוקט אפ אימ מיט א פאר-
טײַעטנ אָטעמ, זיכ אײַנגעהערט אינ זײַנע באפעלנ. זי האָט אינ דער
רעגע ניט געהערט, וואָס עס טוט זיכ אינ דרויסנ. אונ פונקט אזוי
ווי זי, האָט באגײַסטערט, באצויבערט אונ גרייט אויסצופילנ דעמ
מינדסטנ באפעל פונעמ קאָמאנדיר, געקוקט אפ בענענ דער פארבינד-
לער טשופּיטשאָוו, וואָס האָט אויכ געהאלטנ א טעלעפאָנ-טרײַבל באמ
אויער.

געענדיקט ריידנ, אוועקגעשיקט ערגעצ, ווי שעליע האָט פאר־
שטאנענ, מאטערקאָ, געגעבנ אָנווײַזונגענ די ארטילעריסטנ, די מי-
נענווארפלער אונ די פאנצער-ברעכער, אָפּגעענטפערט עפּעס סאוו-
טשענקאָ פעסט אונ רויִק, האָט בענ א זאָג געטאָנ צו טשופּיטשאָוונ:

— נו, ברודערקע, וויקל נאָר צונויפ איינ קלעצל דײַנס, מירנ זיכ
אריבערקלײַבנ אפנ באאָבאכטונג-פונקט...

יענער האָט פלינק גענומענ צונויפוויקלענ איינעמ פונ די צוויי
טעלעפאָנ-קאבעלנ. בענ האָט ארופגעכאפּט אפ זיכ דאָס פעלצל, איינס

און צוויי פּאַרצויגנ די רימענס, דאָס געווער אינ די הענט — און צו דער טיר. שעליענ האָט ער געזאָגט:

— איך וועט דאָ אויסקומענ, מיידל, פאַרבלייבנ א ביסעלע אליינ... איך וועל זיינ ניט גאָר ווייט פונ איך — א מעטער צוויי הונדערט. איר זייט, דאכט זיך, ניט פונ די שרעקעוודיקע. האלט אונטער, ביטע, דאָס פייער אינ אייוועלע, כ׳האָב ליב, ס׳זאָל זיינ ווארעמ, ווענ כ׳קער זיך אומ.

ער איז אוועק, נאָך אימ — דער פאַרבינדלער.

צוויי אופרייסנ האָבנ א שטארקנ טרייסל געטאָנ דאָס ערד-שטיבל, ווענ בענ מיטנ פאַרבינדלער זיינענ ארויס. שעליע האָט זיך געוואָלט א לאָז טאָנ נאָך זיי, א קוק געבנ, צי ס׳האָט קיינעמ ניט געשאט. אָבער זי האָט דערהערט, אז זיי זיינענ נאָך אינ דורכגאנג. זי האָט ניט געוואָלט, מע זאָל מיינענ, אז זי האָט מוירע.

זי האָט טאקע גענומענ צולייגנ האָלצ אינ אייוועלע. באלד אָבער האָט זי אוועקגעוואָרפנ דאָס בעריאָזע-קלעצל און זיך געלאָזט אינ שמאָלנ דורכגאנג — זי האָט דערהערט, אז בענ און טשופּיטשאָוו זיי-נענ ארויס פונ דאָרט. זי האָט זיך אָנגעבויגענערהייט דערקליבנ צו די דריי טרעפּלעך, פאַרזיכטיק זיך אופגעהויבנ אפ זיי און א קוק געטאָנ אינ פעלד. דער גאנצער ארומ איז געווענ פאַרצויגנ מיט רויך, רויטע פייער-שטיקער האָבנ געבלענדט די אויגנ. בארג-ארופ זיינענ אָנגעבויגענערהייט געלאָפנ פאָרויס בענ, נאָך אימ — טשופּיטשאָוו, שלעפּנדיק נאָך זיך דאָס טעלעפאָנ-קלעצל... זיי זיינענ פאַרשווונדנ ערגעצ באמ סאמע ראנד פונ דער הויכקייט. שעליע האָט מיט א שווערנ געפיל זיך אומגעקערט צוריק אינ ערד-שטיבל און גענומענ ווידער הייצנ דאָס אייוועלע. זי האָט זיך אומיסטנ פאַרטיפט אינ דער דאָזיקער ארבעט, גענומענ שפּאלטנ שפּענדלעך און לייגנ זיי צווישנ די שייטלעך האָלצ, אונטערגערוקט א ביסל פּאַפּיר. דאָס פייער האָט זיך צעפלאקערט, און פונ דעמ איז איר היימלעכער געוואָרנ...

א גרויסע צארטקייט האָט זיך אינ איר דערוועקט צו בענענ, צומ קאָמאנדיר פונ דריטנ באטאליאָנ. ערשט היינט אינדערפרי האָט זי אימ ניט געקאָנט, ניט געוווסט, אז עס לעבט גאָר אזא אפ דער וועלט, דערנאָך איז ער איר ניט געפעלנ, א געלער, ניט גאָר קיינ קרעפּ-טיקער, און אָט איצט איז ער איר טייער, און דאָס הארצ אירס ווערט צונויפגעדריקט פאר אומרו, ס׳זאָל מיט אימ קיינ בייזס ניט פּאסירנ און די אטאקע זאָל אָפּגעשלאָגנ ווערנ. וועגנ זיך האָט זי ניט גע-טראכט, עפּעס האָט זי זיך געפילט זיכער אונטער דער שוצ פונ די דאָזיקע מענטשנ.

זי האָט דערהערט א גרילצנ און רוישנ פונ טאנקענ און ניט

געוווסט, פון וועמענס זײַט דאָס קומט — פון אונדזוערער צי פון דער דײַטשישער. זי איז אופגעשטאנען, נאָר געצוווּנגען זיך ווידער צוזעצן צום אײוועלע, גענומען שפארן אהין א שײַט האָלץ.

מיטאמאָל האָט זי דערזען אן אווטאָמאט אף דער וואנט איבערן טישל און אים פלינק אראָפגעכאפט. מיט אן אווטאָמאט האָט זי זיך געקאָנט באגיין. דער דיסק איז שווער געווען פון קוילן. דאָס איז אן איניען. זי האָט זיך אָנגעבויגן אונטערן טישל און געפונען נאָך עטלעכע דיסקן. זי האָט דאָס אלץ אוועקגעלייגט אף דער נארע און מיט א שמאטע גענומען ארומווישן דעם אווטאָמאט.

און אין דרויסן האָט געדונערט — דאָס גאנצע ערד-שטיבל האָט זיך געוויגט. שעליע איז צו צום טעלעפאָן. זי האָט גענומען דאָס טרײַבל און צוגעלייגט עס צום אויער. עמעץ האָט גערעדט. זי האָט דערקענט בענס שטים. — „גאָלאָווקאָ!“ — האָט ער גערופן, — „גאָלאָווקאָ“. עמעץ האָט אים געענטפערט: „איך הער — טאראסאָוו... גאָלאָווקאָ איז פארוווּנדעט!“ — „פארוווּנדעט? טאראסאָוו, עס גייען אף אײַך זעקס טאנקען... האלט זיך ביז לעצט!“ — „מירן שטיין ביז לעצט!“ שעליע האָט פארביסן א ליפ, א שווייס האָט זי באשלאָגן. א ווײַלע האָט דאָס טרײַבל געשוויגן, נאָר באלד האָט זיך דאָרט ווידער דערהערט בענס שטים, ווי ער זאָל זײַן דאָ דערנעבן, פון יענער זײַט וואנט: „טשעמיזאָוו, טשעמיזאָוו!“ — „איך בין פאר טשעמיזאָוון, ס'האָט אים פארוואלגערט“. — „ווער איז דאָס?“ — „סאכארטשוק“. — „סאכארטשוק... צולאָזן די פעכאָטע וואָס נעענטער... וויפל קוילנוואַרפער זײַנען בא אײַך גאנץ?“ — „איינער, טשערעדניטשענקאָס!!“ — „אָסטיאקאָוו“! — האָט בען געוויפן, — „אָסטיאקאָוו, וווּהין לויפן דײַנע מענטשן?!“ און באלד האָט שעליע דערהערט, ווי בען האָט זיך א ווענד געטאָן צו עמעצן, וואָס האָט, זעט אויס, זיך געפונען לעבן אים: „מאטערקאָ, אנו — אהין!... פארקערע...“ מיטאמאָל האָט זיך אין טעלעפאָן-טרײַבל דערהערט א שטארקער רויש און גלײַך פארשטילט געוואָרן. שעליען האָט א קעלט דורכגענומען. איר הארץ האָט שטארק גענומען קלאפן. זי האָט א כאפ געטאָן דעם אווטאָמאט און זיך א וואָרף געטאָן אין ענגן ארויסגאנג.

ווען זי האָט זיך אופגעהויבן אף איין טרעפל, איז זי דערשיטערט געוואָרן פון דעם בילד, וואָס האָט זיך פאר איר צעעפנט. זי האָט ניט דערקענט דאָס פעלד. דער גאנצער שיפוי איז שווארץ געווען פון סנאריאדן-גריבער, די ערד האָט ווי געברענט און גערייכערט זיך, דאָ און דאָרט האָבן שטיקער פײַער געבלענדט, א הילכערײַ און א פײַפן איז געשטאנען ארום, אז שעליע האָט געמוזט דאָס מויל צעעפענען, ס'האָט איר דעם אָטעם פארשלאָגן. דאָ און דאָרט זײַנען מענטשן געלאָפן. זי האָט זיך פארוווּנדערט: אזוי ווייניק

מענטשנ אונ אזא ריזיק פײַער. צוויי טאנקענ האָבנ געברענט אפנ סאמע ראנד פונ בארג-שיפּוי, נאָכ איינער איז געווענ ארומגעוויקלט מיט קנוילנ רויכ. א ביסעלע נידעריקער האָבנ צוויי טאנקענ געפויזעט גלײַכ איבערנ פעלד, ווי ריזיקע, בלינדע אונ מאָדנע פארקשנטע זשוקעס. אונ גלײַכ אנטקעגנ זיי זײַנענ אונטערגעשפּרונגענ הארמאטנ, וואָס האָבנ פונדערווײַטנ אויסגעזענ גאָר קליינ אונ ווי מיט קייטנ צום אָרט צוגעשמידט, פונ די רערנ האָבנ זיכ געריסנ שטיקער פײַער, מענטשנ האָבנ דאָרט ארום געהאוועט, געמאכט מיט די הענט... שעליע האָט ווי א פארקישעפטע געקוקט אפ דעמ דאָזיקנ בילד.

מיטאמאָל האָט זי דערזענ, ניט ווײַט פונ ערד-שטיבל ליגט א מענטש מיט פארוואָרפענע הענט אונ מיט אויסגעשטשירעטע ציינ. שעליע האָט א ציטער געטאָנ. זי האָט ניט ווילנדיק געגעבנ א טראָט צוריק אונ איז גיכ אראָפּ פונעמ טרעפּל. א שפּליטער האָט דורכגעשניטנ די לופט אונ זיכ א האק געטאָנ אינ לײמיקנ ווענטל איבער איר קאָפּ.

פארנ ארײַנגאנג איז אויסגעוואקסנ א מענטש, וואָס האָט געטראָגנ אפ די הענט א צווייטנ. ער האָט זיכ א שווערנ וואקל געטאָנ אונ אוועקגעשטעלט די פיס אפנ אייבערשטנ טרעפּל. אינעמ שווארצנ, צעפּאטלטנ מענטשנ מיטנ צעריסענעמ, פארבלוטיקטנ פעלצל האָט שעליע דערקענט בענענ אונ זיכ א וואָרפ געטאָנ צו אימ. זי האָט אימ געהאָלפנ אראָפּלאָזנ איבער די טרעפּלעכ טשופּיטשאָוונ. ער איז געווענ פארווונדעט אינ אקסל. ווענ דער פארבינדלער איז ליגנ געבליבנ בא דער שוועל, האָט בענ זיכ א וואָרפ געטאָנ צומ טעלעפאָנ-טרײַבל.

— נעווא! נעווא! — האָט ער מיט א הילצערנער שטימ גענומענ רופנ, — נעווא? פּאָדפּאָלקאָווניק סאווטשענקאָ?.. עס טיילט מיט בענ... קאפּיטאנ בענ... מײַנ באאָבאכטונג-פּונקט איז פארשאָטנ, איכ בינ אפנ קאָמאנדע-פּונקט... די זיבעטע ראָטע האלט זיכ פעסט, אינ דער נײַנטער איז אוועק מאטערקאָ... גיט א פארצוימ-פײַער אפנ באצירק פונ דער אכטער אונ נײַנטער ראָטע — אהינ גייענ אויכ זעקס טאנקענ... דער אָריענטיר — צוועלפ, פערצנ, פופצנ... כ'וועל מיטיילנ אינ צענ מינוט ארומ... יאָ, יאָ...

— טאראסאָוו! — האָט ער ווידער גענומענ רופנ אינ טרײַבל, — טאראסאָוו, אָקא!.. טאראסאָוו איז טויט!? — זײַנ פּאָנעמ האָט ווייטעקדיק זיכ א מינע געטאָנ, ער האָט זיכ אָנגעטאָנ א קויעכ אונ גערעדט ווײַטער, — סערזשאנט קורענאָי, נעמט אפ זיכ די אָנפירונג מיט דער באטאריי... גיט א פארצוימ-פײַער לויטנ אָריענטיר פופצנ... מאטערקאָ, מאטערקאָ! — ער האָט מיטאמאָל זיכ גענומענ אײַנהערנ, צוגעדריקט אזוי צומ אויער דאָס טרײַבל, ווי ער זאָל עס וועלנ אינ

שלייף אריינקוועטשן, ער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אפן בענקל, זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט ווילדע אָנשטרענגונג. ער האָט האסטיק זיך א לאָז געטאָן צום טירל פון ערד-שטיבל. שעליע האָט אופגעשניטן טשופיטשאָווס גימנאסטיאָרקע באם אקסל, אנטבלויזט זיין ווונד, שנעל זי פארדעקט מיט א שטיק מארליע פון זיין אינדיווידועלן פּאקעט און איז ארויס אין דורכגאנג נאָך בענען. ער איז, ווי א פארשטייענרטער, געשטאנען אפן אונטערשטן טרעפּל און געקוקט אין פעלד, בלויז די מוסקולן אפ זיינע שארפע קינבאקן האָבן פיבערדיק זיך באוועגט, און די אויגן האָבן געברענט מיט א קאלטן פייער. ווען שעליע איז צו צו אים, האָט זי דערזען, אז א הונדערט פופציק מעטער פונדאנען טראָגט זיך ווילד גלייך פון ראנד א טאנק, ס'גלאנצן זיינע קייטן, ערד שפריצט פון אונטער זיי, א קוילנווארפער שיסט פון טורעם. „ס'איז דאָך גלייך אפ די מינענווארפער!" — האָט בא שעליען דורכגעבליצט א געדאנק. פלוצעם האָט זי דערזען, אז אנטקעגן דעם טאנק כּויזעט א רויטארמייער. אלץ האָט געדויערט א מינוט, עפשער וויניקער. דער רויטארמייער איז שוין געווען לעבן א שוצגראָבן, ער האָט זיך א הייב געטאָן אפ אריינשפּרינגען אהין, נאָר טייקעף א פאל געטאָן לעם ראנד, ער איז געלעגן א ביסל אין א זייט פון דעם אָרט, ווו דער טאנק האָט באלד געמוזט דורכלויפן, יענער איז שוין סאכאקל עטלעכע שפאן פון אים. און דאן האָט דער רויטארמייער, שווער א הייב טוענדיק זיך, מיט קויעך זיך א קייקל געטאָן אונטער די קייטן. א ריזיקער זייל פייער און רויך האָט א שפּריץ געטאָן אינדערלופטן, די ערד האָט א ציטער געטאָן. ווען דער רויך איז עטוואָס צעגאנגען, איז דער טאנק געשטאנען אָנגעבויגן אפ איין זייט, איינגעגראָבן מיטן מאָטאָר-טייל אין אן אויסגעברענטער גרוב, א געל פייער האָט זיך געגליטשט איבער זיין שווארצער פּאנצער־דעק.

— ניטאָ כאָדולקאָוו!.. — האָט בען מאָדנע שטיל געזאָגט.

און שעליע האָט א טראכט געטאָן: דאָס האָט ער געבעטן א פערטל ליטער פאר זיינע כאווירים...

נאָך איין טאנק איז אריבער איבערן ראנד. בען האָט זיך א וואָרף געטאָן אין ערד-שטיבל און אומגעקערט זיך מיט צוויי שווערע גראנאטעס. — וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער בייז זיך א ווענד געטאָן צו שעליען, — אנו — אין בלינדאזש! פארנעמט זיך מיט טשופיטשאָוון.

שעליע האָט זיך פארהאלטן נאָך א רגע. זי האָט געזען, אז דער טאנק גייט גלייך אהער, בען האָט אפ איר א קוק געטאָן באפוילעריש און איינצייטיק בעטנדיק, ווי ס'זאָל אים דאָ ענג זיין. איז זי שטיל אוועק אין ערד-שטיבל, זי האָט זיך גענומען איבערבינדן די ווונד. די הענט האָבן געוויקלט די מארליע, און די אויגן אירע האָבן

דורך דער צוגעמאכטער טיר געזען אפ די טרעפּלעך פון דורכגאנג בענען.

א מעכטיקער דונער האָט ווידער א טרייסל געטאָן דאָס ערד־שטיבל. דאָס טעלעפאָן-טרײַבל איז אראָפּגעפאלן אפ דער ערד, פונעם אויסגעלאָשענעם אייוועלע האָט זיך א הייב געטאָן אש. בען איז ארײַנגעגאנגען מיט וואקלדיקע טריט, אפ זײַן שטערן איז געווען בלוט, דאָס גאנצע פּאָנעם איז געווען באדעקט מיט ערד.

ער האָט אופגעהויבן דאָס טעלעפאָן-טרײַבל.

— נעווא! — האָט ער מיד א רוף געטאָן, — נעווא!.. דער דריטער באטאליאָן האלט זיך... כ'וועל מיטיילן ווידער אין פינף מינוט ארום...

ער איז ווידער ארויס אין דורכגאנג, פארכאפנדיק דעם אווטאָמאט, וואָס שעליע האָט אָנגעגרייט, ס'האָט זיך דערהערט א הילכיק שטעפן.

מיטאמאָל האָט זיך עפּעס שווער א וואלגער געטאָן אין דורכגאנג, ס'האָט זיך דערהערט א מוירעדיקער רויש, א גרילצערײַ. דאָס טירל פונעם ערד-שטיבל האָט זיך צעפּראלט, הרודעס ערד האָבן זיך א שאָט געטאָן, דאָס פלעמל איז אויסגעלאָשן געוואָרן. עפּעס ריזיק שווערס איז ארופגעקראָכן אפן ערד-שטיבל, די בערווענעס, וואָס האָבן אונטערגעהאלטן די סטעליע, האָבן א קרעכץ געטאָן. אין דער פינצטערניש האָט שעליע דערשפּירט, אז עמעץ איז אריבערגעקראָכן איבער דער שוועל און אופגעשטאנען.

— בען? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, איך...

„וואָס איז דאָס?“ — האָט זי געוואָלט פרעגן, נאָר זיך אָפּגעהאלטן.

ער האָט אָנגעריבן א שוועבעלע, אָנגעצונדן דאָס קאנעצל.

— אָט וואָס... — האָט ער געזאָגט. שעליע, ווי זי איז געשטאנען אפ די קני לעבן פארווונדעטן טשופּיטשאָווען, אזוי איז זי שטיין געבליבן. בען האָט פאַרהאלטן א ווײַלע אפ איר זײַן מאָדנע קאלטן און איינצײַטיק אזא טיף-רירנדיקן בליק, — אָט וואָס, שוועסטערקע... איך ווייס ניט, צי ס'וועט אונדז שוין אויסקומען ארויסגיין פונדאנען... א טאנק שטייט אפ אונדזער ערד-שטיבל... אויב ער וועט באלד זיך נעמען דרייען אפ איין אָרט, קאָן ער אונדז פארײַבן אין דער ערד... אזא מאזל שוין בא אײַך — איר זײַט פונקט געקומען צו א רעכטער סימכע... האלט זיך שטארק.

שעליע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און מיט ציטעריקע פינגער זיך גענומען פארקניפּן דעם באנדאזש אפ טשופּיטשאָווס אקסל. בען האָט ארויסגעשלעפּט פון א קעסטל אונטערן טישל פיר גרויסע

גראנאטעס. ער האָט געפּרוווט אַ ציִ טאָן דעם טעלעפאָן־קאַבעל פון דער וואַנט, זעט אויס, אַפּ צונויפבינדן די גראַנאַטעס, נאָר מיטאַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן און צוגעדריקט דאָס טעלעפאָן־טרייבל צום אויער. זיין פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אַנציקונג און פרײדיקע פאַרוווּנ־דערונג.

— נעווא! — האָט ער ניט זיכער אַ רוף געטאָן, און שטאַרקער, — נעווא!.. נעווא!.. כאָווער פּאָדפּאָלקאָווניק, עס טיילט מיט בען... יאָ, בען... דעם סוינעס טאַנק איז זיצן געבליבן אַפּ מיין ערד־שטיבל... וואָס? איר זעט אַלץ אין בינאָקל?.. אַרויסגיין קאָנען מיר ניט... אויב ער וועט אונדז דאָ וועלן פאַרייבן מיט די קייטן... אויב ער וועט זיך פּרוּוון אונדז פאַרייבן — רייס איך זיך אויף צוזאַמען מיט אים...

בא שעליען האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט. עפּעס איז איר אין דער רעגע אַ ראַכמאָנעס געוואָרן גאָר אַפּ טשופּיטשאָוון, זי האָט פיבערדיק אַ טראַכט געטאָן: „וווהין וואָלט מען אים געקאָנט אָפּטראָגן, אַז ס'זאָל אים ניט שאַטן?" — זי איז שטיל אופגעשטאַנען און צו צו בענען. זי האָט אים אָנגענומען מיט ביידע הענט פאַר דער האַנט, מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש. זי האָט אים מיט דעם געזאָגט, אַז זי איז איינשטימיק. בען האָט שווייגנדיק, מיט באַ־וויליקונג, אַ קוק געטאָן אַפּ איר, איינהערנדיק זיך אין טרייבל: „וואָס, ווער איז דאָ מיט מיר? דאָס מיידל פון שטאָט..." — מיטאַמאָל האָט ער זיך צעשמייכלט, אַ קער געטאָן זיין צאַרט־שיינענדיק פּאָנעם צו שעליען: „כאַ, כאַ, כאַ! מיך כאַסענע מאַכן? איך האָב דאָך אַ ווייב מיט צוויי קינדער..."

„וואָס זאָגט ער?" — האָט שעליע אַ פרעג געטאָן מיט די אויגן. זי האָט צוגעלייגט אויך איר אויער צום טרייבל בא דער צווייטער זייט. אַפּ איר באַק האָט זי דערפילט דעם צוריר פון בענס האָר. זי האָט דערהערט סאַווטשענקאָס באַסאָווע שטים: „האַלט זיך, איר וועט ביידע בא מיר לעבעדיק זיין!"

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט שעליע געפרעגט, ווען בען האָט עטוואָס אָפּגעטוליעט דאָס טרייבל פון אויער.

— אַ מענטש... ער זאָגט, ער וועט אונדז נאָך כאַסענע מאַכן ביידן, מיר זאָלן זיך האַלטן. איך האָב אַ ווייב, זאָג איך אים, און ער מאַכט: שרייַ ניט אַזוי, דאָס מיידל איז דאָך דאָרט, זי וועט דער־הערן אין דיך ניט ליב קריגן...

* * *

ווען דער שווערער דײַטשישער טאַנק האָט זיך באַוויזן אויפֿן בארג-ראַנד און מיט אַ ווילדער שנעלקייט זיך גענומען טראָגן אַראָפּצו, אויף בענס קאָמאַנדע-פּונקט, לעבן וועלכן איין טאַנק האָט שוין געברענט, האָט דער סנײַפּער פֿאַסאַר, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ פּאָזיציע לעבן זײַן בלינדאַזש, מיט פֿאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן, אַז הונדערט מעטער איז צו ווײַט אויף צו וואַרפֿן אַ קעגנטאַנק-גראַנאַטע און צולויפֿן אויף צו באַשיצן דאָס ערד-שטיבל וועט ער שוין ניט באַווײַזן. נאָר דאָ האָט ער באַמערקט, אַז דער פֿײַנטלעכער טאַנקפֿירער האָט עטוואָס אָנגעטאָן אויף אַ ווײַלע דעם פֿאָדערשטן ליוק. זעט אויס, אַז מאַכמעס דעם שטויב און רויך, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן בארג-ראַנד, האָט ער שלעכט געזען, וווּהין ער טראָגט זיך. און די דאָזיקע ווײַלע איז געווען גענוג פֿאַר פֿאַסאַרן. ער האָט נאָר עטוואָס אַ באַוועג געטאָן זײַן סנײַפּער-ביקס און אויסגעשאָסן גלײַך אין די ברילן, וואָס האָבן אַ גלאַנץ געטאָן באַם טאַנקיסט אויפֿן שטערן. לויט דער אינערצ איז נאָך דער טאַנק געלאָפֿן אַ ביסל, אַרײַן מיט איין קייט אין דורכגאַנג פֿון ערד-שטיבל, מיט דער צווייטער אַרויף אויפֿן איבערדעק פֿון דיקע בערווענעס און איז שטיין געבליבן, ערשט דעמלט האָבן די דײַטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפֿונען, זיך געכאַפּט, אַז ס'איז אומגעקומען דער טאַנקפֿירער. ביז זיי האָבן באַוויזן אָפּשלעפּן דעם טויטן און אוועקזעצן אַ צווייטן אויף זײַן אָרט, איז דער מאָטאָר אַנשוויגן געוואָרן. איידער מ'האָט אים אָפּסנײַ געלאָזט און איידער די דײַטשן האָט זיך אײַנגעגעבן עטוואָס אויסקערעווען דעם טאַנק, ער זאָל קאָנען אַרויס פֿון גרוב, האָט סאַווטשענקאָ באַוויזן צוקײַקלען פֿון אַ זײַט, דורך אַ שמאָלן טאָלכל, אַ קעגנטאַנק-האַרמאַט. מע האָט אוועקגעשטעלט דעם בעסטן אָנצילער, ווײַל מ'האָט געדאַרפֿט טרעפֿן גלײַך אין טאַנק, ניט אָנטוענדיק קיין שאָדן אונדזערע. דער האַרמאַט האָט אַרויסגעלאָזט צוויי סנאַריאַדן. דער טאַנק האָט זיך איבערגעקערט און אָנגעהויבן ברענען.

איצט האָט מען באַדאַרפֿט זיך דערקלײַבן צו די פֿאַרשאָטענע אין ערד-שטיבל. דער ערשטער האָט זיך אַהין דערגראָבן פֿאַסאַר.

— דער כאַווער קאָמאַנדיר לעבט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — און דאָס מיידל לעבט, און טשופּיטשאָוו, אוי, פֿאַסאַר זעט פֿיל פֿרייד.

סאַווטשענקאָ איז צו צו דער גרוב און גענומען העלפֿן אַרויסקריכן צוערשט שעליען, דערנאָך בענען. פֿאַסאַר איז געבליבן מיטן פֿאַרווונדעטן טשופּיטשאָוו, וועלכן מ'האָט ניט געטאָרט רירן פֿון אָרט. דער איבערגעקערטער דײַטשישער טאַנק האָט טשאַדענדיק געברענט, אַ קויל-שוואַרצער רויך האָט זיך געהויבן פֿון אים. דאָס שלאַכט-גערויש האָט זיך איבערגעקויקלט אויף יענער זײַט באַרג-ראַנד. איבערן

גאַנצן שיפּוי האָבן זיך באַוועגט שלאַכטלײַט, וועד עס האָט געשלעפּט מינענוואַרפער, ווער עס האָט געצויגן דראָטן, ס'האָבן זיך גערוקט אַרטילעריסטן אַף טראַקטאָרס...

א מעכטיקער אין זײַן בורקע און אין דער פּאַפּאַכע, איז געשטאַנען סאַוואַטשענקאָ. ער האָט מיט זײַנע לאַנגע, קרעפּטיקע הענט אַרומגעכאַפּט בענען, און יענער איז ווי דערטרונקענע געוואָרן אין זײַנע אָרעמס, פאַרדעקט געוואָרן מיט די פּאָלעס פון דער בורקע...

שעליען האָט סאַוואַטשענקאָ אוועקגעלייגט ביידע הענט אַף די אַקסל, זײַן פּאָנעם מיט די לאַנגע וואָנצעס האָט געשײַנט:

— נו, עמעס, אַז א שעד צווישן שיידים! א בען, הא? דער דריטער באַטאַליאָן האָט זײַן זאַך אָפּגעטאָן ערלעך, פאַרהאַלטן דעם דײַטש. נו, איצט וועלן מיר אים שוין אָנפּאַטשן.

א סנאַריאַד האָט זיך צעריסן ניט ווײַט.

— אוי, ווי בייז ער שפּײַט זיך דאָס. אַז דער סוינע שפּײַט אַזוי, איז א סימען, אַז ער איז גוט אין קאַס. נו, קומט צו מיר אין קאָמאַנדע-פּונקט. אָט דאָ וועט ער זײַן, אינעם בלינדאַזש מיטן קונציקן הרובקעלע.

אין א שאָ אַרום, ווען די נאַכט האָט שוין אַראָפּגענידערט, האָט שעליע זיך געזעגנט מיט סאַוואַטשענקאָ און מיט בענען.

— שאַ, און א מאַטאָנע האָט ער באַקומען? — האָט סאַוואַטשענקאָ זיך א כאַפּ געטאָן.

— א מאַטאָנע? — שעליע האָט געהאַלטן בענס האַנט — א לענגלעכע, א קלײַנדיקע, א פּײַטלעך-וואַרעמע. עס האָט זיך איר מיטאָמאָל פאַרוואָלט פאַר אַלעמען אין די אויגן אים א קוש טאָן, אַרומנעמען זײַן קופּער-רויטן קאָפּ און צודריקן אים צו זיך. נאָר זי האָט דאָס ניט געטאָן. — מירן זיך ניט רעכענען, — האָט זי שטיל געזאָגט, — ווער ס'האָט דאָ געגעבן א מאַטאָנע און ווער ס'האָט זי באַקומען...

בען האָט מיט א פאַרלוירענעם שמייכל א קוק געטאָן אַף איר, אַזא פּראָסטער און שטילער, ער האָט לײַכט א צי געטאָן זײַן האַנט און געגומענע אַרופשלעפּן אַף איר די פוטערנע הענטשקע.

דורכ די ערטער, איבער וועלכע זי האָט ערשט הײַנט באַטאָג געפּויזעט, האָט שעליע זיך אומגעקערט אין דיוויזיע אַף סאַוואַטשענקאָס בריטשקע. סאַוואַטשענקאָ און בען זײַנען פאַרבליבן אַפן באַרגשיפּוי אָנגפּרן מיט דער שלאַכט, וואָס האָט זיך פאַרצויגן אַף באַנאַכט. אַף דער בריטשקע איז אויך געפאָרן מאַטערקאָ, ער איז געווען פאַרווונדעט אין פוס. אַן אײַנגעקלאַמערטן צווישן צוויי לאַנגע דיקטן און א פאַרוויקלטן אין מאַרליע האָט ער געהאַלטן דעם פוס אַפן פאַרענטש.

— ס׳אַרא שאָד, גאָר ניט צו דער צײַט קומט אויס אוועקצו־פאָרן... — האָט ער געזאָגט. ווען די בריטשקע איז פאַרבײַגעפאָרן די טונקעלע, מעשונעדיק צעבויגענע ווערבעס אין טאָל, — דאַכט זיך וואָס, די גאַנצע צײַט אין באַוועגונג, אין פײַער, אין שלאַכט, און דאָך איז עס ווי א היים, און טוסטו א טראַכט וועגן קאָמאַנדיר, — איז פונקט ווי דו זאָלסט דאָרט א טאַטן לאָזן, ס׳איז אים ניט גרינג, און דו פאָרסט גאָר אוועק...

שעליע האָט ניט געוווסט, וועמען מיינט ער דאָס — סאַוואַטשענקאָ צי בענען. נאָר זי האָט אים גוט פאַרשטאַנען, מאַטערקאָ. איר האַרץ איז אויך פול געווען מיט ווארעמקײַט און דאַנקבאַרקײַט צו זיי ביידן און צו די אַלע, וואָס זײַנען דאָרט אפ דער הויכקײַט פאַרבליבן צו טאָן ווײַטער זייער שווערע און געפערלעכע אַרבעט.

דער היסטאָריקער

מע דארפ זאָגנ דעמ עמעס: מיר פלעגנ פונ אימ א ביסעלע כויזעק מאכנ, ניט ווײַל מע זאָל אימ ניט ליב האָבנ אָדער ניט דערשאצנ. ער האָט זיכ געטאָנ זײַנ זאכ, אונ אלע האָבנ געוווּסט, אז ער דארפ זי טאָנ, אונ מע איז געווענ עמעסדיק צופרידנ, וואָס ס'איז דאָ אזא אײנער, וואָס טוט עס איבערגעגעבנ אונ אָרנטלעכ. אָבער באגלײַכ מיט דעמ אונ ניט געקוקט אפ דעמ, האָט מענ זיכ באצויגנ צו אימ מיט א ביסעלע איראָניע. ער איז עפּעס געווענ ניט ווי אלע.

איכ וויל, מע זאָל מיכ פארשטײנ ריכטיק. מע זאָל זיכ ניט פאָרשטעלנ קריטשמאגינענ ווי אזא אײנעמ, וואָס לײַכט זיכ שיר ניט דורכ, אזוי אײדל איז ער, צי ווי א פארטרוימטנ באָכער אינ ברילנ, אפ וועלכנ די סאָלדאטישע קלײדונג הענגט ווי אפ א שטעקנ, צי ווי עפּעס א צונויפגעבויגענע בריִע מיט לאנגע האָר, וואָס זיצט אינ אנ ערד-שטיבל בא א כײלעווענער ליכט — א קאָפּיע פונ אנ אוראלטנ כראָניק-שרײַבער. ניט דאָס. קײנ לאנגע האָר וואָלט קריטשמאגינ זיכ ניט פארלאָזט כאָטשבי איבער דעמ אלײנ, וואָס דער קאָמאנדיר פונ אונדזער פּאָלק קריוואָרוטשקאָ וואָלט אזא אומאָרדענונג פאר קײנ פאל ניט דערלאָזנ.

נײנ, קריטשמאגינ איז געווענ געשאָרנ, ווי אלע סאָלדאטנ. אגעוו, האָט מענ אפילע געשאָרענערהײט אפ זײַנ קאָפּ קוימ צוגעקליבנ א פילאָטקע. אונ קײנ ברילנ האָט קריטשמאגינ אויכ ניט געטראָגנ. ער האָט דאפקע דערציילט, אז ער האָט אינ דער הײמ געהאט ברילנ, וואָס ער פלעגט זײ אָנטאָנ צומ לײענענ. אוועקגײענדיק אפנ פראָנט, האָט ער זײ אוועקגעלײגט אפנ ברעג טיש, קעדײ ניט פארגעסנ, אונ טאקע פארגעסנ. איז ער איצט געווענ אָנ ברילנ אונ איז ווי-ניט-איז אויסגעקומענ. די אויגנ האָבנ זיכ בא אימ געזשמורעט אינ צוויי דינע שפּעלטעלעכ, דערפונ האָט מענ געקענט פארשטײנ, אז ער איז א קורצזיכטיקער, גלײַכצײַטיק האָט עס צוגעגעבנ זײַנ געזיכט אנ אויסדרוק פונ פארזאָרגטקײַט. אונ ווײַל לויט דער מײנונג פונ אלע ארמײער, — אָנהײבנדיק פונ אונדזער דערצויגלינג ארקאשע, וואָס האָט בענעגײע קריטשמאגינענ אויכ פרעטענדירט א מײנונג ארויסצוזאָגנ,

אונ ענדיקנדיק מיטנ וועטעראנ פונ דרײַ מילכאָמעס אָסטאפטשוק, — האָט אונדזער היסטאָריקער ניט געהאט באזונדערס וועגנ וואָס צו זאָרגנ, האָט אָט דער דאָזיקער פארדײַגעטער אויסדרוק פונ זײַנע אויגנ ארויסגערופנ בלויז א פריילעכקײַט.

קריטשמאגינ האָט געהאט עטלעכע שוואכקײַטנ, וועגנ וועלכע אלע האָבנ געוווסט: ערשטנס, האָט ער ליב געהאט אָפעסנ. עסנ האָט ער געקאָנט באטאָג אונ באנאכט. ווענ מע זאָל אים ניט אײַנלאדנ צומ קעסעלע, וועט ער זיכ ניט אָפזאָגנ. קומענ די אויספירער פונ א שטיקל ארבעט — עסט ער מיט די אויספירער, קומענ קאיאָר די סאפיאָרנ — איז מיט די סאפיאָרנ געגעסנ, איז ער בא די אָנטרײַבער פונ אָבאָז — וועט ער בא זיי אויכ עפעס איבערכאפנ... אליינ האָט ער אלעמאָל געהאט מיט זיכ עפעס לײַכטס אפ איבערצוכאפנ. „טאָמער וועט א קלעמ טאָג דאָס הארצ“ — פלעגט ער זאָגנ. מיט זײַנע שפײַז-רעזערוונ פלעגט ער זיכ גערנ טיילנ מיט יעדנ. האלטנ פלעגט ער דאָס אינ א ספעציעלנ זעקעלע הינטערנ קעסטל, אפ וועלכנ ער פלעגט שרײַבנ די געשיכטע פונ פאָלק. אינ קעסטל האָט ער דאָס עסנ ניט געלייגט. וואָס עמעס, איז עמעס. ער האָט ביכלאל קיינ זאכ אהינ ניט געלייגט, כוצ די העפטנ, אינ וועלכע ער האָט די געשיכטע פארשריבנ, פארביקע בלײַערס אפ אויסמאָלנ אָרנאמענטנ אפ די ראנדנ פונ די זײַטלעכ אונ פארשיידענערליי פענעס, — לויט דער שטימונג נאָכ, — אונ בלויענ טינט אינ א הערמעטיש-פארמאכטנ טינטערל. צו דעמ אלעמענ האָט ער זיכ באצויגנ ווי צו א הייליקײַט, וואָס מע טאָר זי מיט גאָרנישט ניט פארומרייניקנ, ער פלעגט אפילע אלעמאָל די הענט וואשנ פארנ שרײַבנ, אונ אויב איבערגעכאפט עפעס בייס דער ארבעט, איז ווידער די הענט געוואשנ.

זײַנ צווייטע שוואכקײַט איז געווענ — מיידלעכ. אָט דער אכט-אונ-דרײַסיקיאָריקער איבערגעצײַטיקטער באָכער האָט צו מיידלעכ זיכ באצויגנ מיט אזא באגײַסטערונג, מיט אזא עכט-צארטנ אונ איידעלנ פארשטאנד, אז מע וואָלט עס בעפיירעש געקענט ווינטשנ אנ אנדער צוואנציקיאָריקנ. עס האָט געמאכט אנ אײַנדרוק, אז אָט דער מענטש, וועמעס יוגנט ס'האָט שוינ אָפגעבליט, — אָפגעבליט עפשער ניט אזוי, ווי ער האָט עס געוואָלט, אונ ער האָט זיכ גאנצ שפעטלעכ ארומגעקוקט אפ דעמ, — האָט צו מיידלעכ זיכ באצויגנ אָנ א וועלכער-ס'ניט-איז האָפענונג אפ דערפאָלג, נאָר מיט אזא הייסנ, אופריכטיקנ געפיל פונ אנציקונג, אז דאָס פלעגט רירנ. אזא באציִונג איז בא אים געווענ צו די געציילטע פרויענ, וואָס זײַנענ געווענ בא אונדז אינ פאָלק: פארבינדלערנס, מאשיניסטקעס, מעדטוער. אונ די מיידלעכ — זיי האָבנ מיט אזא באזונדערנ, נאָר זיי אייגנטימלעכנ געפיל

געשטויגן און געזען אין אים, אין דעם דאָזיקן, איך מיז ווידער איבערכאַזערן, אויסערלעך ניט שיינעם, פולבלעכן, הויכן, אַפּלע א ביסעלע מעגושעמדיקן קריטשמאַגינען מיט די צונויפגעזשבורעטע אויגן, מיטן פּראָכטלעכן, טאַמעוואַט-פּאַרקלערטן געזיכט, — זיי האָבן געזען אין אים א פּריינט, געכאַוועט זיך מיט אים, אויסגעדערציילט אים, גראָד אים, וועגן זייערע אינטערעסן, אַנטפּלעקט אים זייערע סוידעס. דאָס אַלץ פלעגט געטאָן ווערן קלוימערשט אין א שפּאַס, מיט א געלעכטערל, נאָר עס פלעגט דערציילט ווערן, און אַז אייצע פלעגט געפרעגט ווערן און דעריקער — מע האָט זיך צו דער אייצע צוגעהערט. איז למעצ פון די מיידלעך פאַרוווגדעט צי קראַנק, בעט זי גלייך, עס זאָל קומען קריטשמאַגין. האָט זי באַקומען א שלעכטן בריוו, עפּעס אַן אומגליק איז געשען אין דער היים צי מיט אַן אייגענעם אפן פראָנט, קומט זי צו קריטשמאַגינען באַווייזן אים דעם בריוו און א טרער לאָזן פאַר אים, ווייל ער וועט טרייסטן מיט א שטיל און הארציק וואָרט. און האָט א מיידל זיך צעוווערטלט מיט עמעצן, אַפּ וועמען זי האָט אַן אויג, איז ווידער צו קריטשמאַג נען דאָס האַרץ זיך אויסריידן...

מע האָט עפּעס קלאָר ניט געוווּסט, צי האָט ער א ווייב, קריטש-מאַגין, צי ער איז זיך צעגאַנגען מיט איר, צי איז ער אַן אלמען אָדער גאָר א פאַרזעסענער. עפּעס האָט ער אַלעמאָל אַנדערש דער-ציילט וועגן זיך און מיט אזא שמייכל, ווי איינער זאָגט: „דעם ריי-נעם עמעס וועט איר בא מיר אַלציינס ניט דערגיין". און ביכלאל איז פאַר אונדז קריטשמאַגין ניט גאָר פאַרעטענדלעך געווען. אַפּ דער מלכאָמע איז ער אוועק פרייוויליק. דאָס האָבן מיר אלע געוווּסט, דאָס געזונט איז בא אים געווען ווייט ניט אַזא, ווי א סאָלדאַט דאַרף האָבן. ער האָט געקאָנט זיצן אין דער היים, און דאָך ליידט ער שוין דאָס דריטע יאָר געפאַר. פון דער צווייטער זייט אָבער איז ער דאָ שוין באַלד דריי יאָר און האָט נאָך קיין איין מאָל אין די דייטשן ניט געשאָסן. א סאָלדאַט, וואָס גייט יעדן טאָג קעגן דייטש, איז אויג-אַפּ-אויג מיט סאַקאָנע, קאָן אַזוינס ניט פאַרשטיין. און ווידער איז ער שוין דאָ קנאַפּע דריי יאָר מיט אונדז, אין די שוצ-גראָבנס, אויסגעוועזן מיט אונדז אלע שלאַכטן און איז געבליבן דער זעלבער ציווילער כטאַטכטיקער. ניט מער, וואָס ער פּאַרנעמט זיך איצט ניט מיט דיסקאָנט אין ראַיקאָמוורט, ווו ער האָט פריער גע-ארבעט, נאָר מיט פינקטלעכן, זפילע פעדאַנטישן פאַרצייכענען די האַלדנטאַטן פון יעדערן פון אונדז באַזונדער.

ליב געהאַט האָט ער אויך, — דאָס איז אוואדע געווען די דריטע שוואַכקייט זיינע, — דיכטונג. און ליב אַזוי, ווי איינער, וואָס שרייבט

אליינ מיטלמעסיקע לידער אָדער וואָס האָט אמאָל אינ דער יוגנט געשריבנ לידער. ניינ, ער האָט קיינ לידער ניט געשריבנ, ניט איצט — דאָס איז פעכט, מיר וואָלטנ עס געזענ, אונ ניט פריער, אזוי האָט ער געזאָגט אמאָל, ווענ ס'איז צו רייד געקומענ, אונ געזאָגט אזוי, אז מע האָט אימ געמעגט גלייבנ. מיר האָבנ שוינ אלעמאָל דער-קענט, ווענ ער זאָגט עמעס. ליב געהאט דיכטונג האָט ער פאר דער דערהויבנקײַט אונ איידלקײַט פונ אָט דעמ עפשער שענסטנ אונ הי-ליקסטנ מינ קונסט. פונ באזונדערע דיכטער האָט ער קימאט די גאנ-צע שאפונג געוווּסט אפ אויסווייניק. ער האָט געהאט באליבטע לי-דער, וועלכע ער פלעגט פאר זיכ שעפטשענ, בלײַבנדיק אליינ אָדער אפילע גייענדיק מיט עמעצנ. אונ פלעגט ער צומאכנ די אויגנ, זיכ שפארנ אפ דער האנט דעמ הויכנ קײַלעכדיקנ שטערנ פונ זײַנ גרויסנ קאָפ, זיכ אָנבייגנ פאָרויס אפנ שטול אונ נעמענ לייענענ דיכטונג, פלעגנ מיר בלײַבנ זיצנ פארקישעפט. עפעס האָט ער געהאט אינ זיכ אזא טיפע קראפט, מיט אזא לויטערקײַט פלעגט ער דערטראָגנ יעדע שורע, אזא עמעסדיקײַט, פארגלייבטקײַט האָט געווייט פונ זײַנע ווערטער, אז זיי זײַנענ אינ סאמע הארצנ ארײַנגעדרונגענ...

אזוי פלעגט ער אונדז לייענענ לידער אינ די ערד-שטיבלעכ, וווּ מיר פלעגנ זיכ געפינענ, אפ די וועגענער אונ שליטנס, אינ וועלכע מיר האָבנ זיכ איבער פיל מילכאָמע-וועגנ געטראָגנ, אָדער גאָר שפאנענדיק מיט אונדז אינ מארש, ווענ מע גייט פארשוויצטע, אָנגעלאָדנ מיט אמוניציע, שפײַז אונ געווער אונ ווענ א מײַכע אָדער א ליד דערפרישט אונ מונטערט, ווי א קאלטער טרונק וואסער.

קריטשמאגינ האָט ליב געהאט, מע זאָל אימ הערנ. ער פלעגט א באזונדער דאנקבארקײַט שפירנ צו מענטשנ, וואָס הערנ אונ פילנ דיכטונג.

אָט אזא איז ער געווענ, אָט-אָ דער מענטש מיט זײַנע שוואכ-קײַטנ אונ מיט זײַנ פארבאָרגענער שיינקײַט. אונ עפשער האָבנ מיר געזינדיקט קעגנ אימ, וואָס מיר האָבנ צומאָל פונ אימ אָפגעלאכט א ביסל.

אָט ער האָט עס אקוראט אונ מיט אלע איינצלהײַטנ פארשריבנ אלע טאָג די העלדישסטע אופטוענ פונ באזונדערע סאָלדאטנ אונ פונ גאנצנ פאָלק, געפירט דעמ כעזשבנ פונ די שלאכטנ, פארשריבנ דעמ עמעס וועגנ אונדזערע זיגנ אונ דורכפאלנ, דערפאר האָט ער געגעסנ סאָלדאטיש ברויט אונ זופ צו זאט, אונ צוליב דער דאָזיקער אווידע האָט ער געליטנ געפארנ קימאט ניט ווייניקער, ווי מיר. ניט קעדיי אליינ צו באגיינ העלדנטאטנ, נאָר קעדיי צו פארשרײַבנ אונדזערע העלדנטאטנ, איז ער דאָ געווענ. קיינ דײַטשנ האָט ער ניט געהאר-

געט, אונ דאָס האָבנ צומאָל אונדזערע סאָלדאַטשע הערצער ניט גע-
קענט פאַרשטיינ.

צי איז ער געווענ א פּאַכדנ? דערופּ האָבנ מיר קיינמאָל ניט געקענט ענטפערנ. קיינ דרייסטקייט האָבנ מיר פונ אים ניט געזענ, אָבער קיינ פּאַכדאָנעס אויכ ניט. ער פלעגט זיכ ניט באַהאַלטנ, ווענ אַנ אַעראָפּלאַנ איז געפלויגנ, נאָר דאָס האָט בא אונדז ניט געהייסנ העלדישקייט. ווער קוקט זיכ בא אונדז אפ דעם אומ? וואָס זשע — ער פלעגט אמאָל גייג אפ דער פּאָדער-ליניע נעמענ מאַטעריאַל ווענג אנ א.יכשפיר-אָפּעראַציע צי ווענג אנ אנדער שטיקל אַרבעט, ווענ עמעצער פונ הויפט-אָנטיילנעמער איז לאַנג אינ פּאָלק ניט גע-קומענ, איז וואָס זשע איז דאָ אַזוינס אויסערגעוויינלעכס? יעטווידער קוכער אונדזערער גייט צוויי מאָל אינ טאָג אפ דער פּאָדער-ליניע. נו, ארויס.יפנ בייס דער סוינע באַשיסט מיט אַרטילעריע אונד.ער לאַגער אינ עפּעס א טאָל צי אינ א וועלדל, לאָמיר זאָגנ, צו א קוועלכל צי צו א וואַלד-ברונעם נאָכ אנ עמער וואַסער — איז דאָכ דאָס בא אונדז אויכ א געוויינלעכע זאַכ. זעט אויס, אז מיר זיינענ שוינ א ביסעלע אָפּגעטעמפּט אינ דעם פּראַצ. אונדז איז שווער צו פאַרווונדערנ מיט אזא סאָרט העלדישקייט. מיר פאַרשטייענ העלדיש-קייט נאָר, בייס מע האַרגעט דערביי דייטשנ, דאָס איבעריקע אָבער — דאָס, וואָס א מענטש גייט צווישנ געפאַרנ, רירט אונדז ניט, אונ מיר באַמערקנ עס ניט. ווייל דאָס גאַנצע זיינ אונדזערס דאָ אינ פראָנט איז פאַרבונדנ מיט געפאַר.

איינס פלעגט אונדז צומאָל יאָ ווונדערנ אונ, כ'וואָלט אפילע זאָגנ, ניט אָנגענעם איבעראַשנ. דאָס, וואָס קריטשמאַגינ פלעגט זיכ ליב האָבנ א גריבל טאָנ אינ אונדזערע געפילנ, אינ אונדזערע איבערלעבונגענ אינ יענע מאָמענטנ פונ שלאַכט, ווענ מע גיט זיכ גראָד אָפּ קנאַפּ וואָס דינוועכנזשבנ אונ ווענ עס ווערט באַגאַנגענ אַזוינס, וואָס ווערט דערנאָכ אָנגערופנ העלדישקייט. אונדז האָט עס צומאָל אויסגעזענ, ווי א מינ קליינלעכער אונ פּאַכדאָנישער אינטערעס פונ א מענטשנ, וואָס טוט אליינ ניט אומ אַזוינע זאַכנ אונ איז זיי ניט אימשטאַנד אופצוטאָנ, נאָר וויל דאַפקע וויסנ, וואָס דו, וועלכער האָט עס יאָ געטאָנ, האָסט דערביי איבערגעלעבט. דאָס האָט אפ אונדז צומאָל, זאָג איכ, געווירקט ניט אָנגענעם, נערווירט. נאָכ וואָס צווינגט ער זיכ דערמאָנענ ווענג דעם אלעמענ שווערנ אונ אמאָל עפּשער פריקרענ מיט אלע איינצלהייטנ? נאָכ וואָס קריכט ער מיט די שטיוול אינ דער נעשאָמע אריינ?.. נאָר לאַנג ביי זיכ אפ קריטשמאַגינענ האָט מענ ניט געקענט. עפּעס איז אינ זיינ באַציִונג געווענ אַזויפיל זאָרגזאַמקייט אונ פאַרטרולעכ מיטגעפיל, די מאַניר פונ אויכפרעגנ

איז געווען אזוי הארציק און רירנדיק־פּראַכט, די אויגן — אזעלכע עמעסדיקע און פארשטייענדיקע, אז ניט ווילנדיק האָט מען אים דערציילט דאָס סאמע פארבאָרגענע. ריכטיקער, אפילע ניט דאָס פארבאָרגענע, נאָר דאָס, אין וואָס מע האָט זיך אליין פאר זיך ניט געוואָלט מוידע זײַן.

אזא איז געווען קריטשמאגין — דער היסטאָריקער פון אונדזער פאָלק. און מיר האָבן אליין ניט געקענט אָפּגעבן זיך קיין כעזשבן, צי באציִען מיר זיך צו אים גוט צי שלעכט. איך וואָלט אפילע מער געזאָגט. אונדז האָט צומאָל געדוכט, אז קריטשמאגין אליין וואָלט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. אזוי האָבן מיר געקלערט, און געקלערט, פארשטייט זיך, ניט ריכטיק, ווײַל ווען ס'איז געקומען די צײַט, האָט קריטשמאגין געזאָגט וועגן זיך דאָס עמעסע וואָרט. געזאָגט עס שטיל און באשיידן, און גראָד דאן, ווען בעטן בא אים מעכילע איז שוין אומעגלעך געווען.

וואסילי קראָפּאטשאָוו, דער העלד פון אונדזער פאָלק, וואָס איז אויך איצט געזונט און שטארק, כאָטש ער האָט אַכט זײַן לײַב אכט וווּנדן, האָט צו יענער צײַט, ווען קריטשמאגין איז בא אונדז געווען, ערשט אָנגעהויבן זיך ארויסווײַזן אלס בראווער יונג. ער האָט געבראכט צו פירן א האלב מעוווּלוועלן דײַטש, וועלכן ער האָט, געפינענדיק זיך אין לויערונג, פארנארט צו זיך ניט גטלעכע ריכטיק ארויסגערעדטע דײַטשישע ווערטער. א צווייט מאָל האָבן די דײַטשן אים מיט נאָך דרײַ אויסשפּירער באמערקט, און ס'איז קיין אנדער ברירע ניט געווען, ווי ארײַנטרעטן מיט זיי אין שלאכט. די אויסשפּירער האָבן גענומען אָפּטרעטן, דערבײַ אָפּטרעטן ניט אין אונדזער זײַט, נאָר צום סוינע אין הינטערלאנד, אנדערש איז ניט ארויסגעקומען. מע איז דורך די גערטנער אויבן אין א דאָרף, פארקליבן זיך אין א קלוניע און פארגראָבן זיך דאָרט אין שטרוי. א גאנצן טאָג זײַנען דאָרט אָפּגעזעסן די אויסשפּירער. די דײַטשן האָבן אין דער קלוניע גענומען שטרוי צו אויסבעטן זיך. איינער האָט זיך דאָ אפילע צוגעלייגט אָפּרוען באטאָג בייס דער גרויסער היץ. קראָפּאטשאָוו האָט געשוויגן. אין אָוונט איז ער ארויס מיט די כעווריע פון באהעלטעניש. נאָר ווי קערט מען זיך דאָס אום אהיים אָן א דײַטשישן „איידעס"? האָבן זיי גענומען לויערן הינטערן טויער און דערוואַרט זיך, ביז א דײַטש האָט צוגעפירט זײַן פערד צו דער קלוניע און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר. און דאָ איז לעבן אים אויסגעוואקסן קראָפּאטשאָוו. די נאכט איז געווען ניט גאָר קיין פינצטערע. קראָפּאטשאָוו האָט באפוילעריש מיט א צוגעבויגענעם פינגער גענומען רופן דעם דײַטש צו זיך. דער דײַטש איז דערשטוינט

געוואָרנ. ער האָט קיינ וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגענ. ווי א פארקישעפטער, האָט ער געמאכט עטלעכע שפאנ צו קראָפּאטשאָוונ, לאכלוטנ ניט פארשטייענדיק, וואָס דאָ קומט פאָר. אָט אזוי האָבנ אימ טאקע קראָפּאטשאָוו מיט זייַנ כעוורע געבונדנ אונ ווי-ניט-איז אריבערגעפּעקלט איבער דער פראָנט-ליניע.

דאכט זיך, אז טאקע קעדיי צו פארשרייַבנ אינ אלע אייִנצלהייַטנ אָט דעמ פאל, האָט קריטשמאגינ זיך געלאָזט צו קראָפּאטשאָוונ אפ דער פּאָדער-ליניע. ער האָט אפ קראָפּאטשאָוונ אָפּגעווארט א פּאָר טאָג אינ דער אויסשפּיר-ראָטע. נאָר יענער איז פּונקט ניט געקומענ אהינ, געוועג פארנומענ אפ די פּאָזיציעס. איז קריטשמאגינ אוועק צו אימ.

איכ ווייס ניט, וויאזוי סע שטעלנ זיכ פאָר די פּאָדער-ליניע די, וואָס האָבנ זי ניט געזענ, נאָר די, וואָס האָבנ זי יאָ געזענ, ווייסנ, אז בייס קיינ שלאכט קומט ניט פאָר, גייט זיכ דאָרט דאָס לעבנ קימאט ווי געוויינלעכ. א פוסט פעלד, ווו די טוווע איז אָדער באצייַטנס אָפּגעשניטנ געוואָרנ אָדער אויסגעטאָפּטשעט. אונדזערע טראנשייענ אָדער אייִנציקע שוצגראָבנס, דעמ סוינעס טראנשייענ, פארבאהאלטענע ערגעצ הינטער א בערגל, צי אינ א טאָלעכל — מע זעט זיי קוימ. מע ווייסט, אז דאָרט לויערט דער טויט, נאָר מע געדענקט ניט אָנ דעמ די גאנצע צייַט, ערנ-וואָרט (אניט, וואָלט מענ משוגע געוואָרנ), א סאָלדאט זיצט אפנ ברעג שוצגראָבנ אונ עסט קאשע, א צווייטער האָט זיכ ארצאָפּגעלאָזט טיף אינ גרוב אונ לייגט איבער די זאכנ בא זיכ אינ רוקזאק, א דריטער האָט, שטייענדיק אינ טראנשיי, אוועקגעלייגט אייגנ האנט אפ דער ביקס, ניט דער צווייטער אָנגעשפּארט זיכ אינ ווייכנ ברוסטווער אונ קוקט פארקלערט אינ דער ווייַט. עמעצ גייט גאנצ פאמעלעכ אונ רויִק לענגאויס דעמ געשלענגלטנ ריוו, אונ אינ זייַנ פלאשטש-פאלאטקע, וואָס שלעפּט זיכ אימ נאָכ אפ דער ערד, זעט ער אויס, ווי א פארבלאָנדזשעטער אינ מידבער, אונ ווידער ערגעצ לאכט א יונג, גאָר ווי אינ דער היימ, אפ א פריזבע... ערגעצ טוענ גרויזאמ א הילכ אייִנס נאָכ אייִנס עטלעכע הארמאטנ-שאָסנ, ווי א פארשפּעטיקטער אונ איבעריקער הארבסט-דונער, עס טוט א שטעפּ א קוילנווארפער, אונזיכטבארע, טוענ זיכ א טראָג דורכ איבערלופטנ עטלעכע קוילנ, זייער פייַפ דערמאָנט א הונגעריקע מויז-פּישטשערייַ אונטערנ דיל, זיי טוענ א דלובע די ערד בא א זייַט, אונ מע קוקט אפ דעמ רויִק, מיט פארשטיינערטנ גלייַכגילט... אזא איז דאָ דער שטילשטאנד, אזעלכע שאָענ פאלנ דאָ אויס ניט ווייניק, אונ מענטשנ, וואָס געפינענ זיכ דאָ טאָג אונ נאכט, כאָדאָשימלאנג, איז כאָטש זיי זייַנענ די גאנצע צייַט אינערלעכ אָנגע-

שפּיצט, פֿילנ זיכ אינ אזעלכע שאָענ, ווי אויסערנ קריג, דערלויבנ זיכ, וואָלט איכ געזאָגט, דאָס, וואָס זיי וואָלטנ זיכ דערלויבט, ווענ דאָס זאָל קיינ פּראָנט ניט זיינ.

דערפֿאַר וועט זיינ פֿארשטענדלעכ, פֿארוואָס נאסטינקע לעשטשוק, די מעדשוועסטער פֿונ צווייטנ באטאליאָנ, ווענ זי האָט דערהערט, אַז קריטשמאגינ האָט זיכ באוויזנ אפֿ דער פֿאָדער-ליניע, — וועגנ זיינ באווייזנ זיכ פֿלעגט מענ דויכ איבערגעבנ פֿונ איינ ערד-נאָרע אינ דער צווייטער, — איז זי ארויפֿגעלאָפֿנ אימ אנטקעגנ, אָט אזוי-אָ אינ הוילנ פֿעלד אונ אָפּגעשטעלט זיכ מיט אימ דאָ א שמועס טאָנ.

קריטשמאגינ איז בא נאסטינקענ געווענ גאָר פֿאָשעוו. זי איז געווענ איינע פֿונ די, וואָס פֿלעגט אימ קלוימערשט אינ שפּאס, נאָר אינ טאָכ געווענ מיט דער גאנצער אויפֿריכטיקייט, פֿארטרויענ אירע סודעס, טיילנ זיכ מיט אימ מיט אירע קלייניקע נייעס, פֿריידנ אונ אנטוישונגענ. נאסטינקע האָט ליב געהאט, — ריכטיקער, עפּשער איז עס נאָכ קיינ ליבע ניט געווענ, דאָס איז געווענ דערווייל אכטונג, ביידלשע אנציקונג, זאָל זיינ אפֿילע טרוימ, — נאסטינקע האָט ליב געהאט וואסילי קראָפּאטשאָוו. קריטשמאגינ האָט עס געוווּסט, ניט ווייל זי האָט עס אימ געזאָגט, אינ דעמ איז טאקע באשטאנענ דער צויבער פֿונ דעמ דאָזיקנ מענטשנ, וואָס מע האָט אימ דאָס פֿארבאָרגנסטע ניט באדארפֿט זאָגנ, ער האָט זיכ אליינ אָנגעשטויסנ אונ געמאכט אזוי, אז עס זאָל לייכטער זיינ וועגנ דעמ צו ריידנ, ער האָט שוינ געוווּסט נאסטינקעס שוואכ אָרט. וואָס-וואָס, נאָר געפֿינענדיק זיכ אינ איינ באטאליאָנ מיט אזא שיינעמ בראווענ יונג, ווי קראָפּאטשאָוו, — כאָטש דאָ זיינענ געווענ פֿיל וווילע יונגענ, — האָט נאסטינקע, אָט דאָס בלאָנדע, גאנצ כיינעוודיקע אונ שלאנקע מיידל מיט באוועגונגענ, פֿולע מיט אזא געצווימטער פֿלינקייט אונ שלענקערלעכער ווייכקייט, מיט פֿארטרוי-לעכער צארטקייט אינ בליק, — האָט נאסטינקע ניט געקאָנט ניט באמערקנ וואסילנ, ליב באקומענ — אפֿ דעמ איז עפּשער קיינ צייט ניט געווענ, נאָר טרוימענ וועגנ אימ, טראכטנ וועגנ אימ איז עפּעס אנדערש.

דאָס אלצ זאָג איכ דערעכ-אגעוו. קריטשמאגינ האָט עס געוווּסט, ווייל איינמאָל אינ אָוונט האָט ער דאָס מיר געזאָגט, געזאָגט א ביסעלע פֿארשטעלט, אלס ביישפּיל, ווענ מיר האָבנ ביכלאל גערעדט וועגנ ליבע, — דערביי, האָב איכ באמערקט, מיט א געוויסער קינע, וואָס אָט — געננוג א באָכער זאָל זיינ יונג אונ זאָל ארויסווייזנ העלדישקייט, אז א מיידל זאָל אימ אפֿילע אינ א גרוב, אפֿילע זעענדיק פֿונדערווייטנ, ליב באקומענ.

איז קריטשמאגינ געגאנגענ צו קראָפּאטשאָוו פֿאנאנדערפֿרעגנ אימ

גענוי וועגן זײַן לעצטער געלונגענער אויסשפּירונג, און נאַסטינקע האָט אים אָפּגעשטעלט אין הוילן פֿעלד, ניט ווײַט פֿון דער פֿאָדער-ליניע, און פֿאַרפֿירט א שמועס. און געזאָגט האָט זי אים, פֿאַרשטייט זיך, גלײַך פֿון די ערשטע ווערטער, אז וואַסילי קראַפּאַטשאָוו איז באַלוינט פֿאַר זײַן לעצטן אויפֿטו; אז זי האָט אים שוין געקלונגען אין טעלעפֿאָן וועגן דעם, — וואַסילי האָט זיך געפֿונען אויף דער סאַמע פֿאָדער-ליניע, און נאַסטינקע א ביסל אין א זײַט, ווו דער שטאַב פֿון באַטאַליאָן. קריטשמאַגין ווייסט, פֿאַרשטייט זיך, וועגן קראַפּאַטשאָווס באַלוינונג. אז נאַסטינקע זאָל זײַן גאָר אָנגענעם, זאָגט ער איר, אז דאָס גייט ער צו וואַסילין, קעדיי צונשרײַבן וועגן אים א גאַנץ בלעטל אין דער געשיכטע פֿון פּאָלק. פֿאַרווילט זיך נאַסטינקע גיין מיט אים. דאָ איז יעדע געלעגנהייט טײַער, און ביכלאַל איז עס א שטיקל פֿרייד. דער קאָמבאַט דערלויבט, און קריטשמאַגין גייט אוועק מיט נאַסטינקע צום בלינדאַזש, ווו וואַסילי קראַפּאַטשאָוו געפֿינט זיך, אויפֿן ראַנד פֿון דער פֿאָדער-ליניע, ארום א ברוזנע-קוסט. נאַסטינקע לאַכט, שלעפּט קריטשמאַגינען פֿאַר דער פֿלאַשטש-פּאַלאַטקע, ווערט מיטאַמאָל ערנסט און בייגט זיך אָן — דאָ קען מען שיסן, — און לאַכט ווידער פֿון דעם, ווי קאָמיש קריטשמאַגין בייגט זיך.

אָט אזוי איז מען געקומען צו קראַפּאַטשאָוון, און קריטשמאַגין האָט אים גענומען פֿאַנאַנדערפֿרעגן וועגן זײַן לעצטער אויסשפּירונג. נו, וויאַזוי סע איז דאָ געווען אין בלינדאַזש, קען מען זיך פֿאָרשטעלן. קלאָר, אז עס זײַנען זיך אהער צונויפֿגעקומען נאָך עטלעכע שלאַכטלײַט פֿון די נאָענטסטע בלינדאַזשן, די אויסשפּירער, וואָס זײַנען געשלאָפֿן, האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט — אַזעלכע געסט: קריטשמאַגין און נאַסטינקע. יענע האָט זיך געפֿילט א ביסעלע פֿאַרלוירן און א פּאָר מאָל גאַנץ ניט געלונגען אונטערגעשטראָכן, אז זי איז אהער געקומען, ווײַל זי האָט באַוויזן קריטשמאַגינען דעם וועג. קריטשמאַגין האָט דערבײַ אזוי פֿילדײַטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אז אלע האָבן זיך פֿאַר די בײַכער געהאַלטן לאַכנדיק, און בא קראַפּאַטשאָוון, א הויכן, שוואַרצן יונג, האָבן זיך די אויגן פֿריילעך און צאַרט צעגלאַנצט. מע האָט, פֿאַרשטייט זיך, אָנגעקאָרמעט קריטשמאַגינען מיטן בעסטן, וואָס מע האָט פֿאַרמאָגט, א שאָד נאָר, וואָס ער האָט קיין גלעזל ניט ליב געהאַט. דערנאָך האָט מען אים געבעטן, ער זאָל לייענען לידער. עפּעס האָט זיך בלויז אויסגעוויזן, אז מע האָט אים געבעטן. אין גרונט אָבער האָט זיך אים אליין פֿאַרוואָלט לייענען. דאָס ערד-שטיבל איז אָנגעפֿילט געוואָרן מיט זײַן ניט הויכער, באַגײַסטערטער שטים, די טונקעלע ערד-ווענט, אונטערגעשפּאַרטע מיט בערוועניעס און דרענגלעך, זײַנען ווי פֿאַרשוווּנדן, עס איז אויסגעוואַקסן א געדיכטער וואַלד מיט פּראַכט-

פולע בלומענ, פילניצעס אונ ווײַסע שוואָמענ. א מײדל מיט א בלויער כטענגע, אַרײַנגעפלאָכטנ אינ די האָר, איז אומגעגאנגענ אינ וואלד בא אנ אוראלטנ ענגלישנ טורעמ. א יונג מיט א פעדער אינ הוט אויפ א ברענענדיק פערד איז אויסגעוואקסנ קעגנ מײדל. סע האָט געקלונגענ קריטשמאגינס שטימ אונ אראָפּגעבראכט אהער דעמ רויש פונ פרישנ קוואל, דאָס געברומ פונ טונקעלנ וואלד, דאָס געשרײ פונ נאכט-פײגל. קריטשמאגינ איז עפּעס ווי אָפּגעגאנגענ אינ א זײַט אונ גלײַכצײַטיק ווי אויסגעוואקסנ איבער דעמ אלעמענ, אזא פארטרוימטער, מיט א פראָסט, אָפנ, גוט פּאָנעמ, מיט צונויפגעזשמורעטע קלוגע אויגנ, מיט א היפשער בראָדעווקע אפ דער געגאָלטער באק, מיט א פאלד אונטער דער קײַלעכדיקער קינ, ניט קײנ שײנער, אינ א רויטארמײישער גימנאסטיאָרקע, אונטערגעצויגנ מיט א פאסיק, — א סאָלדאט צווישנ סאָלדאטנ...

אונ אינ אָט דער פארצויבערטער רעגע איז טאַקע אלצ פאָרגעקומענ, פאָרגעקומענ אזוי, אז די מענטשנ האָבנ פונ אָנהײב אפילע ניט באַוויזנ אונטערשײדנ וואָר פונ כאָלעמ. ס'האָט זיי דערהערט אנ אָנוואקסנדיקער שרעקלעכער פײַפ אונ א הילכ אונ באלד נאָכ אײנ הילכ. אלצ האָט זיכ א טרייסל געטאָנ, אינ בלינדאזש האָט א שײַנ געטאָנ. אינ דער רויטלעכער, רויכיקער שײַנ האָבנ א פלי געגעבנ באלקנס, נארעס, קעסטלעכ, אווטאָמאטנ, אלצ האָט זיכ א שאָט געטאָנ, עמעצנס א האנט האָט א פלי געגעבנ צו דער סטעליע... דערנאָכ איז געוואָרנ טונקל, נאָר א דינער פאס טאָג-שײַנ, וואָס האָט זיכ גאָר אומדערוואַרט אונ פונ אנ אנדער זײַט אַרײַנגעריסנ אינ ערד-שטיבל צוזאמענ מיט א בלויענ רויכ, האָט באלויכטנ די מענטשנ, די צעשלײַדערטע אפ דער ערד, די צעבראָכענע נארעס, די שוועל. דאָס גרויזאמע געברומ אויבנ אונ דאָס דונערנ, די אָנוואקסנדיקע בויערנדיקע פײַפערײַ האָבנ אלצ ניט אויפגעהערט, אונ דאָס האָט, זעט אויס, גיכער פונ אלצ אויפגעהויבנ אפ די פיס די, וואָס האָבנ געקאָנט אויפשטײנ.

צווישנ די, וואָס זײַנענ אויפגעשטאנענ, זײַנענ געווענ וואסילי קראָפּאטשאָוו, מיט א שנירל בלוט אפנ שטערנ, נאסטינקע, א בלאסע, נאָר א פולשטענדיק גאנצע, קריטשמאגינ — אויכ ניט קײנ צעשעדיקטער, מיטנ פארלאָשענעמ לאָמפּ אינ די הענט. ס'האָבנ זיכ אויפגעהויבנ נאָכ א פאָר שלאכטלײַט, זיי זײַנענ געווענ פארוווּנדעט, אָבער אזוי, אז זיי האָבנ זיכ געקענט אלײנ באַוועגנ. עטלעכע זײַנענ געבליבנ ליגנ אפ דער ערד, שווער פארוווּנדעטע.

דער סנאַריאַד האָט געטראָפנ גלײַכ אינ בלינדאזש, דורכגעשניטנ אימ אונ צעריסנ זיכ אינ אַרײַנגאנג, עטוואָס העכער פונ שוועל, אונ

גראָד דאָס האָט זיי געראַטעוועט, די ערדענע ווענטלעכ פונעמ אַרײַנגאַנג האָבנ פאַרהאַלטנ די מערהײַט שפּליטערס.

דער בלינדאַזש איז ניט אײַנגעפאַלנ. קראַפּאַטשאָוו האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו דער עפענונג, וואָס דער סנאַריאַד האָט געמאַכט, א קוק געטאָנ אינ פעלד און געזאָגט:

— נו, דער דײַטש האָט עפּעס פאַרטראַכט... ווער איז בעקויעמ האַלטנ געווער? די פריצנ גייענ שוינ...

נאָר האַלטנ געווער האָבנ געקענט בלויז א צוויי-דרײַ מענטשנ, און די זײַנענ אויכ אָפּגעגאַנגענ מיט בלוט. נאַכטינקע האָט זיי גלײַכ איבערגעבונדנ, און זיי זײַנענ שנעל אוועק צו זייערע פּאָסטנס אינ די בלינדאַזשנ. מע האָט געדאַרפט אַרויסטראָגנ די שווער פאַרווונדעטע, און דאָס האָט זיכ גענומענ טאָנ קריטשמאַגינ. אינ בלינדאַזש זײַנענ געבליבנ בלויז קראַפּאַטשאָוו, מיט א פאַרבונדענעמ קאָפּ, דער אויכשפּירער גיבײַדולינ. א פאַרווונדעטער אינ ביידע פיס, איז ער געשטאַנענ אַפ די קני באַמ דורכבראָכ אינ וואַנט מיט אַנ אווטאָמאַט אינ די הענט. געבליבנ איז דאָ אויכ נאַסטינקע. זי האָט מיט א פאַרביסענער גיפ זיכ איבערגעבונדנ א לײַכטע וווּנד אַפ דער האַנט, וועלכע זי האָט צי ערשט באַקומענ צי ניט באַמערקט ביז איצט.

ווענ קריטשמאַגינ האָט זיכ דאָס דריטע מאָל אומגעקערט אינ בלינדאַזש, האָט ער דערזענ: פיל דײַטשישע טאַנקענ גייענ אַהער. זיי זײַנענ שוינ ניט אַזוי ווײַט, צווישנ זיי לויפנ און פאַלנ, שטייענ אופ און לויפנ ווײַטער קופּקעלעכ דײַטשנ. דאָס אַלצ, אײַנגעהילט אינ רויכ, אַרומגעכאַפּט ביט צינגער פײַער, האָט דערמאָנט אינ א ווולקאַנ-אויסברוכ. געדוכט האָט זיכ, אַז ניט די דײַטשישע טאַנקענ און די מענטשלעכ צווישנ זיי רײַסנ זיכ פאָרויס, נאָר זיי אַנטלויפנ פונ א פײַערלאַווע, וואָס יאָגט זיי נאָכ. קריטשמאַגינ האָט, אַנ אופגערעגטער און א מאָדנע-שמייכלענדיקער, געפּרווּט דאָס געבנ צו פאַרשטיינ נאַסטינקענ, העלפנדיק איר פאַרקרעכפּעווענ דעמ בינט. נאָר זי האָט אימ איצט ניט געקאָנט פאַרשטיינ און בלויז א נאַכ געטאָנ מיט דער האַנט. אינ דער רעגע האָט א פאַל געטאָנ גיבײַדולינ, זיכ א קלאַפּ געטאָנ מיטנ קאָפּ אינ דער ערד. נאַכטינקע האָט זיכ א וואָרפ געגעבנ צו אימ, גענומענ אימ האַסטיק פאַנאַנדערשפּיליענ די גימנאַסטיאָרקע אַפ דער ברוסט. קראַפּאַטשאָוו האָט בלויז א קאַלטנ, גלייוועדיקנ קוק געטאָנ אַפ דעמ אַלעמענ און ווידער זיכ צוגעבויגנ צומ אווטאָמאַט. קריטשמאַגינ האָט אופגעהויבנ גיבײַדולינס אווטאָמאַט פונ דער ערד, א דריי געטאָנ אימ אינ געוויסער פאַרלעגנהײַט אינ די הענט, געפּרווּט לײַכט א צי טאָנ פאַרנ צינגל, דערנאָכ איז ער צוגעגאַנגענ צומ דורכבראָכ אינ וואַנט און איז פאַרגליווערט געוואָרנ

אפּ א װעגע — די דײַטשנ אונ די טאנקענ זײַנענ שוינ געװענ גאָר נאָענט, ער האָט שװײַגנדיק א צי געגעבנ דעמ שלאָס אונ א דריק געטאָנ אפנ צינגל. דאָס שטעפּנ פונ זײַנ אװטאָמאט האָט זיכ צונויפגעגאָסנ מיטנ שטעפּנ פונ קראָפּאטשאָװס אװטאָמאט. פונ ניט געװוינשאפט האָט ער ארויסגעלאָזט א לאנגע ריי קוילנ, קימאט דעמ גאנצנ מאגאזינ, קראָפּאטשאָװ האָט האסטיק א קערעװע אויס געטאָנ צו אימ דאָס געזיכט אונ קאסדיק א געשריי געטאָנ:

— שיס מיט קירצערע רייענ... װער װעט דיר דעמ מאגאזינ אָנשטאָפּנ?

דערופ האָט קריטשמאגינ געענטפערט מיט א שולדיקנ שמייכל, ער האָט נאָכ פריער באמערקט לעבנ איבערגעקערטנ טישל צװיי פולע דיסקנ, האָט ער זיי אופגעהויבנ אונ זיי אװעקגעלייגט לעבנ קראָפּאטשאָװנ. מע האָט געשאָסנ װײַטער.

נאסטינקע האָט גענומענ אָנשטאָפּנ אװטאָמאט-מאגאזינענ. זי האָט נאָר פארטיק געמאכט איינעמ אונ אימ געװאָלט אװעקלייגנ לעבנ דורכבראָכ אינ װאנט, װי קראָפּאטשאָװ האָט זיכ מיטאמאָל אומנאטירלעכ געגעבנ א גלײַכ אויס, א כאפּ זיכ געטאָנ מיט דער האנט פארנ אקסל אונ אָנ איינ װאָרט, נאָר מיט צונויפגעדריקטע ציינ, גענומענ פאלנ. נאסטינקע האָט אימ אונטערגעכאפּט אפּ די הענט.

קריטשמאגינ האָט א װאָרפּ געטאָנ א בליק אינ װינקל, װוהינ זי האָט אָפּגעטראָגנ קראָפּאטשאָװנ. ער האָט א געשריי געטאָנ: „נו?"— נאָר ניט דערװארט זיכ אפּ אנ ענטפער. די דײַטשנ זײַנענ אינ דער גאנצער גרייס ארויסגעװאקסנ ניט װײַט פונ אימ, האָט ער אהינ זיכ אָנגעצילט.

נאסטינקע, א טויט-בלאסע מיט א מאָדנעמ אקשאָנעס אפנ געזיכט, איז ארויסגעװאקסנ לעבנ קריטשמאגינענ, אפּ דעמ אָרט, װו קראָפּאטשאָװ איז נאָרװאָס געשטאנענ. זי האָט זיכ גענומענ פאר זײַנ אװטאָמאט.

— ער לעבט? — האָט קריטשמאגינ א קערעװע געטאָנ צו איר דעמ קאָפּ.

— יאָ.

— יאָ? איז װאָס זשע טוט איר דאָ? — ער האָט בלויז מיט א באװעגונג פונ קאָפּ א װײַז געטאָנ אינ דער זײַט, פונװאנענ די דײַטשנ זײַנענ שוינ ניט געלאָפנ, נאָר האָבנ געפּויזעט. א גרויסער טאנק האָט פארקערעװעט ערגעצ פונ יענער זײַט בלינדאזש, נאָר ניט אפּ דעמ אָרט, װו ס'איז געװענ איסגעגראָבנ דער דורכגאנג צומ סאניטאר-פּונקט. — איר האָט א פארװונדעטנ, שװעסטער, איז גיט אימ

הילף, שיסן וועל איך דאָ אליין, — ער האָט האַסטיק געביטן דעם מאַגאַזין אין אווטאָמאַט. — נו! — האָט ער באַפֿוילעריש זיך א ווענד געטאָן צו נאַסטינקען.

יענע האָט אויך געביטן דעם מאַגאַזין אין אווטאָמאַט, ווייל דער פֿריערדיקער איז נאָך בא קראָפּאַטשאָוון אויסגעוואָנגען. זי האָט ניט געענטפֿערט.

— טראָגט אָפּ קראָפּאַטשאָוון אין סאַנפּונקט, ביז דער דורכגאַנג איז נאָך פֿריי, איך וועל דאָ אליין...

נאַסטינקע האָט געקוקט אַפּ קריטשמאַגינען מיט פֿאַרוווּנדערטע, ברייט צעעפֿנטע אויגן. עפּעס האָט זי אים ווי ניט דערקענט, ניט פֿאַרשטאַנען. דאָס איז געווען אַן אַנדער קריטשמאַגין, אַזאַ האָט זי זיך אים קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט, און ווי ער זאָל אין עפּעס א קורצן אויגנבליק איבערלייענען די דאָזיקע געדאַנקען אירע, האָט קריטשמאַגין א שמייכל געטאָן, טאַקע גאָר אַזוי, ווי ער פּלעגט אַלע מאָל שמייכלען, אי שעמעוודיק-שולדיק, אי שפּאָטנדיק, צונויפֿזשבורענדיק די קורצזיכטיקע אויגן, צעציִענדיק די פּולבלעכע ליפּן:

— כאַוועריטע מעדשוועסטער, איר זייט א רויטאַרמייער, און מיט אייך רעדט א יעפֿרייטער, — פּילט אויס דעם יעפֿרייטער קריטשמאַגינס באַפֿעל: טראָגט אָפּ אייער באַשעדטן אין סאַנפּונקט, ביז דער וועג אהין איז נאָך פֿריי, און קריטשמאַגין וועט דאָ טאָן זיין זאַך אָן שרעק... ער האָט א געשפּרעך מיט די דייטשן, וואָס קריכן אהער...

מער האָט ער שוין אין איר זייט ניט געקוקט, ניט גערעדט גיט איר, צוגערוקט נאָר נענטער צו זיך קראָפּאַטשאָווס אווטאָמאַט מיטן פֿולן מאַגאַזין, וועלכן נאַסטינקע האָט שוין געהאַט אוועקגעלייגט. ער האָט ניט דערהערט איר „פֿאַרבלייבט!”, ווען זי איז אַרויס פֿון בלינדאַזש, שלעפּנדיק נאָך זיך אַפּ דער פּלאַשטש-פּאַלאַטקע קראָפּאַטשאָוון.

קריטשמאַגין האָט געשאָסן מיט קורצע, בייזע רייען...

וואָס איז דאָ ווייטער פֿאָרגעקומען, איז פֿאַר אונדז קלאָר געוואָרן, ווען מיר האָבן ווידער אָפּגעשלאָגן בא די דייטשן די פֿאָדערשטע ריי שוצגראָבנס און זיינען אריין אין בלינדאַזש. קריטשמאַגין איז דאָ ניט געווען. אין דורכבראָך פֿון דער וואַנט, פֿונוואַנען ער און קראָפּאַטשאָוו, ווי נאַסטינקע האָט דערציילט, האָבן געהאַט געשאָסן, זיינען געלעגן צוויי אווטאָמאַטן, ביידע — צעבראָכענע פֿון שפּליטערס, וואָס האָבן אין זיי געטראָפֿן. די מאַגאַזינען זיינען געווען אויסגעליידיקט. דאָ איז אויך געלעגן א ביקס און קוילן-הילזעס. נאַסטינקע האָט געזאָגט, אַז ווען זי איז אוועק, איז דאָ קיין ביקס ניט געווען. הייסט עס, אַז קריטשמאַגין האָט זיך לאַנג געהאַלטן, לעבן דורכבראָך אין וואַנט זיינען דאָ און דאָרט געלעגן עטלעכע געהאַרגעטע דייטשן.

דערנאָך האָבן מיר אין וואנט-דורכבראָך אפ א טשוואָק געפונען א שטיק פון א גרינער גימנאסטיאָרקע. דאָס האָט אונדז ארופגעפירט אפן געדאנק, אז דורכדאנען איז דער פולבל'עכער אין ניט גאָר בא-וועגלעכער קריטשמאגין ארויסגעקראָכן און בייס-מײַסע זיך פארטשע-פעט. פארוואָס זשע איז ער ארויסגעקראָכן? זעט אויס, קיין קוילן האָבן אים ניט געקלעקט. מיר האָבן אים געפונען ליגן אויסגעצויגן אפ דער ערד א פינף שפאן פון בלינדאזש. ער איז געווען טויט, און לעבן זײַן גוף, — זעט אויס, ער האָט זיך געהאלטן ביז דער לעצטער רעגע, — איז געלעגן א ביקס...

דער נײַער היסטאָריקער פון אונדזער פאָלק, דער יינגערער ליי-טענאנט שאפּיראָ, ערשט ניט לאנג פון מיליטער-שול, נאָך גאָר א יונג באָכערל, וואָס האָט אין שלאכט פארלוירן אלע פינגער פון דער לינקער האנט, און וויל פאר קיין פאל ניט פארלאָזן אונדזער סאָל-דאטישע מישפּאָכע, — אָט דער נײַער היסטאָריקער אונדזערער האָט צוערשט פארשריבן די געשיכטע פון קראָפאטשאָווס אויסשפּירונג און נאָכדעם, אפ א נײַ בלעטל, האָט ער פארשריבן דעם אופטו פון אונדזער היסטאָריקער קריטשמאגינען. שאפּיראָ, וואָס האָט א געוויסע נייגונג צו פילאָסאָפיע און ליריק, האָט נאָך באשרײַבן קריטשמאגינס סאָף, צוגעגעבן נאָך עטלעכע שורעס, וואָס זײַנען אונדז, שלאכטלײַט, באזונדערס טיף ארײַן אין הארצן.

אָט וואָס ער האָט צוגעשריבן:

„אין אָט דעם בוך פון גראָבלעך און ניט גאָר גוט פאפּיר האָט דער פאָלק-היסטאָריקער קריטשמאגין טאָג נאָך טאָג פארשריבן אופ-טוען, וואָס האָבן עפשער די ווערט אפ שטיין צו פארקריצט ווערן, אפ מעש צו אויסגעשניטן ווערן. און אזוי איז אויך מיט זײַן אופ-טו געשען — ניט אפ מעש, ניט אפ שטיין איז ער ניט פארקריצט געוואָרן. אָבער ווען דער זיג וועט קומען, וועט א היפּל סאָלדאטן, וואָס זײַנען, פונקט ווי ער, גרייט געווען באגעגענען דעם טויט, נאָר האָבן אים אויסגעמיטן, — וועלן זיי דערמאָנען צווישן אנדערע אויך זײַן נאָמען. און דאָס וועט זײַן געשיכטע, און דאָס וועט זײַן רום. און דער דאָזיקער ליכטיקער טאָג פון זיג און דאָס לעבן, וואָס וועט ווײַטער נאָך דעם קומען, וועט זײַן אן אָנדענק נאָך די אלע, וואָס זײַנען דאָ, אפ די ברייטע פעלדער פון אונדזער לאנד, געפאלן...

יול, 1944.

איינער אינ שטעטל

איכ זיצ אינ א פרעמדנ הויפ, וווהינ עס האָט מיכ פארוואָרפנ די מילכאָמע. אפ אנ איבערגעקערטער בריטשקע זיצ איכ, וועלכע האָט עפשער א וועלט אויסגערייזט אונ עפשער איז זי מיר ווי פונדאנענ צומ שכייניש שטעטל קיינמאָל ניט געפאָרנ. איכ זיצ אינ א פרעמדנ, פארלאָזטנ הויפ, וואָס איז פאר מיר אזוי אומבאקאנט, ווי די געשיכטע פונ אָט דער צעטראסקעטער, פארוואָרפענער אונ העפקערדיקער בריטשקע, אונ דער מויעכ מיינער, א מידער אונ א גיריקער צוגלייכ, זוכט אנ ענטפער אפ פראגעס, וואָס קיינ ענטפער קאָנ אפ זיי קיינער ניט געבנ. איכ וויל זיכ אויכמאָלנ דאָס לעבנ, וואָס איז דאָ געווענ אונ פארשוווּנדנ, אונ דאָס, וואָס וועט קומענ, ווענ איכ וועל פונדאנענ אוועקמארשירנ מיט מיינ ראָטע סאָלדאטנ.

שוינ באלד צוויי טעג, אז מיר זיינענ אריינ די ערשטע אהער, אינעם קליינעם שטעטל, אָפגעלאָשנ עטלעכע שרייפעס, וואָס די דייטשנ האָבנ דאָ געלאָזט, צוגעמאכט די טירנ אונ פענצטער אינ יענע הייזער, ווו ס'איז ניטאָ, ווער ס'זאָל די טירנ אונ פענצטער פארמאכנ. מיר האָבנ זיכ אלע אויסגעטאָנ אָדאָמ-נאקעט אונ אויסגעבאָדנ זיכ ארומ די היגע ברינעמער, אויסגערייניקט פונ די ביקסנ אונ אווטאָמאטנ דעמ פולווער-ראָכ. איצט זיינענ מיר גאנצע באלעבאטימ דאָ, אינעם פארלאָזטנ שטעטל, מיר שלאָפנ זיכ אויס אפ אויסגעבעטער שטרוי אינ די פוסטע צימערנ, גלייכנ זיכ אויס די ביינער אפ די קילע גראָזנ אינ די הויפנ. מע האָט אונדז דאָ געלאָזט אפ אָפרו. וואָס קאָנ זיינ זיסער?

אונדז דריקט אָבער אלצ מער אונ מער דער געדאנק, אז ס'איז א טויט שטעטל, איינגאנצנ א טויטס; אז די מיסט-גראָזנ, וואָס אפ די בערג ציגל אונ ליימ פונ צעוואלגערטע הייזער, וואקסנ שוינ דאָ דאָס צווייטע אונ דאָס דריטע יאָר; אז די קראָקוועס פונ די הייזער, וואָס שטייענ נאָכ דאָ אינ די געסלעכ, קרימענ זיכ, ווייל קיינער וווינט שוינ דאָ ניט היפשע עטלעכע יאָר. די גאנעקלעכ הויקערנ זיכ. די פארב אפ זיי איז אָפגעבליאקעוועט אונ צעטראסקעט, פונ די דעכער פאלנ איינציקע טשערעפעס אונ מיט מאָכ באדעקטע דראניצעס.

באַם ראַנד שטעטל ווינגע פויערים, אהין האָט זיך שוין ווער־ניט־ווער אומגעקערט. אָבער אהער, אינמיטן שטעטל, קערט זיך קיינער ניט אום. אין עק שטעטל האָב איך געזען, ווי אַן אַלטיטשקע האָט באַוויינט איר טאָכטער, — אויך ניט קיין יונגע פרוי, — וועלכע איז געלעגן אַף צווי ברעטער אין היים מיט אַן אָראָפּגעשניטענעם האַלבן שאַרבן. און דאָן האָט דער גייאָמער פון דער אַלטיטשקער און דער גאַנצער אַרום — די טויטע אַף די ברעטער — געהאַט אין זיך מער לעבן, ווי דער אויסזען פון די קרומע געסלעך אינעם צענטער שטעטל, וווּ עס לאָזט זיך ניט הערן קיין איין לעבעדיקער קלאַנג.

כ'האָב ערשט גערעדט מיט מיילעך סניטקעווערן. דערפאַר טראַכט איך דאָס אַלץ און יראַכט וועגן אַ פאַרשווונדענער וועלט און וועגן מיילעך סניטקעווערן, וועלכער האָט דער ערשטער און דער איינציקער אין שטעטל אופגעוואַכט צום לעבן און זיך גענומען צו זיין אַרבעט.

דאָס איז געווען נאָך גאָר פרי. איך בין געלעגן אין האַלבן דרעמל אַפן שיטערן גראָז, ווו איך האָב גענעכטיקט, צוקאָפּנס בא מיר איז געלעגן מיין רוקזאַק, צוגעשפּאַרט צו דער בריטשקע. כ'האָב נאָך עפּעס ניט קלאָר באַנומען דעם צעהעלטן טאָג, וואָס האָט זיך געצונדן איבער מיין קאָפּ, דורכגעזייפט זיך מיט צאַרטסטע גאָלד־שטראַלן דורכ די ווייעס פון מיינע האַלב־געשלאָסענע אויגן. כ'האָב אַזוי ליב די דאָזיקע רגעס פון אופוואַכונג. פון סאַמע קינדהייט האָב איך זיי ליב. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַזאַ באַקאַנטן קלאַנג: דאָס קלאַפּן פון אַ בלעכער. אין מיין געשעפט האָט זיך אָפּגערופן אַזויפיל אייגנס אין באַקאַנטס אַף דעם. אָט אַזוי פלעג איך דערוואַכן אין מיין קינדהייט, בישעת עס מיט אונדזער שטוב האָט געוווינט אַ בלעכער. איך האָב אפילע אין די ערשטע רגעס פאַרגעסן, וואָס איך בין און ווער איך בין. מיין האַרץ האָט זיך צוגעהערט צו אָט דעם קלאַפּן מיט שטילער פרייד. „עפּעס אַ סאָלדאַט קער זיך מאַכן פון אַ קאָנסערוון־פודעלע אַ בלעכל צום טרינקען, — האָב איך געקלערט, — קלאַפּט זיך אַזוי און קלאַפּט, און באַלד וועט ער האָבן האַנאָע: ער וועט טרינקען טיי פונעם בלעכל".

דערנאָך בין איך כמעט אַזוי אַוועק אַ קוק טאָן אַף דעם, וואָס קלאַפּט אַזוי באַגייסטערט. דאָס קלאַפּן פונעם העמערל, וואָס איז גע־וואָרן אָט שטילער, אָט הילכיקער, האָט מיך געבראַכט צו פירן אין אַ פּוסט געסל. איך בין שטיין געבליבן פאַר אַ קרומען אָנדערהאַלבן־שטאָקיקן הויז. דער ערשטער האַלבער שטאָק איז געווען אַזוי דורכ־געזאַפּט מיט פייכטקייט, אַז דער טינק איז אָפּגעשטאַנען פון די ווענט. פון די רויטע ציגל, דורכגעגעסענע פון נעץ, האָט זיך אַף דער ערד

געשאָטנ שטויב. דער אריינגאנג אינעם דאָזיקנ קעלער-שטאָק איז גע-
ווענ פונ דער ברייטער גאס, איצט איז דאָס געווענ א פונקטע, ווו מיינסטנס הייזער זיינענ צעוואלגערט. אפ דער ברייטער צעעפנטער טיר פונעם קעלער איז געהאנגענ אנ אלטער עמער אונ א צעבויגענער טשייניק. ניט אנדערש — אָנשטאָט א שילד.

כ'האָב זיכ אראָפגעלאָזט אפ די עטלעכע טרעפלעכ אינ קעלער-שטאָק אונ דערזענ דאָ מיילעכ סניטקעווערנ בא דער ארבעט... כ'האָב געקוקט אפ אים, ווי ער שטייט א פארטיפטער אינ זיינ קלאפנ. ער האָט געגלייכט א בלעכ אפ אנ אייזערנעם פירקאנטיקנ שטאנג. ער האָט מיכ די ערשטע רגע ניט באמערקט. געווענ איז אינ זיינע באוועגונגענ, — געוויינלעכע באוועגונגענ פונ א בלעכער, — עפעס אזוינס, וואָס קומט ניט פונ קיינ לעבעדיקנ מענטשנ. פארקלערטס אזוינס אונ פארלאנגזאמטס. אליינ דאָס קלאפנ זיינס קאָר דאָ אינעם האלב-טונקעלנ אונ היפש-כאָרעווונ קעלער-שטאָק איז געווענ ווי עפעס גנ אָנזאָג די טויטע, אז איינ לעבעדיקער איז דאָכ פארבליבנ...

דער בלעכער האָט מיכ דערזענ אונ האָט אוועקגעלייגט דאָס העמערל. ער האָט גענומענ אָפווישנ פונ די הענט דעמ רויטלעכנ זשאווער, געריבנ איינ דלאָניע אינ דער צווייטער. דערנאָכ די רעכטע האנט, — זעט אויס, א געוווינהייט, — נאָכ א ריב געטאָנ אינ בידזשאק אונ דערלאנגט זי מיר.

— שאָלעמ, — האָט ער זיכ צו מיר געווענדט אפ יידיש.

— שאָלעמ, — האָב איכ אימ געענטפערט.

ער האָט מיר באוויזנ דעמ פירקאנטיקנ שטאנג, וואָס איז געווענ איבערגעלייגט פונ איינ נידעריקנ פענצטערל צומ צווייטנ, ווייל קיינ ווערקשטעל איז ניט געווענ, אונ האָט פארלוירנ א קנייטש געטאָנ מיט די אקסל:

— ער האָט דעמ שטאנג ניט צוגענומענ. אלצ האָט ער ארויסגעראמט, אפילע די בלעכ-סטרוזשקעס, אונ דעמ שטאנג האָט ער איבערגעלאָזט אינ ווינקל. איצט קומט ער מיר צונוצ...

כ'האָב געזענ, אז ער איז פול מיטנ פארלאנג צו דערציילנ אונ ווייכט ניט פונ וואָס אָנהייבנ, דערפאר רעדט ער פונ דעמ דאָזיקנ שטאנג. מיילעכ סניטקעווער האָט א שמייכל געטאָנ אזוי טרויעריק, ווי א קראנקער, וואָס מאכט די ערשטע טריט, אזוי אומעטיק אונ עלנט אונ דאָכ מיט אזא אופגעוואכטער קראפט, דעראָבערטער ווירדע, אז מיינ האַרצ האָט זיכ צונויפגעדריקט.

— יאָ, דער שטאנג, דאָס איז גוט... אונ אָט דאָ, אינ דער מיטקופע, אינ דרויסנ האָב איכ געפונענ דאָס העמערל, דוכט זיכ, כ'האָב עס אמאָל פארלוירנ, נאָכ פאר דעמ דייטשס קומענ. איכ געדענק ניט,

נאָר כ׳וואָלט געמעגט שווערנ, אז כ׳האָב עס אמאָל א גוטע שאָ צײַט געזוכט, אונ פייגע, מײַנ ווײַב, האָט עס אויכ גיזוכט, אונ נעכטנ איז עס מיר גלײַכ געקומענ צו די הענט... איכ בינ נאָר ארויס פונ דעם דאָזיקנ געסל, געלאָזט זיכ גײנ אפ די טרעפלעכ, בינ ארופ אפ דער קופּע, איכ זע, — עס שטעקט דאָס הענטל פונ אָט דעם העמערל. ס׳א גוטער סימענ... אונ א שער האָב איכ מיט זיכ די גאנצע צײַט געהאט. מיט דער שער שיידט זיכ א בלעכער קיינמאָל ניט... — ער טוט א וואָרפ א בליק אפ דער שער, וואָס ליגט אפנ פענצטער, אונ ווערט אנשוויגנ.

— האָב איכ א העמערל, א שטאנג אונ א שער. אונ וואָס דארפ דענ נאָכ א בלעכער?.. א בלעכער וואָלט נאָר באדארפט האָבנ זײַנ ווײַב אונ זײַנע קינדער, — טוט ער אײַנ א רעגע ארומ א זאָג מיט טרויעריקער ביטערקײַט, קוקט אפ מיר אָנגעשײַט אינ פרעגוודיק, ווי אײנער, וואָס באווײַזט זײַנ טיפע וווּנד. ער דערווארט זיכ אָבער ניט אפ מײַנ ענטפער. — וואָס קאָנ מענ דענ ענטפערנ, — ער טוט א שווערנ שאָקל מיטנ קאָפּ.

— אונ א באשטעלער האָט זיכ אויכ גלײַכ געפונענ, — זאָגט ער מיט אזא פארלוירענעמ שמייכל, פונקט ווי די ווערטער וועגנ ווײַב אונ קינדער וואָלטנ גאָר ניט ארויסגעבראכט ווערנ, — מײַנ שטענדיקע באשטעלערנ — אניסקא פאנטשענקאָ. פונ לעבנ דעמ וויהאָנ. ס׳האָט בא איר א שפליטער דעמ עמער דורכגעהאקט. „אוי, מיילעכקע, — האָט זי מיכ באגעגנט, — פאריכט מיר דעמ עמער, האָרציקער מײַנער“. האָב איכ איר פאריכט דעמ עמער. אניסקא איז עס ווערט. זי האָט מיכ געהאט צוויי וואָכנ אויסגעבאהאלטנ בא זיכ אינ שײַער, ווענ ס׳האָט געבושעוועט אזא זאווערוכע, אז כ׳האָב זיכ אינ פעלד אינ מײַנ גרוב, אונטער א פארגעסענער סקירדע, ווו איכ האָב זיכ אופגעהאלטנ גט-לעכע כאדאָשימ, בעשומויפנ ניט געקענט אײַנזיצנ. אמאָל פלעג איכ צו איר באנאכט נאָכ עסנ קומענ. איצט מאכ איכ אניסקענ א נײַעמ עמער. זאָל זי האָבנ צוויי. מע דארפ דאָ אלעמענ באזאָרגנ מיט עמערס. שײַעכ צו זאָגנ — מע דארפ א בלעכער...

ער בייגט צונויפ אנ אויסגעגלײַכט שטיק בלעכ, טשעפעט צונויפ די פארבויגענע ראנדנ אונ נעמט זיי פארקלאפנ אפ דעם שטאנג. פונ דער רעגע אָנ איז דאָס בלעכ שוינ פארייקט, קײַלעכיק, עס איז קימאט אנ עמער. מע דארפ נאָר א דעק צולייטנ. אונ דאָס איז אָפגעטאָנ געוואָרנ אינ מעשעכ פונ עטלעכע מינוט, פאר מיר אינ די אויגנ. נאָכ פונ קינדווײַז אָנ פלעג איכ שטוינענ פארנ דאָזיקנ צויבער פונ ארבעט-הענט. אונ עפעס אזא געפיל באהערשט מיכ אויכ איצט. מיילעכ מיטקעווער נעמט די שווערע שער אונ הייבט אָנ

ארומשנייַדנ די אונטערשטע ראנדנ, ווו דער דעק וועט זייַנ, אונ די אייבערשטע, ווו עס וועלנ צוגעמאכט ווערנ האלטערלעכ מיט א הענטל פֿונ דראָט. ער טוט א הייב אופֿ די שער איינדערלופֿטנ, ווי וועלנ-דיק זי מיר באווייַזנ אונ עפֿעס זאָגנ וועגנ איר. ער טוט אפֿילע אנ עפֿנ דאָס מויל, ווו עס פֿעלנ עטלעכע ציינ. נאָר ער פֿארמאכט עס באלד. דער אויסדרוק פֿונ טיפֿער אופֿרעגונג, וואָס האָט זיכ באוויזנ אפֿ זייַנ געזיכט, פֿארשווינדט. ער ווערט טרויעריק פֿארטיפֿט אינ זייַנ ארבעט. פֿארטיפֿט אינ צומעסטנ דאָס קייַלעכיקע שטיקל בלעכ, וואָס דארפֿ פֿארוואנדלט ווערנ אינ א דעק פֿונ אנ עמער.

— אז מיר זייַנענ געוועננ שטילע מענטשנ... — טוט ער א זאָג, לייגט אוועק דאָס קייַלעכיקע שטיקל בלעכ אונ די שווערע שער אונ קוקט אפֿ מיר מיט שווארצע אויגנ, אינ וועלכע ס'איז שרעקלעכ ארייַנצוקוקנ, ווי אינ אנ אָפֿענער גרוב, — אז מיר זייַנענ געוועננ שטילע מענטשנ... ווענ מע האָט גענומענ מיכ אונ מייַנ פֿייגע מיט די קינ-דער, אונ שמועל דעמ ליכטציִער מיטנ ווייַב אונ קינדער, אונ ראכ-מיִעל דעמ מאליער — אנ אלטנ, א יאדעשליוונ, דער קאלכ האָט אימ די לונגענ אויסגעגעסנ, — בענציִענ דעמ שוסטער מיט זייַנע זעקס מיידלעכ אונ מיט דער טויבער שוויגער, — דאָס ווייַב זייַנס איז נאָכ פֿריִער אוועקגעשטאָרבנ, — אונ זכאריע פֿונ דער פֿאָסט — מע האָט אימ אזוי גערופֿנ, ווייַל ער האָט געוווינט דאָרט, ווו ס'איז אמאָל געוועננ די פֿערד-פֿאָסט, אליינ איז ער גאָר געוועננ אנ אייַנבינדער, זכאריע, — אונ זייַנ קרומענ זונ אפֿ די צוויי קוליעס, ווענ זיי, די דייַטשנ, הייסט עס, האָבנ פֿארנומענ דאָס דאָזיקע בינטל מענטשנ אונ אונדז גענומענ טרייַבנ צו די שטאלנ, וואָס ארומ דעמ אלטנ פֿאלעצ, האָב איכ זיכ א טראכט געטאָנ: יעקע-דייַטש, נאָכ וואָס דארפֿסטו טשעפֿענ מענטשנ, וואָס לעבנ זיכ פֿונ זייער ארבעט שטיל אונ בע-נימעסדיק, ווילנ בא דיר גאָרניט אונ בעטנ בא דיר אוואדע גאָרניט, נאָכ וואָס דארפֿסטו זיי אָפּרייַסנ פֿונ זייער ארבעט, ארויסשלעפֿנ פֿונ זייער ווינקל אונ זיי אוועקזעצנ אינ אָט אָ־די שטאלנ אונ האָדעווענ. נו, לאָמיר זאָגנ, אפֿילע מיטנ סאמע ערגסטנ, מיט טרוקענעמ ברויט אונ וואסער — ערגערס ווערסטו דאָכ שוינ פֿאר זיי ניט צוטראכטנ — א טרוקענע סקאָרינקע א טאָג אונ א קריגל וואסער. איז דאָכ עס פֿאָרט פֿאר דיר א הויצאָע. אונ ארבעטנ? וואָס וועט דיר אָנארבעטנ מייַנ דאָווידקע, פֿונ פֿיר יאָר א קינד, אונ מייַנ פֿעסיטשקע, א פּיצל פֿונ צוויי יאָר? אונ אפֿילע מייַנ פֿייגע, וואָס וועט זי דיר טאָנ? ווענ זאָלסט זי אפֿילע פֿאסעווענ מיט ריטער, וועט זי דאָכ קיינ שטיינער ניט טראָגנ. זי קאָנ קאָכנ, וואשנ, זי קענ א העמד איבערנייענ, א קינד אויסצוואָגנ, זי איז א מאמע. זי קאָנ אָפּטראָגנ אנ עמער, ווענ

איך פאריכט אים. נאָר וואָס זשע דארפסטו זי טשעפּען מיט די קינדערלעך? איך — דאָס איז עפּעס אנדערש. קיין אָקס א האָרן וועל איך ניט פארדרייען, נאָר ארבעטן קען איך. איז ווידער טאקע — פון אלע ארבעטן איז די בעסטע ארבעט בא מיר — בלעכערײַ. נאָך וואָס זשע דארפסטו מיך טרײַבן? קיין נאכעס וועסטו פון מיר ניט האָבן.

אזוי האָב איך געטראכט, און א ווייטעק איז מיר געווען פאר דעם, וואָס זכאריעס קרומער באָכער קאָן קיין סאך צופוס ניט גיין, און געטריבן האָט מען אונדז היפּש. געווען איז מיר א ווייטעק פאר ראכמיִעלן דעם מאליער, בא וועלכן עס האָט זיך פונקט ווי אפּצולאָכעס צעשפּילט דער הוסט, און א דײַטש האָט אים געשלאָגן, ער זאָל ניט הוסטן. נו, גיי באפעל א טשאכאָטקע, זי זאָל קיין טשאכאָטקע ניט זײַן. געווען איז מיר א ווייטעק פאר מײַן דאָווידלען. דער דײַטש האָט אונדז אזוי הענדום-פּענדום ארויסגעטריבן פון דער שטוב, אז מיר האָבן ניט באוויזן אָפּזוכן דעם ייִנגעלעס שיכלעך, ווי אין דער ערד זײַנען זיי ארײַן. איצט איז דאָס קינד געגאנגען באָרוועס, און ווער ווייסט, וויפל עס שטייט דעם נאָך פאָר צו גיין.

געטראכט האָב איך אויך, אז מיר, די, וואָס זײַנען דאָ געבליבן, זײַנען עפּעס גאָר ניט קיין קויעך. גאָט מײַנער, א קוק טאָן אף בענציען דעם שוסטער מיט די זעקס מיידעלעך ארום אים, געלינקע און שווארצינקע, א קוק טאָן אף זײַן טויבער שוויגער. דאפקע בייזע אויגן בא איר, דאפקע אזא, וואָס אויב זי דערהערט ניט, אז מע זאָגט איר א גוט וואָרט, איז זי גרייט מיינען, אז מע זאָגט איר שלעכטס און וועט אויסזידלען. כ'האָב זי ניט ליב געהאט אמאָל, א קוק טאָן אף איר איצט און א קוק טאָן אף לייבושן פון דער טאָרהאָוויצע — א הויכער זיבעציקיאָריקער ייִד, וואָס האָט אכט זין, אלע זײַנען זיי אוועק אין דער ארמיי, און ער איז איצט הויל און בלויז, ווי אן אָפּגעשלאָגענע הוישײַנע, און נעמען אָט דעם זכאריע פון דער פּאָסט און נאָך א האלב צענדליק אזעלכע לײַט. עפּעס זײַנען מיר גאָרנישט ניט ווערט קעגן אן אווטאָמאט, האָב איך געטראכט. אזוי איז יעדערער פון אונדז געווען א בעריע אין זײַן פאך. א גיבער, וואָלט איך געזאָגט. ווײַל ווער קאָן אזוי אויסצאצקען א קארניז פון א הויז, ווי ראכמיִעל, און ווער וועט אזוי איבערדעקן א דאך, ווי אָט דער שטילער כאיִם דער טשערעפּיטשניק?

און געבענקט האָב איך איצט, גייענדיק אזוי אין דער מאכנע געטריבענע ייִדן, ווײַבער און קינדער, נאָך די ברידער רופּ, די שמידן, וואָס זײַנען אוועק אין ארמיי, נאָך מייערקע דעם טרעגער מיט זײַנע „פּלימעניקלעך", ווי מע פלעגט זיי רופן — פינף יאטן, יאָדערדיקע, איינס אין איינס. דאָ מיט אונדז זײַנען געגאנגען די „פּלימעניקלעכס"

קאלעס, שיינע מיידלעכ ווי די זונענ. די כאסאנים, וואָס זײַנענ אלע אפנ יאמ, שטעלנ זיכ עס גאָר ניט פאָר. כ'האָב געבענקט נאָכ די מישקעס פונ דער גארבער-גאס אונ נאָכ אונ נאָכ אזעלכע לײַט. ווענ זיי זײַנענ דאָ, האָב איכ געטראכט, וואָלט מענ געקענט עפעס אופטאָנ.

כ'האָב נאָכ אליינ ניט געוווסט, נאָכ וואָס איכ טראכט דאָס, נאָר זעענדיק די דײַטשלעכ מיט די אווטאָמאטנ, — זאלבעצווייט האָבנ זיי אונדז געפירט, — האָט זיכ מיר געוואָלט פילנ זיכ אזוי, אז ניט קיינ קינד ליגט אפ מײַנע הענט, נאָר אז פונ ביידע זײַטנ בא מיר גייענ אזעלכע יונגענ, וואָס לאָזנ זיכ ניט קריוודענ...

מיילע, נו, וואָס איכ האָב דאנ געטראכט...

מע האָט אונדז געטריבנ צו די שטאלנ, אונ מיר זײַנענ אהינ געגאנגענ אונ ניט געוווסט, ווו וועלנ מיר דאָרט שלאָפנ אונ וואָס וועלנ מיר דאָרט טאָנ. מיטאמאָל, — מיר זײַנענ שוינ צוגעגאנגענ צו די שטאלנ, — האָבנ זיכ באוויזנ נאָכ עטלעכע דײַטשנ אונ מע האָט בא אונדז אָנגעהויבנ צונעמענ די קינדער. „נאָכ וואָס?" — האָב איכ א פרעג געטאָנ בא איינעמ א דײַטש. האָט ער מיר דאפקע געענטפערט: „סע וועט זיי זײַנ בעסער". האָב איכ ווידער ניט פארשטאנענ. דאָ, ארומ די שטאלנ, אינ דעמ אלטנ פאלעצ, קאָנ מענ נאָכ געפינענ גאנצע צימערנ. איז עפשער וועט מענ דאָרט באשטאטנ די קינדער? ס'איז טאקע פאר זיי גאָר קיינ אָרט ניט אינ די שטאלנ. נאָר אויב שוינ יאָ אזא זאָרג, פארוואָס זשע זאָלנ מיר, די עלטערע, זײַנ אינ די שטאלנ, ווי א מינ פי? די מאמעס האָבנ אפילע געמאכט גוואלדנ ביזנ הימל, נאָר איכ אליינ האָב זיי בארויקט: „נאָכ וואָס שרײַט איר, מע מאכט דאָכ עפשער פאר די קינדער בעסער. מע וועט זיי ערגעצ האלטנ אינ ריינקײַט". אליינ האָב איכ אינ דעמ שוואכ געגלייבט. נאָר א מענטש מוז דאָכ גלייבנ אינ עפעס, עלע ניט וואָלט ער מעשוגע געוואָרנ.

ווענ אָבער ס'איז שפעטער געקומענ צו לויפנ צו אונדז אינ די שטאלנ זעלדע די קאָוואליכע, איינעמ פונ די רופס א ווײַב, דורכגעשמוגלט זיכ פארבײַ דעמ דײַטשישנ וואכמאנ, וועלכער איז פארכידעשט אָפגעטראָטנ אונ איר געלאָזט א וועג דורכ די דראָט-פארצוימונגענ, — מע האָט אונדז שוינ געהאט ארומגעצוימט, — אונ זי האָט גענומענ שרײַענ, זעלדע, עפעס גאָר ניט ווי קיינ קלאָרע, געקלאפט זיכ מיט ביידע הענט אינ קאָפ, געריסנ אפ זיכ די האָר אונ נאָר איבערגעכאזערט: „סימכעלע, מײַנ יינגעלע, מע האָט אימ דעמ קאָפ אָנ א שטיינ געפלעט"... ווענ מיר האָבנ דאָס דערזענ אונ דערהערט, איז אונדז דאָס בלוט פארקילט געוואָרנ אינ די אָדערנ. זעלדע איז מעשוגע געוואָרנ, די אויגנ זײַנענ איר ארויסגעקראָכנ פונ די לעכער.

פאַרוואָס איז זי פונ אָנהייב דאָ מיט אונדז ניט געווענ, ווו האָט זי זיכ אויסבאַהאַלטנ און וואָס איז מיט איר סימכעלענ טאַקע געשענ? עפּעס האָט נאָכ קיינ מענטשישער אויער אַזוינס ניט געהערט, אונ נאָר אַ מעשוגענע האָט אַזעלכע ווערטער געקענט אַרויסברענגענ. אונ דאָ האָט אינ זעלדענ מיטאַמאָל זיכ דערוועקט עפּעס אַ בייזקייט, זי האָט זיכ אופגעהויבנ פונ דער ערד, האָט אופגעהערט קלאַפּנ זיכ מיט די פויסטנ אינ קאָפּ אַריינ, האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט אַנ אָנגעשטעלטנ פינגער, אונ אַרומגייענדיק אַלע מענטשנ, וואָס זיינענ, פאַרשטיינערטע אינ יִיעש אונ פּיינ, געזעסנ אַפּ דער ערד, גענומענ טייטנ אַפּ יעדנ באַזונדער:

— אונ דיינ קינד אויכ דעמ קאָפּ אָנ שטיינ געפּלעט... איכ האָב געזענ... אונ דיינע אויכ, בענציענ, די זעקס מיידעלעכ, זיי האָבנ געשריגנ... אונ איירע, אונ איירע... אַלעמענס...

זי האָט אַ טייט געטאָנ אַפּ מיינ פייגענ, אונ יענע האָט אַ בראָכ געטאָנ מיט די הענט: „אוי, דאָווידל מיינער אונ פעסינקע". כ'האָב גענומענ שרייענ: וואָס גלייבט מענ אַ מעשוגענער. כ'האָב זיכ אַ וואָרפּ געטאָנ צו זעלדענ, געוואָלט איר אינ אויער אַריינשרייענ מענטשלעכע ווערטער, קלאָרע ווערטער, זאָגנ איר, אַז זי זאָל קיינ מעשוגענע רייד ניט ריידנ. נאָר זי איז שוינ געזעסנ אַפּ דער ערד אונ געוויינט, שטיל געוויינט, פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעמ. וואָס ווערסטו צו איר ריידנ?.. —

מיילעכ סניטקעווער נעמט די שווערע שער אונ קוקט אַפּ איר שוויַיגנדיק. ער טוט זי עפּעס ווי אַ וועג אָפּ אינ ביידע הענט. דער-נאָכ פירט ער איבער דעמ פאַרגליווערטנ בליק אַפּ מיר, די מוסקולנ פונ די קינבאַקנ, וועלכע זיינענ באַדעקט מיט שיטערע קוטשעראַווע האָר, באַוועגנ זיכ בא אימ.

— וואָס וואָלט איר געטאָנ, ווענ מע פירט אייכ צומ שיסנ? — טוט ער מיכ מיטאַמאָל אַ פרעג. — איר וואָלט געגאַנגענ, ווי אַ שאָפּ צו דער שכיטע, צי איר וואָלט געפּרוּווט אַנטלויפנ? כ'האָב שוינ גע-זענ, ווי מע פירט מענטשנ צומ טויט, מערסטנטייל גייענ זיי גע-האָרכזאַמ, אַראָפּגעבויגנ דעמ קאָפּ, די הענט אַראָפּגעלאָזט. מיר דוכט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער מענטש גלייבט ניט ביז דער לעצטער מינוט, אַז מע מיינט אימ טאַקע הארגענענ, אַז מע וועט אימ הארגענענ. ער קענ זיכ ניט פאָרשטעלנ, אַז אָט ער, וואָס אָטעמט, זעט, פילט, טראַכט, וועט דאָס אַלצ באַלד ניט קענענ טאָנ. אונ מע גלייבט אויכ, אַז עפּעס וועט פאָרקומענ אינ דער לעצטער מינוט, אונ דער טויט וועט אויסגעמיטנ ווערנ. איכ בינ געגאַנגענ צומ טויט אונ געוווּסט, אַז מע וועט מיכ הארגענענ. עס האָט מיר

נאָכגעשריגן דאָווידקע מײַנער און פעסיטשקע, איך האָב געזען, ווי זיי מאכן צו מיר מיט די הענטלעך. כ׳האָב זייערע קעפּלעך ניט געזען, און די פּנעמלעך ניט געזען, און דאָס איז געווען דאָס סאמע שרעקלעכסטע. כ׳בין עפּעס אויך א ביסל ווי פון זינען אראָפּ. לעבן מיר איז געגאנגען פייגע. נו, זי איז שוין געווען אפ האלב א פּריטשמעליעטע. זי האָט נאָר געשעפּטשעט: „מיילעך, וואָס האָבן זיי מיט אונדזערע קינדער געטאָן?" זי האָט גאָרניט באנומען, וואָס עס קומט פאָר מיט איר, ווּהין מע פירט אונדז.

מיר זײַנען געווען די דריטע פּארטיע, מיט אונדז איז אויך געווען ראכמיעל דער מאליער, נעכעמיע דעם שוסטערס טויבע שוויגער. זי האָט אלע מאָל פארלוירן א שוך און זיך אָנגעבויגן צוקרעמפּעווען דאָס שטריקל, געווען איז דאָ אויך עפּעס א פרעמד ווײַבל, וואָס מע האָט געבראכט צו טרײַבן פון א דאָרף, און א ייִנגל פון א יאָר פערצן, מינאסטאמ איר ייִנגל. אונדז אלעמען האָט געטריבן איין דײַטש. איך מוז אים אײַך אָפּמאָלן: א פליכעוואטער, ניט קיין הויכער, א ברייט, ראזירט, אָפּגעלאָזן פּאָנעם מיט קנייטשן, וואָס ציִען זיך פאסנווײַז פון די באקן און גיסן זיך צונויף מיטן גוידער. אויגן טעמפּע און פוסטע. געגאנגען איז ער אָנעם רעקל, נאָר אין קאמזויל, זעט אויס, געוווינט צו דעם שטיקל ארבעט און האָט ניט ליב איבעריקס פארשוויצט ווערן. אונטערן קאמזויל האָט מען געזען, אז די הויזן האלטן זיך בא אים אפ שלייקעס און הענגען א ביסעלע אראָפּ. צי זיי זײַנען אים ניט לויט דער מאָס, צי דער בויך איז אים א ביסל אראָפּ פון אזויפיל מארשירן... גראָבע, פארשטויבטע שטיוול... כ׳האָב אפ אים עטלעכע מאָל א קוק געטאָן און גוט באטראכט. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט זען דעם מענטשן, וואָס הארגעט מיך.

גייען מיר, און אין ארבל טראָג איך די שער. פון שטענדיק א געוווינהײַט — אָן דער שער אין ערגעץ ניט. מיר האָבן זיך ארויסגעקליבן פון שטעטל, פארקערעוועט פון ברייטן וועג צום הארבסטוויהאָן, ווו די בעהיימעס אונדזערע פלעגן זיך פּאשען ביז די ערשטע שנייען, ווען ווײַט טרײַבן זיי לוינט שוין אלציינס ניט. נו, קלאָר: פונדאנען גייען מיר צו די מאָהילקעס — א פארלאָזטער בעסוילעם נאָך פון די טערקישע צײַטן. איז אָט דאָ, הייסט עס, טראכט איך מיר, דער סאָף. און מיר זײַנען אליין אין פעלד. די, וואָס דארפן באלד אומקומען, און דער דײַטש, וואָס דארף אונדז שיסן. דער וואלד איז ניט גאָר ווײַט — א קנאפּע ווערסט. און מיטאמאָל טו איך זיך א גלײַך אויס, איין באוועגונג און די שער איז אין די הענט מיט די קײַלעכיקע אויערן פאָרויס. זי וועגט עפּעס? איך טו זיך

אַ צי אויס, דער דײַטש קוקט אַף מיר פאַרוווּנדערט. איך שטיי מיט אים פּאָנעם צו פּאָנעם. די האַנט פאַרהייבט זיך אַליין און גיט זיך האַסטיק אַ וויג אײַנדערלופּטן. די שער טוט אַ האַק דעם דײַטש אין שלייף אַרײַן, אַז ער טוט אַ פאַל אָן אַ פּיפּס אַף דער ערד. איך שטיי אַ רעגע לעבן אים. די רעגע איז וווּרט אַ גאַנץ לעבן — ס'איז האַנאָע, וואָס מע זאַפּט זי אײַן מיט אַלע אייוורים. דערנאָך בין איך זיך גרייט אַ וואָרף טאָן לויפן. איך טו אַ שטרעק אויס די האַנט נאָך מײַן פייגעס האַנט. נאָר יענע טוט עפּעס אַ טראָט אָפּ פון מיר און נעמט שרײַען ניט מיט איר קאָל. און נאָך איר דאָס פרעמדע ווײַבל מיטן פּערצניאָריקן באָכערל; די טויבע שוויגער דעם שוסטערס נעמט, זיך עפּעס שטיקן און שלוקערצן, די אויגן קריכן בא איר אַפּן שטערן אַרויס, ראַכמיִעל דער מאַליער שטייט ניט טויט, ניט לעבעדיק, ווי ער זאָל אײַנגאַנצן זײַן פון קאַלך. די קינ ציטערט בא אים, און ער קען קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען. און דאָס ווײַבערשע געשריי שפּאַלט דעם מויעך. „לאָמיר לויפן!" — ווײַז איך זיי מיט די הענט אין פאַרצווייפלונג, און אַליין פיל איך, אַז די פיס האַקן זיך מיר אויך אונטער און כ'וועל זיך באַלד פון אָרט ניט קענען רירן, נאָר מײַן פייגען, דאָס פרעמדע ווײַבל מיטן יינגל און די טויבע אַלטע האָט ווי אַ דונער דערשלאָגן. זיי זײַנען ווי צו־געוואַקסן צום אָרט, זיי קוקן ווי דולע אַפן טויטן דײַטש און שרײַען: „וואָס האָסטו געטאָן!", „וואָס האָט איר געטאָן?".

ס'האָבן זיך שוין באַוויזן דײַטשן אַף דער גאַס פון דאָרף, צי זיי האָבן דערזען, אַז עפּעס קומט פאָר, צי דערהערט די גוואַלדן. קיינער כוץ מיר איז ניט אימשטאַנד געווען זיך לאָזן לויפן. אָט אַזוי זײַנען זיי שטיין געבליבן לעבן טויטן דײַטש. אין די לעצטע רעגעס בין איך אַוועק. מיר דוכט, אַז די שווערקײַט פון דער שער אין האַנט האָט מיך געשלעפּט און געטריבן אין וואַלד אַרײַן און ווײַטער, צו די אָזערעס, אין סאַמע געדיכטעניש, איך האָב געהערט די שיסערײַ אַרום טויטן דײַטש און בין געלאָפן ווײַטער...

— אָט אַזוי בין איך געבליבן איינער... — האָט מיילעך שטיל פאַרענדיקט.

איצט זיץ איך אַף דער איבערגעקערטער בריטשקע און הער דאָס קלאַפּן פונעם העמערל. אָט שטיל און אָט העכער. מיט היסלײַוועס קלאַפּט דאָס העמערל אינעם בלעך. און מיר דוכט, אַז איך הער אַזוי דאָס קלאַפּן פון אַ האַרץ, וואָס האָט אַ סאַך צו דערציילן, וואָס מיט קיין ווערטער קאָן מען דאָס עפּשער ניט אַרויסגעבן — וועגן אַ לעבנס־כויוו פון אַזאַ איינעם, וואָס בלײַבט אײַנגאַנצן איינזאַם, נאָר דאָך לעבעדיק, און איך טראַכט, אַז מיילעך איז דאָ טאַקע דער איינצי־

קער, אָבער ניט דער לעצטער. ער איז דער ערשטער, מיילעכ. איז דאָכ געווענ דאָ אמאָל, אפ אָט דער ערד, מיט הונדערטער יאָר צוריק אזא ערשטער. עפשער איז ער אויכ געקומענ אהער מיט א שער אונ העמערל, אונ עפעס א פויערטע, א אָניסקע צי א יאָוודאָכע, האָט פונקט גענאַרפט פאריכטנ אנ עמער, איז ער פארבליבנ טאָנ דאָס דאָזיקע שטיקל ארבעט.

דאָס העמערל איז אנשוויגנ געוואָרנ, אונ איכ האָב עס אפילע ניט באמערקט. כ׳האָב נאָר א ציטער געטאָנ, ווענ א שטימ האָט א קלונג געטאָנ הארט איבער מײַנ אויער, כ׳האָב אופגעהויבנ מײַנ קאָפ אונ דערזענ מיילעכנ מיטנ גרייטנ עמער אינ האנט.

— דאָס איז געווענ נויעכ דעמ באלעגאָלעס הויפ, אונ דאָס איז טאקע זײַנ בריטשקע... א יאָר פופצנ אוואדע האָט נויעכ אָפגעפײַפט מיטנ בײַטשל קיינ סטריזשענעצ אונ צוריק. א ווערסט צוועלפ פונדאנענ, אונ די בריטשקע האָט אימ געטרײַ געדינט. אפ דער דאָזיקער בריטשקע בינ איכ געפאָרנ א כאָסנ ווערנ צו מײַנ פייגענ קיינ סטריזשענעצ. אונ אפ איר געבראכט זי אהער.

ער שטייט א רעגע פארקלערט אונטער דער לאסט פונ דערמאָנונגענ. דערנאָכ טוט ער א טרייסל מיטנ קאָפ:

— נויעכ וועט זיכ אומקערנ. ער איז ערגעצ אוועקגעפאָרנ מיט זײַנע טעכטער אינ סאמע אָנהייב מילכאָמע. ער וועט קומענ. צי די אלטע בריטשקע וועט נאָכ פאָרנ קיינ סטריזשענעצ — ווייס איכ ניט, נאָר נויעכ אליינ וועט אוואדע קומענ מיט זײַנע טעכטער אונ מיט זײַנע אייניקלעכ. עכ, איז עס דאָ אמאָל א לעבעדיקער הויפ געווענ! נו, לאָמיר האָפנ אונ ווארטנ!

Montreal
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

אינהאלט

	זײַט
דער ארטיסט	3
דער עלטסטער פונ מײַנ שטאמ	17
טאסיע	30
האָרפּינקע	68
לײבעלע־־טימקאָ	76
עסטערס ליבע	90
הורימענקאָ	107
דער דריטער באטאליאָנ	118
דער היסטאָריקער	143
אײנער אינ שטעטל	157

Редактор *Б. Котик.* Обложка худ. *И. Тененбаума.*
Тех. редактор *А. Кантор.*

Сдано в производство 3/IV-45 г. Подписано к печати 22/VIII-45 г.
Б—15146. $10^1/_2$ печ. л. $8^3/_4$ учетно-изд. л. Формат 84X110 $^1/_{32}$.
Тираж 7.500 экз. Заказ №1734. Цена 8 руб.

13-ая типография треста „Полиграфкнига“ ОГИЗа при СНК РСФСР.
Москва, Денисовский пер., 30.